STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 11543

A TEKUFEH FUN 60 YOHR

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

אַ תקופה פון 60 יאָהר

אַ זאַמעלבוך אין אידיש און העברעאיש
לכבוד דעם 60 יאָהריגען יובילעאום

פון

הרב משה ראָזענבלאַט

אין דריי טהייל

ר ע ד אַ ק ט אָ ר :

ה ר ב ר פ א ל ש ו ח ט

אַרויסגעגעבען פון דעם

י ו ב י ל ע א ו ם ק אָ מ י ט ע ט

121 איסט 24טע סטריט, ניו־יאָרק (דריטער שטאָק)

ניו־יאָרק — התרצ"ז.

Published by

Jubilee Committee of the 60th Anniversary of

RABBI MOSES ROSENBLATT

NEW YORK, 1936

S. Schreiber, Treasurer, 121 East 24th Street, New York City

א י נ ה אַ ל ט

ערשטער טהייל — אין אידיש

צו די לעזער, רעדאקטאָר 7

ווען ניט משה, הרב רפאל שוחט 8

מיין יוגענט חבר, אברהם גאלדגאל 10

דער אידישער קולטור עסקן, פנחס ספיוואק 16

דער קיעווער ה„חבר", ד"ר הערמאן פראנק 22

דער ליכטיגער און גלויביגער, ד"ר א. א. גאלדין 29

הסתדרות המורים העברים ברוסיה, ז. פישער 33

די בלוטיגע מלחמה און די רעוואָלוציע, סאָפיע עפשטיין 38

דער קעמפער מיט די יעווסעקען, חיים סאדאוו 45

דער אייביג יונגער, מ. מ. גוזמאן 55

זכרונות וועגען יובילאר, יוסף שעהנהייט 61

א נס, מלכה שניידער 68

ראָזענבלאט אלס אינסטרוקטאָר, בנימין דעלעגאטאר 71

די קדושים פון זעלבסטשוץ אין קיעוו, א. י. פאניטש 74

א באַצאָהלטער נדר, פון קיעווער חברים 78

וויכטיגע מאָמענטען פונ'ם לעבען פון יובילאר, סעם ראָזען 81

ליכט און שאָטען, א. ל. ראָזענבלאט 94

פון א שוועסטער צו א ברודער, צינה וואולף 98

דער רב פון אונזער שוהל, זאב הלוי בורשטיין 100

דער דרך הדרש פון ראָזענבלאט'ן, אהרן עלפענביין 103

צווייטער טהייל — אין העברעאיש

ברכה לידידי הרב מ. רוזנבלט, הרב מאיר ברלין 111

ליובל עסקן מזרחי, הרב יעקב לווינזון 111

והאיש משה, א. ל. גלמן 112

המנהיג והחיל, הרב מרדכי קירשבלום 114

על משה רוזנבלט, צבי הירש מאסליאנסקי 115

לעדין הנפש ונקי הדעת, הרב זאב וואלף לייטער 115

העברי והציוני, ד"ר שמעון ברנשטיין 116

ברכות יעטה מורה, אב. גולדברג 118

הפודה ומציל, הרב נ. שפירא 119

רבם של הצעירים המתלמדים, שמואל פיטליק 123
פדיון שבויים, אביגדור המאירי 127
לרע נעורי, רבי עזריקם ספרא 131
שני מכתבים, פרופ. חיים טשרנוביץ 132
קודש וחול, הרב יעקב דוב גורדון 134
האור הגנוז, הרב זלמן רייכמאן 136
עשר שנות עבודה בפיטסבורג, נ. סעוויטש 138
אגרת ברכה מקיוב 140
רחשי לב למשה רוזנבלט, דניאל פרסקי 142
אלה שמות החיילים 144

דריטער טהייל — בריעף און באַגריסונגען

אַ הארציגער וואונש, יעקב און ראָזע ראָזענבלאַט 151
אונזער חוב, דוד פוירלמאַן 153
ליכא מילתא דלא רמיזי באוריתא,
האדומו"ר הר"ר משה שניאורסאָן־טווערסקי 155
A Loyal Moshe to Torath Moshe by M. Morton Rubenstein .. 156
בריטשאַן און בריטשאַנער, שמואל שרייבער 157
מיין ווארימע באַגריסונג, נפתלי שעהנפעלד 159
צום יובילעאום קאָמיטעט, רעוו. שמעון ראָזענבערג 161
ביהכ"נ „בית יוסף" (באַגריסונג) 162
אַ וואָרט צו דער לידים אַקזילערי, פיגא פוירלמאַן 163
צוויי בריעף פון פיטסבורג 168
וזאת הברכה, משפחת בורשטיין 171
ברכה לראש משביר, אהרן פערלאָוו 173
זכרון בספר, הרב שאול ביק 173
ברכות ומודעות 174

ערשטער טהייל

אין אידיש

צו די לעזער

לכתחילה האָבען מיר געהאַט אין זינען ארויסצוגעבען אַ פאָל־קאָמע ביאָגראַפיע פון משה ראָזענבלאַט, וועלכע שפּיגעלט אָפּ אַ גאַנצע עפּאָכע פון אידישען לעבען אין אוקריינע. אָבער צוליב גע־וויסע אורזאַכען, האָבען מיר געביטען דעם פּלאַן און אנשטאָט אַ ביאָגראַפיע גיבען מיר איינצעלנע ארטיקלען, אָפּשאַצונגען און מע־מוארען געשריבען פון פאַרשיידענע מענשען, וועלכע האָבען געלעבט צוזאַמען מיט אונזער יובילאַר און איהם געזעהן אין דער אַרבייט. דער לעזער וועט זיך שוין אַליין איבערצייגען אין דעם העלדישקייט און וויכטיגקייט פון אונזער יובילאַר, טראָטץ דעם וואָס די אַרטיקלען באַשרייבען בלויז איינצעלנע מאָמענטען פון זיין אַרבייט און אָהן כראָנאָלאָגישער צוזאַמענשטעלונג. עס איז פאַרשטענדליך, אַז פיל מאָמענטען און עפּיזאָדען זיינען אויסגעלאָזען געוואָרען, פאַר וועלכע מיר האָבען קיין שרייבער אין אַמעריקא ניט געפונען. מיר ווילען טאַקע דאָ אונטערשטרייכען אַז נאָר צו מענשען, וועלכע לעבען מיט אונז דאָ אין אַמעריקאַ האָבען מיר זיך געווענדעט פאַר מאַטעריאַל; פיל מעהר געפינען זיך אין ארץ ישראל, וועלכע ווייסען די ווערטה און גרויסקייט פון ר׳ משה ראָזענבלאַט און נאָך מעהר זיינען פאַר־בליבען אין קיעוו, וועלכע פיהלען דאָס אָפּוועזענהייט פון יובילאַר, אָבער זיי זיינען מאַכטלאָז און „שטום” צו קענען דערצעהלען וואָס זיי ווייסען און אויסדריקען זייערע געפיהלען.

מיר האָפען, אַז עס וועט נאָך קומען אַ געלעגענהייט, ביי וועל־כער מיר וועלען האָבען דאָס מעגליכקייט ברענגען אויף דער שיין די פולע ביאָגראַפיע פון ר׳ משה ראָזענבלאַט, וועלכע איז אָנגע־פּיקעוועט מיט וואונדער מעשה׳לאַך און עפּיזאָדען ווי אַ מילגרוים מיט קערענדלעך און לעזט זיך ווי אַ באַשרייבונג פון אַ לעגענדאַריש־מיסטעריעזער פערזאָן.

מיר האָפען, אַז די אידישע נאַציאָנאַל־ציוניסטיש־העברעאישע וועלט וועט באַגרייפען וואָס ר׳ משה ראָזענבלאַט האָט געטאָהן און זיך באַציהען צו איהם געהעריג ווי ער האָט פאַרדינט.

ר ע ד א ק ט אָ ר:

ווען ניט משה...

(צום 60־יעהריגען יובילײ פון ר׳ משה ראָזענבלאַט)

פון רפאל שוחט

א גרויסע געשעהניש, א נס און אַזוי אויך א באַריהמטער מענש, קען אָפּגעשאַצט ווערען ריכטיג נאָר דאַן ווען מיר באַטראַכטען ווי מ׳וואָלט אויסגעקומען אָהן דעם, ערשט דאַן ווערט בולט די וויכטיגקייט דערפון.

אונזערע חכמים האָבען זיך טאַקע אַזוי נוהג געווען. שוין אין דעם ערשטען קאַפּיטעל פון דער הגדה, וואו עס ווערט דערצעהלט דער נס פון יציאת מצרים, לעזען מיר: „ואילו לא הוציא הקדוש ברוך הוא את אבותינו ממצרים״... — און ווען גאָט, ברוך הוא, זאָל ניט געווען ארויסנעהמען אונזערע עלטערען פון מצרים, דאַן וואָלטען מיר און אונזערע קינדער און קינדס־קינדער געווען פאַרשקלאַפּט ביי פּרעה אין מצרים.

מיר פייערען איצט דעם זעכציג יעהריגען געבורטסטאָג פון א מענשען, וועלכער איז אַליין איין גרויסע פּאַסירונג, וואָס באַשטעהט פון קליינע פּאַ־סירונגען און געשעהנישען.

זעהר שטורמיש, צרה׳דיג און יסורים׳דיג איז געווען דאָס לעבען פון די אידען אין אוקריינע אין משך פון די לעצטע פערציג יאָהר. מעהר ווי אומעטום האָבען זיך די צרות קאָנצענטרירט אין דער הויפּשטאָדט פון אוקריינע — קיעוו. און דאָרט האָט געלעבט א מענש מיט׳ן נאָמען משה ראָזענבלאַט, וועלכער ווי א מלאך פון הימעל פון גאָט אַליין געשיקט האָט מציל געווען, געהאָלפען, אויסגעלייזט, באַזאָרגט, געראַטעוועט כלל ישראל און פּרט ישראל ביי יעדער געלעגענהייט, ביי יעדער צרה און האָט גאָר ניט געטראַכט וועגען זיך אַליין, אַז ער שטעלט זיך און זיין פאַמיליע אין א סכנה דורך זיין פייערדיגער שתדלנות. אַזוי האָט ער געאַרבייט גאַנצע דרייסיג יאָהר.

מעהר פון אַלע קען באַגרייפען און פיהלען דער מענש, אָדער די מענ־שען, וועלכע זיינען דורך ראָזענבלאַט׳ן געהאָלפען געוואָרען. הגם, עס זיי־נען פאַראַן צווישען אונז אַזעלכע, וועלכע זיינען יעצט צווישען די לעבע־דיגע בלויז א דאַנק דעם וואָס ראָזענבלאַט האָט זיי געראַטעוועט פון תליה אָדער פון געשאָסען צו ווערען, און איצט געפינען זיי פאַר מעגליך ניט צו

זיין דאַנקבאַר, ווי דער חזיר פון קרילאָוו'ס פאַבעל, וועלכער האָט געריסען די וואָרצלען פון דעמב, נאָכדעם וואָס ער האָט אויפגעגעסען די ניס פון ארום איהם.

אָבער, איידעלע מענשען, מענשען מיט כאַראַקטערען געדענקען גוט ראָזענבלאַט'ס מעשים. איינעם פון דעם סאָרט מענשען איז דער באַוואוסטער העברעאישער פּאָעט און שריפטשטעלער אביגדור המאירי (פייערשטיין), וועלכער גיט אָפּ אין זיינע באַשרייבונגען פון זיינע איבערלעבענישען אין רוסישען געפענגעניש פיעל פלאַץ פאַר משה ראָזענבלאַט, וועלכער האָט איהם געראַטעוועט פון אַ זיכערען טויט.

אָט וואָס אביגדור המאירי זאָגט וועגען ראָזענבלאַט'ן:

„עס טוט מיר לייד וואָס איך בין ניט קיין סקולפּטאָר. איך וואָלט אויסגעהאַקט אַ סטאַטוע פון משה ראָזענבלאַט אַזוי ווי ער איז: זיך איילענדיג, לויפענדיג, זיין באָרד צופּאַטעלט און די קאַפּאָטע פליהענדיג אין דער לופטען, אין איין האַנד האַלט ער אַ גרויס הארץ און אין דער צווייטער האַנד — אַ פּאַהן מיט'ן אויפשריפט „פּדיון שבויים" און דער נאָמען פון דער סטאַטוע: דער איד".

(זעה „בגיהנום של מטה", קאַפּיטעל ח')

יאָ, אין דעם זכות פון משה ראָזענבלאַט'ס מסירת־נפש האָבען מיר העברעאישע לעזער זוכה געווען צו די שוין ארויסגעגעבענע דריי בענדער פון העברעאישען פּאָעט און דערצעהלער, אביגדור המאירי און ער וועט נאָך שאַפען און שאַפען, ווייל ער איז נאָך יונג.

עס זיינען פאַראַן נאָך העברעאישע ליטעראַטען, וועלכע זיינען דורך ראָזענבלאַט'ן געראַטעוועט געוואָרען פון טויט און יעצט לעבען זיי מיט אונז און שאַפען עפּעס פאַר דער העברעאישער ליטעראַטור.

הגם, משה ראָזענבלאַט פאָדערט ניט קיין דאַנקבאַרקייט, אָבער עס איז אונזער חוב איהם צו דאַנקען וואָס ער האָט אַזוי פיל געטאָן דירעקט און אומדירעקט פאַר דער העברעאישער ליטעראַטור, פאַר'ן העברעאישען חינוך און פאַר'ן חלוציזם אין ארץ ישראל.

און ווי געזאָגט, אום צו באַגרייפען די גרויסע ווערטה פון משה ראָזענבלאַט דאַרף מען אַ טראַכט טאָן: „ווען ניט משה" ... די אידען, ציוניסטען און העברעער, וועלכע זיינען פאַרבליבען אין קיעוו טריי צו זייער אידעאַל פיהלען איצט משה ראָזענבלאַט'ס אַבוועזענהייט. זיי ווייסען דעם טעם פון „ווען ניט משה". זיי פיהלען עס. עס איז דעריבער גאָר קיין וואונדער ניט וואָס איך און נאָך מענשען האָבען געקראָגען אַזעלכע וואַרימע בריוו פון קיעוו, פון באַוואוסטע עסקנים און שריפטשטעלער פון אַמאָל

אויפפאָדערונג אונז צו פייערען עפענטליך דעם זעכציג יעהריגען יובילייִ פון דעם גרויסען מאַרטירער פאַר אידענטהום און אידישקייט.

איך ווינש, אז דער דאָזיגער יובילייִ זאָל עפענען די אויגען פון אמע־ריקאַנער אידענטהום זיי זאָלען באַגרייפען ווענמען מיר האָבען די זכיה צו האָבען אין אונזער מיטען. עס זאָל איהם געגעבען ווערען אַ מעגליכקייט און אַ געלעגענהייט צו פאַרזעצען זיין פּרוכטבאַרע ארבייט פאַר'ן ציוניזם, חינוך און ליטעראַטור אויך דאָ אין לאַנד פון מאַטעריאַליזם, הגם דאָ ווערט אַלעם געשאַצט אין געלט און משה ראָזענבלאַט איז אַ סמל פון אַ שונא בצע.

איך וואונש הרב ראָזענבלאַט ער זאָל ווייטער אויסנוצען זיין כח, צייט און ענערגיע פאַר'ן רוחניות, פאַר'ן גייסטליכען צושטאַנד פון אמע־ריקאַנער אידענטהום כיד ה' הטובה עליו.

מיין יוגענט חבר

(צום 60 יעהריגען יובילעאום פון הרב ר' משה ראָזענבלאַט)

פון זיין יוגענט חבר **אברהם גאָלדגייל**, בראָנקס

אין אונזער שטעדטעל בריטשאני, בעסאַראַביער גובערניע האָט מען גערעדט אין אַלע ווינקלען וועגען אַ וואונדער קינד משה'לע, אַזוי האָט מען איהם פערצויגען מחמת ליבשאַפט. ווען ער איז אַלט געווען צעהן יאָהר האָט ער שוין געקאָנט כמעט אויף אויסענווענדיג גאַנץ תנ"ך, און עס איז ניט געווען איין שווער וואָרט פון תנ"ך, אַז ער זאָל ניט וויסען ווי עס לייגט זיך אוים. צו דרייצעהן יאָהר האָט ער שוין געשריבען שירים אויף אַלע ימים טובים און ימים נוראים מיט די ראשי החרוזים פון זיין נאָמען און פאָטער'ס נאָמען און „חזק", נאָכגעפאָלגט די אמאָליגע פייטנים. ער האָט געלערענט גמרא און תוספות און אַנדערע מפרשים ביי די בעסטע מלמדים, און ביים שטאָדט רב הר' יהודעלע ע"ה. די משכילים פון דער שטאָדט, זעהענדיג אין איהם דעם גרויסען טאַלאַנט צום שרייבען שירים אין העברעאיש האָבען צוגערעדט זיין פאָטער ר' יוסיל נפתלי'ס ער זאָל איהם געבען צו די משכיל'ישע מלמדים, וועלכע זענען געווען דעמאָלט אין בריטשאני, ווי ר' משה רייצעס, ר' משה יעקב און ער האָט זיי געפאָלגט, און דעמאָלט הויבט זיך אָן אַ נייע עפּאָכע אין זיין לעבען.

ער האָט זיך פון זיי דערוואוסט, אַז עס עקזיסטירט אַ חוץ גמרא

ומפרשים אויך השכלה ספרים און חקירה ספרים אזוי פון דער אלטער ליטעראטור ווי דער רמב״ם, עקידה עקרים און אזוי אויך פון דער נייער ליטעראטור ווי ר׳ יצחק בער לעווינזאָן וכדומה און די קלאַסיקער ווי מאפו, סמאלענסקי, גאָרדאָן וכדומה און ער איז פון זיי פאַרכאַפּט געוואָרען און האָט געשלונגען די ספרים פון דער נייער ליטעראטור יומם ולילה. ער האָט געלעזען די העברעאישע צייטונגען פון יענער צייט „המליץ״ און „הצפירה״ פון וועלכע ער איז באַלד געוואָרען זייער קאָרעספּאָנדענט און פלעגט זיי שיקען זיינע שירים און די נייעסען פון שטעדטעל, וועלכע מען פלעגט זיי באַלד דרוקען.

ער איז געוואָרען א טרוימער און א קעמפער פאַר א נייעם אידישען לעבען פון ליכט און ציוויליזאציע און אויסצוראָטען פאַנאַטיזם און געטהאָ לעבען, צו פאַרטרייבען פינסטערניש און אבערגלויבענס. ער פלעגט ארויסטרעטען אָפען אין א מלחמה קעגען די חסידים און פאַנאַטיקער — אין די שוהלען — ער האָט זיך באַנוצט מיט א גוטען כלי־זיין. ער האָט אויבערגעוויזען מיט מאמרי חז״ל פון תלמוד און מדרשים, רמב״ם, אבן עזרא, אברבנאל, ר׳ סעדיה גאון, אז די השכלה איז א צווילינג־שוועסטער מיט אידישען גלויבען, אז די אידישע אמונה איז אויף אזוי ווייט אמת און שטאַרק אקסעאמע, אז זי האָט ניט מורא פאַר פילאָזאָפיע און בילדונג. ער האָט זיך באַנוצט מיט די ספרים פון ר׳ יצחק בער לעווינזאָן תעודה בישראל, בית יהודה, דברי שלום ואמת, פון ר׳ נפתלי הערץ וויזעל וכדומה, וועלכעס משה׳לע האָט זיי כמעט געקענט אויסענווייניג.

ער איז געוואָרען אָן עסקן און דער פיהרער פון די יוגענט, אין דער צייט ווען אונזערע משכילים פון שטעדטעל, ווי ר׳ משה רייצעס און אברהם קליינמאַן האָבען זיך גענומען פאַרשפּרייטען השכלה צווישען דער יוגענט איז ער, „משה׳לע״ געווען זייער רעכטע האַנט און האָט זיי פיעל געהאָלפען אין זייער ארבייט. ער האָט זיך אריינגעוואָרפען אין דער ארבייט מיט א ברען און ענטוזיאַזם.

ווען די אויבענדערמאָנטע משכילים האָבען זיך פאַרטראַכט צו גרינדען א העברעאישע ביבליאָטעק, כדי מ׳זאָל קענען געבען דער יוגענט די מעגליכקייט צו באַקומען צום לעזען די אַלע העברעאישע ספרים פון יענער צייט, האָבען זיי שוין פאַרשטאַנען, אז צו דער ארבייט מוזען זיי האָבען ניט קיין אנדערען ווי אונזער משה׳לען, און אזוי איז טאַקע געווען. זיי זענען געווען די איניציאַטאָרים און דער מוציא מכח אל הפועל איז געווען משה׳לע, שטעהענדיג אין דער שפּיצע פון זיינע חברים פון וועלכע איך האָב געהאַט די עהרע צו זיין איינער פון זיי.

מען האָט צונויפגענומען אַלערליי העברעאישע ספרים פון די משכילים פון שטעדטעל און צוגעקויפט נייע פון די דאַמאַלסדיגע פאַרלאַגען ווי

„תושיה" „אחיאסף" וכדומה, און דער בעוואוסטער כלל-טהוער און משכיל ר' אברהם קליינמאַן האָט אונז געגעבען ביי זיך אין הויז אַ צימער פאַר דעם צוועק און משה'לע האָט אונז אָרגאַניזירט, אַז יעדער טאָג אין אַ געוויסער שעה זאָל אַן אַנדערער פון אונז זיצען דאָרט און בייטען די ספרים צו די לעזערס.

ער האָט ערוואָרבען חותמים פאַר די העברעאישע צייטונגען „הצפירה", „המליץ" און זשורנאַלען ווי „השילוח" וכדומה.

ער איז געוואָרען באוואוסט מיט זיינע מעשים טובים אין אונזער גאַנצער געגענד פון בעסאַראביע און אויך אין פאַדאָליע. אין יעדער שטעדטעל וואו ער איז געקומען האָט ער געהאַט אַ מנהג אויסצוזוכען דאָרטען די שאַרפזיניגע אינגלאַך און אין זיי דערוועקען אַ חשק צו השכלה, אויך זיי בעגייסטערען מיט זיין ענטוזיאַזם. עס לעבען מיט אונז דאָ אין אַמעריקאַ לעבעדיגע עדות, גרויסע העברעאישע שריפטשטעלער וואָס וועלען עדות זאָגען, אַז נאָר אַ דאַנק משה'לען זענען זיי געקומען צו דעם וואָס זיי זענען איצט.

ער האָט שוין אין דער יוגענט אָנגעהויבען צו שרייבען אין „המליץ" און אין „הצפירה". ער האָט געגרינדעט אין אונזער שטעדטעל און אין די אַרומיגע שטעדטלאַך די ערשטע אגודת „שפה ברורה", און „דוברי עברית". ער האָט די שטיינער פון שטעדטעל געמאַכט ריידען העברעאיש. יעדען אָוועגד ווען ער האָט געזעהן אַ גרופּע יונגע לייט שפּאַצירען אין גאַס און רעדען רוסיש האָט ער באַלד מאָביליזירט זיין אַרמיי, די חברה דוברי עברית צווישען וועלכע איך האָב אויך געהאַט די עהרע צו זיין און איינ־געשלאָסען אַ קייט פון אונז און מיר זענען געגאַנגען זייט ביי זייט ביי די רוסיש-שפּרעכענדע און האָבען געריעדט אַ לעבהאַפטיגען העברעאיש אַזוי אַז מ'האָט זיי פאַרשריען.

„אויף אַ אידישער גאַס", זאָגט משה'לע „דאַרף מען הערען נאָר העברעאיש ניט רוסיש".

ער פלעגט אַרומלויפען אין די שוהלען און אין די בתי מדרשים שבת און האַלטען רעדעס אין העברעאיש. ער האָט פיעל געאַרבייט אום עס זאָל עקזיסטירען דער חדר מתוקן וואו מ'האָט געלערענט די למודים מיט דער העברעאישער שפּראַך. כאָטש ער האָט געהאַט אויסצושטעהן פיעל רדיפות פון די געגנער, האָט ער זיינס דורכגעפיהרט מיט ערפאָלג.

היינט זיינע עבודות צבוריות אין שטעדטעל לטובת די אָרימע לייט איז ניט איבערצוגעבען, זיין מסירת נפש און זיין אַרומלויפען טאָג ווי נאַכט צו העלפען יחידים, נויטבאַדערפטיגע נסתרים.

אַלע פּאַר פסח האָט ער מאָביליזירט אַלע יונגע אינגלאַך און מיידלאַך און מ'פלעגט אַליין באַקען מצות פאַר די אָרימע, וועלכע האָבען געקראָגען,

מצות צו ביליגע פרייזען און א טייל גאר אומזיסט. ווען עס האט איהם אויסגעפעהלט געלט דערצו, האט משה'לע גענומען א פאר חברים און זיך אוועקגעלאזט צו די גבירים פון שטעדטעל און גענומען געלד אפילו ביי די ניט אזוי מילדע. איינינע האבען איהם געגעבען אויס רעספעקט צו איהם, איינינע האבען געגעבען פאר מורא. משה'לע האט געסטראשעט ער וועט זיי באשרייבען אין די צייטונגען.

וויפיעל דער מענש משה האט זיך מוסר נפש געווען ווען אין שטעדטעל האט אויסגעבראכען די חלירע ר"ל! מענשען זענען געפאלען ווי פליגען, און די דאקטוירים האבען ארויסגעלאזט א רוף, אז עס זאלען זיך אפרופען וואלונטירען צו העלפען זיי אין דער רעטונגס־ארבייט צו ווערען סאני־טארען צו געבען די קראנקע מעדיצין, און מאסאזשען. עס פארשטעהט זיך, אז משה'לע איז געווען פון די ערשטע און איז געשטאנען אין דער שפיצע פון אנדערע און האט געארבייט טאג ווי נאכט מיט אמת'ע מסירת נפש, איינגעשטעלט דאס לעבען, ארומגעגאנגען ארום געפעהרליכע חולים און געראטעוועט צעהנדליגע מענשען.

דאס פלאץ איז צו קליין אויסצורעכענען אלע זיינע ארבייטען לטובת ארימע און קראנקע אין אונזער שטעדטעל.

זיין פאטער האט זיך ארומגעקוקט ווי זיין זוהנדעלע איז אזוי פאר־נומען אין עבודות צבוריות אזוי יונגערהייט און עס איז איהם פארבליבען זעהר ווייניג צייט צום לערנען וועלכעס ער האט תמיד געטרוימט צו מא־כען זיין זוהן פאר א מורה הוראה בישראל, האט ער איהם מיט געוואלד און מיט שווערע מיה אפגעריסען פון דעם אלעמען און איהם אריינגע־שטופט אין דער אלטער קלויז אריין, ער זאל דארט פארטזעצען זיך לערנען בגפ"ת, און גראדע אין יענער צייט איז תמיד געזעסען און געלערנט אונ־זער רב הגאון הר' יהודה'לע ז"ל. אז דער רב האט איהם דערזעהן נעבען זיך זיצען און לערנען האט ער איהם שוין ניט אפגעלאזט און מיט איהם געלערנט ש"ס ופוסקים און איהם צוגעגרייט לכסא הרבנות. און אין גאס האט געדרודערט „ניטא משה'לע!" ער האט געפעהלט ביי יעדען טריט און שריט.

אלע מוסדות צבוריות האבען געליטען איבער זיין אבוועזענהייט און אלע האבען געשריען: „מ'דארף איהם ארויסרייסען פון דער קלויז" „ביעז משה'לע ניטשיעווא ניע בודעט", מען האט טאקע פיעל מאל פרובירט איהם ארויסרייסען פון דער קלויז אבער זיין פאטער האט ניט געלאזט, ער האט זיך ממש געבעטען ביי די שטאדט־לייט, אז מ'זאל איהם צורוה לאזען און איהם אזוי יונגערהייט ניט אפרייסען פון דעם לערנען.

איין זאך איז געווען וואס מ'האט איהם דערפון ניט געקענט אפ־רייסען, דאס איז געווען די ארבייט פאר „חבת ציון", פאר וועלכער ער

האָט געאַרבייט פון דער קלויז אַרויס. ער האָט דאַמאָלט שוין געקראָגען צירקולאַרען פון רבנו שמואל מאהליווער ז"ל און זיין סעקרעטאר הרב יצחק ניסענבוים, ער איז געווען דער יעניגער וועלכער האָט צוגעשטעלט צו די קערות ערב יוהכ"פ די צעטעלאך לישוב ארץ ישראל און אַ גאַנצען טאָג אַרומגעלאָפען פון שוהל צו שוהל און געאַרבייט אויף אַלע כלים, אַז זיי זאָלען אַריינבערענגען וואָס מעהר געלט. ער האָט משפיע געווען אויף דעם גביר פון שטעדטעל הערשעל שטיינבערג צו ווערען דער מורשה פון די חובבי ציון. ער איז געוואָרען דורך איהם אַ עהרען מעמבער פון הונדערט רובעל אַ יאָהר און אַזוי זיין שוואָגער דער גביר משה בערשטיין און נאָך פיעל צעהנדליגע גבירים פון שטעדטעל זענען דורך משה'לע'ס השפעה צו־געצויגען געוואָרען צו דער אידעע פון חבת ציון.

ווען משה'לע האָט זיך דערוואוסט פון דעם ספר „מדינת היהודים" וואָס דר. הערצל האָט אַרויסגעגעבען און עס געהט זיין דער ערשטער ציוניסטישער קאָנגרעס אין באַזעל, דעמאָלט האָט זיין נאַציאָנאַליסטישע נשמה אויפגעברויזט און ניט זיין פאָטער און ניט זיין רבי הרב ר' יהודה'לע ז"ל האָבען איהם שוין געקענט אָפּהאַלטען און די פיער ווענט פון דער קלויז זענען שוין געווען צו ענג פאַר איהם און ווי אַ לייב פון זיין שטייג אַזוי האָט ער זיך מיט געוואַלד אַרויסגעריסען פון דער קלויז און פון די ד"א של הלכה, און האָט זיך אַריינגעוואָרפען אין דער אַרבייט מיט דעם גאַנצען ברען פון זיין נשמה. ניט געגעסען, ניט געטרונקען, ניט געשלאָפען, אַרומגעלאָפען אין די שוהלען און אין די גאַסען און איז ניט מיעד געוואָרען רעדענדיג, אַרומגעפאָהרען אין דער סביבה און אַגיטירט: „איין איד", האָט ער געשריען — „טאָהר ניט פאַרבלייבען מחוץ למחנה הציונית". ער אַליין האָט זיך געוואָלט אַוועקלאָזען געהן צו פוס קיין באַזעל, אַזוי האָט ער געברענט און געפיבערט, נאָר מיט שוועריגקייטען האָט מען איהם אָפּגעהאַלטען. און פון דעמאָלט אָן קען איך זאָגען בלי גוזמא — ביז היינ־טיגען טאָג האָט ער נאָך קיין מינוט ניט גערוהט אָהן ציוניסטישע טהעטיג־קייט הן בעל פה הן בכתב. מיט אַלע זיינע חושים וואָס ער פאַרמאָגט.

אונזער שטעדטעל בריטשאַני איז אַ דאַנק איהם געוואָרען דער מיטעל־פונקט פון אַ סביבה ציונית און דר. כהן־בערענשטיין, דער מורשה הציוני בקישינוב האָט מעיד געווען, אַז בריטשאַני שטייגט איבער קישינעוו און אַנדערע גרויסע שטעדט, וועלכע זענען געשטאַנען אונטער איהם מיט דעם פאַרקויף פון שקלים און אַקציעס פון קאָלאָניאַל באַנק און מיט די אינטערעסאַנטסטע תשובות אויף זיינע צירקולאַרען וואָס ער פלעגט באַקומען פון בריטשאַני אין דעם „פאָטשטאָווע צענטער".

ווען הערצל האָט געערדט פון כבוש הקהלות אין יעדער שטאָדט האָט משה'לע דאָס געוואָלט פאַרווירקליכען אין לעבען און האָט געאָפּפערט פאַר

דעם זיין צייט און מיה און פיעל מיטגעהאָלפען צו גרינדען די ציוניסטישע שוהל „שערי ציון” אין בריטשאַן, וועלכע האָט געדינט פאַר אַ צענטער פון ציוניזם און השכלה און כל עבודות הצבוריות.

ווען אין אַלע אידישע צייטונגען האָט מען דעמאָלס קריטיקירט פאַר וואָס די רבנים מטעם הממשלה זענען רופאי בהמות און דענטיסטען און „עם הארצים” און האָבען געפאָדערט, אז די קאזיאנע רבנים זאָלען זיין תלמידי חכמים און אמת'ע פאָלק'ס פיהרער, זיי זאָלען טאָהן וואָס די צייט פאָדערט פון זיי, האָט משה'לע געזאָגט, אז ער שעמט זיך אז זיין שטעדטעל בריטשאַן זאָל ניט פאַרמאָגען אַזאַ קאזיאנע רב און ער האָט אָוועקגעלייגט אַלע זיינע כחות און מ'האָט אַראָפּגעבראַכט פון קישינעוו דעם דאָרטיגען קאזיאנע רבינער הרב ר' יהודה בארטשעוווסקי און איהם איינגעשטעלט אין בריטשאַן אַלס קאזיאנע רב, וועלכער איז שוין פאַרבלי־בען אַלע זיינען יאָהרען אַלס אַזעלכער אין בריטשאַן און האָט מיט זיין פיעל געלערענטקייט אין אידישען און אין רוסישען באמת געשאַפען גע־שיכטע ביי אונז אין שטעדטעל. הרב בארשצעוווסקי איז באמת געווען אַ מוסטערהאַפטער ראַבינער אַ גרויסער למדן, אַ געלעהרטער און אַ פאָלקס־רעדנער און אַ וואַרימער איד מיט אַ שוואונג פון נאַציאָנאַלע אידעאַלען.

און אַזוי האָט משה'לע, נאָך זייענדיג אַ יונגער בחור מיט זיין אייזער־נעם ווילען און מיט זיין גרויסער נשמה דורכגעפיהרט אַלע אידעאַלען אין שטעדטעל, דאָס איז דער כח פון אויסערגעוועהנליכען רצון און גרויסע ענערגיע וועלכע זיגען אין לעבען און קאָנען דורכברעכען אייזערנע מויערען.

ווען בריטשאַני איז שוין געוואָרען ענג פאַר איהם און ער האָט גע־זוכט אַ ברייטערע פעלד פאַר זיין ציוניסטישער, נאַציאָנאַליסטישער און העברעאישער טהעטיגקייט האָט ער פאַרלאָזט בריטשאַני און איז אָוועקגע־פאָהרען קיין קיעוו. ער איז אַהין ארויסגערופען געוואָרען דורך דער רע־קאָמענדאציע פון דר. כהן־בערענשטיין און איז דאָרט געוואָרען די רעכטע האַנד פון פּראָפעסאָר מאנדעלשטאם, וועלכער איז געווען דאַמאָלס דער אַלוועלטליכער טרעזשורער פון די שקלים און פון די אַקציעס פון קאָלאָניאַל באַנק, און ערשט דאַן הויבט זיך אָן די טהעטיגקייט פון אונזער משה'לען אויף אַלע נאַציאָנאַלע געביטען מיט ריזיגע אונערשעפּליכע ענערגיע. ער איז מיטגעפאָהרען מיט פּראָפעסאָר מאנדעלשטאם צו די קאָנגרעסען און קאָנפערענצען און ער האָט, זייענדיג אין קיעוו מעהר פון אַ פערטעל־יאָהרהונדערט געשאַפען געשיכטע.

וועגען דעם זאָלען אַנדערע דערצעהלען.

הרב משה ראָזענבלאַט דער אידישער קולטור עסקן

פון פנחס ספּיוואַק, ברוקלין

ניט נאָר איז הרב משה ראָזענבלאַט געווען פון די ערשטע שוואַלבען פון השכלה, פון חבת ציון און ציוניזם און פון זייערע ערשטע פּיאָנערען, נאָר אויך איינער פון די ערשטע איבערגעגעבענסטע עסקנים פאַר דער אי־דישער קולטור.

די אגודה „שפת ציון"

ווען ער האָט זיך באַזעצט אין קיעוו אין אָנפאַנג פון דעם יאָהרהונ־דערט, האָט ער געגרינדעט די העברעאיש־שפּרעכענדע אגודה „שפת ציון", וואָס איהר ציעל איז געווען ניט נאָר צו רעדען העברעאיש, נאָר אויך מיט א קולטורעלען אינהאַלט, אריינצובריינגען העברעאיש און אידישע קול־טורעלען וויסען אין דעם ציוניזם, ווי דער נאָמען פון די צוויי ווערטער באַדייטען: „שפת ציון", ד. ה. העברעאישע שפּראַך צוזאַמען מיט ציוניזם. דער „שפת ציון" האָט אריינגעדרונגען אין אַלע ציוניסטישע אספות, און דעמאָנסטרירט מיט העברעאישע רעדעס און גענומען אַן אַנטייל אין פיעל דעבאַטען אויף העברעאיש, און דער יושב ראש אָדער דער סעקרעטאַר איז געווען גענויט איבערצוזעצען פאַר די חברים אויף דער פערשטאַנדיגער שפּראַך פון די פאַרזאַמעלטע. און ראָזענבלאַט, ווי עס פאַרשטעהט זיך, איז געווען דער אָנפיהרער און דער רעדנער, ווייל ער האָט געהאַט א צו־טריט צו אַלע ציוניסטישע אגודות און פאַרזאַמלונגען, זייענדיג פון די ערשטע ציון פיהרער אין קיעוו.

די פאַרזאַמלונגען פון „שפת ציון" ווי אויך אַנדערע ציוניסטישע פאַר־זאַמלונגען זיינען פאָרגעקומען ביי איהם אין זיין וואוינונג, ווייל עס איז געווען אין די צייטען פון קישינעווער פּאָגראָם, פון דעם אַטענטאַנט אויף פּלעווע, פון די מיניסטאָרען סופּיאַגין און טרעפּאָוו א. א. וו. איטליכער האָט מורא געהאַט צו ערלויבען פאַרזאַמלונגען ביי זיך אין הויז. און דאָ דאַרף דערצעהלט ווערען, אַז ראָזענבלאַט האָט געדונגען ספּעציעל זיינע דירות ביי די „גלאַסנים" פון דער שטאָדט דומא, ביי די מיטגלידער פון „סאָיוז רוסקאָוואָ נאַראָדאַ" און שווארצע מאה'ניקעס, וואו די פאַרזאַמלונגען זיינען פאָרגעקומען אונטער זייערע פּלייצעס (במקום המשפט שם הרשע), וואו פּאָליציי האָט ניט געוואַגט אריינצוקוקען אהין מיט אַן אויג.

פאר די קיעווער העברעער און ציוניסטען זיינען בעקאנט ראָזענ־בלאַט'ס דירות: סאַווסקאאיא 15, פון דעם הויז וואָס האָט באַלאַנגט צו ה' שולגין רעדאַקטאָר פונ'ם אַנטיסעמיטישען „קיעווליאַנין". די דירה באַל־שאיא וואַסילקאָווסקאַיאַ 78 פון דעם הויז וואָס האָט באַלאַנגט צום גלאַסני פעטריטשענקא, און די דירה קוזניעטשנאיא 48 פון דעם שווארץ מאה'ניק און גלאַסני יאָזעפי. אין די אַלע דירות זיינען פאָרגעקומען פאַרזאַמלונגען. אויך אין סטאָליפינס צייטען קאָנווענשאַנס. ער האָט אויך געפונען דירות אונטער דער שטאָדט דומא, ביי דער נאָז פון דער פאָליציי און רעגירונגס בעאַמטע.

עם פלעגען פאָרקומען אין דער אגודה „שפת ציון" רעפעראַטען און יובילעאום־פייערונגען ווי „יובל בן יהודה", צו זיין 25 יאָהר ליטעראַרישע ארבייט; יובל סאָקאָלאָוו, יובל ד. פרישמאַן. אויך אָפּשאַצונגען וועגען סמאָלענסקי'ן, וועגען י. ל. גאָרדאָן א. א. וו. (איינער פון די רעפעראַנטען איז געווען מר. קלמן ווייטמאַן, וועלכער האָט געוואוינט אין קיעוו).

עבריה

מיט עטליכע יאָהר שפּעטער, מיט דעם באַזוך פון דעם באַוואוסטען העברעאישען שריפטשטעלער און דער מיסד פון הסתדרות „עבריה" א. ל. לעווינסקי (רבי קרוב), איז דער „שפת ציון" פאַרוואַנדעלט געוואָרען אין אַן אגודה מיט דעם נאָמען „עבריה", און די גרינדונגס פאַרזאַמלונג איז פאָרגעקומען ביי ראָזענבלאַט'ן אין דירה.

בית ספר עברי

אין יענער צייט האָט ראָזענבלאַט געגרינדעט אַ בית ספר עברי אין „סטאַראָקיעווסקי אַטשאַסטאַק" אין די הייליגע קריסטליכע פלעצער, וואו אידען האָבען ניט געטאָהרט וואוינען אויסער אידישע בעלי מלאכות און אָרימע אידישע אַרבייטער, וועלכע זיינען געווען אין יענעם געגענד בערך 500 פאַמיליעס. דער נאָמען פון דעם בית הספר איז באַוואוסט געווען מיט דעם נאָמען „דגל ישראל" און דערנאָך מיט דעם נאָמען „מטה השקדים" (לכבוד פּראָפעסאָר מאַנדעלשטאַמ'ס יובילעאום). עס האָט אַרויסגערופען די נויטיגקייט צו גרינדען אין יענעם ראַיאָן דעם בית הספר, ווייל די בעלי מלאכות און אָרימע אידישע אַרבייטער האָבען ניט געהאַט קיין מעגליכקייט צו שיקען זייערע קינדער לערנען העברעאיש און אידישקייט אין די וווייטע געגענדען, און אין „סטאַראָקיעווסקי אַטשאַסטאַק" האָט קיינער ניט געוואַגט צווישען די שווארצע מאה'ניקעס און הייליגע פלעצער צו גרינדען אַן העברעאישע שול, און ראָזענבלאַט האָט געזוכט און געפו־נען פאַראָרימטע פּריצים, טשינאָווניקעס, אויף מיכאַילאָווסקי גאַס, אויף

וולאַדימירסקי גאַס און אויף לוואָווסקי גאַס, וואו זיי האָבען אָפּגעגעבען זייערע דירות פאַר גרויסע סומען געלד, און די פּאָליציי האָט ניט געוואַגט צו שטערען. און דאָרטען זיינען געטאָהן געוואָרען וואונדער. די קינ־דער האָבען גערעדט אַ שעהנעם העברעאיש, געזונגען שירי ציון, געלערענט אידישע געשיכטע און תנ״ך. עס דאַרף דערמאָנט ווערען די נעהמען פון די מעצענאַטען: מר. אהרן לוקאָשעוויטש, מר. אברהם לעוו, מר. טומאַר־קין, פּראָפעסאָר מאַנדעלשטאַם א. א. וו. איינער פון די לעהרער איז געווען מר. ב. י. גאָלדשטיין (יעצט אַ מיטאַרבייטער אין „טאָג״).

הסתדרות לשפה ולתרבות העברית

עס איז אַרויסגעלאָזט געוואָרען אַ כרוז פון די גדולי ישראל אין ברלין: פּראָפ. מיטוואָך, פּראָפ. באַנעט, ש״י איש הורביץ, אויך פון די סופרים וחכמים פון דער גאַנצער וועלט ווי אחד העם, מנדלי מו״ס, ח. נ. ביאַליק, דר. קלויזנער, נחום סוקולוב, דר. ש. ברנפלד א. א. וו., צו גרינדען אַן אַל־וועלטליכע „הסתדרות לשפה ולתרבות העברית״, און זיי האָבען אויפ־געפאָדערט צו גרינדען אין יעדען לאַנד מרכזים מדיניים, און אין יעדער שטאָדט סניפים, איז ראָזענבלאַט געווען פון די ערשטע אין רוסלאַנד, צו גרינדען צו ערשט אַן אגודה אין קיעוו, מיט דער הילף פון זיין דאַן יונגען חבר א. א. גאָלדין (יעצט אַ דאָקטאָר און שריפטשטעלער אין ניו יאָרק), און די גרינדונגס פאַרזאַמלונג איז פאָרגעקומען ביים בעוואוסטען אַדוואָ־קאַט און תלמיד חכם אהרן ראַבינאָוויטש.

עס האָט זיך איהם איינגעגעבען צו פאַראינטערעסירען אין דער אַר־בייט דעם גרויסען אידען און ציון פיהרער מר. הילל זלאַטאָפּאָלסקי און זיין טאָכטער שושנה (שפּעטער פּערסיץ), אויך די בעוואוסטע שריפטשטעלער אליעזר אליהו פרידמאַן און משה קאַמיאַנסקי. ביים גרינדונגס פאַרזאַמלונג זיינען געווען אַנוועזענד דער סלת ושמן פון קיעוו, די חכמים וסופרים פון שטאָדט. איינשטימיג זיינען ערוועהלט געוואָרען מר. זלאַטאָפּאָלסקי פאַר יושב ראש און ראָזענבלאַט פאַר סעקרעטאַר. אָבער זיי האָבען זיך ניט באַנוגענט מיט דער קיעווער אַרבייט, זיי האָבען צונויפגערופען אַן אַל־רוסישען צוזאַמענפאָהר פון סופרים און חכמים און העברעאישע עסקנים.

צום צוזאַמענפאָהר זיינען געקומען אַזוינע פּערזענליכקייטען ווי ביאַליק, נחום סאָקאָלאָוו, מ. מ. אוסישקין, רב צעיר און שמואל טשער־נאָוויץ (ספוג) דר. קלויזנער, הרב יעקב מזא״ה, די ברידער ברוק, המשורר יעקב כהן, קאַפּלאַן, ראש „אחיאסף״, בן אביגדור ראש „תושיה״, מרגולין, אַרויסגעבער פון „הזמן״ און אַנדערע. אויסער דעם האָבען אַנטייל גענומען די גדולי קיעוו, באַוואוסטע שריפטשטעלער און געלעהרטע. דריי טעג און דריי נעכט זענען געהערט געוואָרען אין העברעאיש רעפעראַטען, און די

נשמה פון דעם היסטאָרישען צוזאַמענפאַהר איז געווען ראָזענבלאַט, ווייל ער האָט דעמאָנסטרירט פאַר די דעלעגאַטען די אויפלעבונג פון העברעאיש און קולטור אין קיעוו, וואו הונדערטער סטודענטען און סטודענטקעס און הונדערטע יונגע ארבייטער און ארבייטאָרינס, די תלמידים פון אָבענד קורסען האָבען אָנגעפילט מיט דעם קלינגענדיגען העברע־איש די גאסען. די טראַמוואיען, די שפּילפּלעצער, די פּאַר־קען און אין די שוהלען. קיעוו איז דאַן געווען אַ מין „תל־אביב״. מר. זלאטאפּאלסקי האָט פאַר די דעלעגאַטען באַוואונדערט ראָזענבלאַט׳ן, אַז ער פאַרשטעהט ניט ווי אזוי אַ מענש נעהמט אזוי פיעל כחות, אזוי פיעל צייט, אזוי פיעל ענערגיע, צו שאַפען אַזאַ באַוועגונג, וועלכע וואָלט זיך, לויט דעם דרך הטבע, געניטיגט אין עטליכע ריזען קרעפטען. ער האָט איבערגעגעבען ווי אזוי ער האָט געגרינדעט אַ „פלוגה להפצת העתונות והספרות העברית״ פון יונגע מענשען, וועלכע האָבען אריינגעבראַכט אין קיעוו דעם העברעאישען בוך און העברעאישע צייטונגען אין הונדערטער הייזער.

דאַן איז אויסגעקליבען געוואָרען דער רוסישער מרכז פון „שפה ותרבות עברית״ אין קיעוו, וואו זלאטאפּאלסקי איז אויסגעקליבען געוואָרען פאַר יושב ראש און ראָזענבלאַט סעקרעטאַר. און ערשט דאָ הויבט זיך אָן זיין אויסערגעוועהנליכע קולטורעלע ארבייט. ער פלעגט שרייבען הונדערטע בריעף אַ טאָג פיעל מיט פייערדיגע אגיטאַציע, צו צעהנדליגע און הונדער־טע שטעדט און שטעדטלאַך, און עס פלעגען אָנקומען מיט דער פּאָסט צעהנדליגע און הונדערטע בריעף, און זיי זיינען דורך איהם געענטפערט געוואָרען (עס זיינען דאמאָלס קיין שרייב מאַשינען ניט געווען. דאָס אַלעס איז געשריבען געוואָרען מיט זיין האנד.) און ער האָט אָרגאַניזירט פאַר דער באַוועגונג קרוב טויזענד שטעדט און שטעדטלאַך. אַלע בריעף הן פון זיין זייט און הן פון די שטעדט און מיט זיינע ענטפערס זיינען פאַר־רעגיסטרירט געוואָרען אין אַ גרויסען בוך. דער אינהאַלט פון יעדען בריעף מיט די תשובות. דער בוך איז איבערגעגעבען געוואָרען אויף אַ קאָנווענ־שאָן פון דעם ועד עולמי מרכזי, און ער איז באַוואונדערט געוואָרען אָנ־רופענדיג איהם אַ „ש״ס גמרא״ און איז פאַרבליבען אין ארכיוו. ער האָט באַזוכט אויך פיעל שטעדט און געגרינדעט סניפים ביי צוגעגרייטע גרויסע פאַרזאַמלונגען. צווישען די שטעדט זיינען: אומאַן, שדה־לבן, וואהנאָווקא זיטאָמיר, טעפּליק, הורושק, קופין, קאָרעץ, הורודניצע און פיעל אַנדערע.

ווען עס איז צונויפגערופען געוואָרען די ערשטע „כנסיה לשפה ולתרבות העברית״ אין וויען, וועלכער איז פאָרגעקומען פאַר דעם עלפטען ציוניסטישען קאָנגרעס, איז ראָזענבלאַט געפאָהרען אַלס דעלעגאַט פון ביידע, הן פאַר דער כנסיה עברית און הן פון דעם ציון קאָנגרעס. אויף

דער כנסיה האָבען ארויסגעטראָטען מיט רעפעראַטען די גרעסטע אינטע־לעקטועלען פונ׳ם אידישען פאָלק ווי פּראָפעסאָר שעכטער ז״ל, פון אמע־ריקא, דר. יהודה ליב קאַצענעלסאָן (בוקי בן יגלי), דוד יעלין, נחום סאָ־קאָלאָוו, ח. נ. ביאַליק, הרב יעקב מזא״ה פון מאָסקווא, דוד פרישמאַן, דר. שמריהו לעווין, לעאָ מוצקין, דר. יחיאל טשלענאָוו, מ. מ. אוסישקין, ש״י איש הורביץ, הילל זלאַטאָפּאָלסקי, זאב זשאַבאָטינסקי און פיעל אנדערע. די רעפעראַטען אויך די דעבאַטען זיינען געווען זעהר אינטערעסאַנטע, צווישען די רעפעראַנטען איז געווען אויך ראָזענבלאַט, און זיינע פאָרשלעגע זיינען אָנגענומען געוואָרען (זעה „ספר דו״ח של ההסתדרות לשפה ולתרבות העברית״, 1913, ברלין, בעריכת דר. שמעון בערענשטיין).

גני ילדים עברים

אין צייט פון מלחמה האָבען די גדולי קיעוו פאַרלאָזט די שטאָדט, צווישען זיי אויך מר. הילל זלאַטאָפּאָלסקי און זיין טאָכטער שושנה פּערסיץ. עס האָבען פאַרכאַפּט די כלל־טהוערישע ארבייט די בונדיסטען, די אַנאַר־כיסטען, די נאַראָדנע סאָציאַליסטען, אַלע האָבען געקעמפט געגען העברע־איש, און האָבען געאַרבייט פאַר דעם פאַרשפּרייטען אידישיזם. עס האָבען זיך אָנגעהויבען גרינדען פּאַלעסטינישע שולען, דאַן האָט ראָזענבלאַט „אָנ־געגורט זיינע לענדען״, ער האָט זיך אריינגעוואָרפען מיט דעם גאַנצען ברען פון זיין נשמה, זיך מאָביליזירט אַלס אַ סאָלדאַט צום פראָנט, זיך אָפּזאָגענדיג פון זיינע פאַמיליען אינטערעסען, און מיט גרויס אָנשטרענגונג און אחריות געגרינדעט גני ילדים עברים, און עס האָט זיך איהם ניט גרינג איינגעגעבען, ווייל דאָס איז געווען אַ נייע זאַך אויף דער אידישער גאַס, און ער האָט באַדאַרפט שווער אַרבייטען מיט עלטערען, אַז זיי זאָלען עקספּערימענטירען מיט זייערע קליינע קינדער. ער האָט אַראָפּגעבראַכט פרעבעליסטינס פון וואַרשאָ פון די אינסטיטוטען געפיהרט פון יצחק אַלטערמאַן און יחיאל היילפּערין, און דערנאָך די העברעאישע גימנאַזיע, פון וואַנען קינדער האָבען ממשיך געווען זייער העברעאישען בילדונג, און עס דאַרף געזאָגט ווערען, אַז די גני ילדים האָבען אויפגעטאָהן וואונדער. עס זיינען אין קיעוו אַליין געשאַפען געוואָרען עטליכע גרויסע גני ילדים אין אַלע געגענדען פון שטאָדט, און זיי האָבען געדינט פאַר אַ מוסטער פאַר דער פּראָווינץ וואו עס איז פאַרשפּרייט געוואָרען אַ גאַנצע נעץ פון העברעאישע קינדער־גערטנער, און עס איז געשאַפען געוואָרען אַ דור פון העברעער און העברעערינס, וועלכע האָבען געשאַפען אַ ריכטיגע נאַציאָ־נאַלע אַטמאָספערע אין אוקריינע. זיי, כמעט אַלע זיינען יעצט אין א״י אַלס חלוצים און חלוצות.

שעורי ערב לגדולים

די קרוין פון זיין קולטורעלע ארבייט איז אָהן ספק די אָבענד קורסען פאַר גרויסע. ער האָט מאָביליזירט די סטודענטישע יוגענד צו לערנען העברעאיש, אידישע געשיכטע און וויסענשאַפט פון יודענטהום. ער האָט געאָפּפערט זיין צייט אומזיסט, און עס האָט זיך איהם איינגעגעבען צו געפינען אַ אונטערערדישע דירה, וואו עס פלעגען זיך צונויפקומען פיעל סטודענטען און סטודענטקעס עטליכע אָבענדען אין דער וואָך צו לערנען העברעאיש און אידישע געשיכטע. די דירה איז געווען (יעצט מעג מען שוין אויסזאָגען, אין בייסמענט פון דער גרויסער קופּעטשעסקי שוהל, וועלכע דער קריסטליכער שומר האָט אָפּגעגעבען פאַר וואָכען געלד, און ער מיט זיין פרוי האָבען געהיט אין דרויסען אז די פּאָליציי זאָל ניט באַפאַלען דעם פּלאַץ), אין דעם בייסמענט איז געשאַפען געוואָרען געשיכטע. דאָרטען האָט זיך אויסגעבילדעט דער סטודענטישער „החבר", דער אקאַדעמישער ציוניזם, דער „החלוץ" א. א. וו. ראָזענבלאַט האָט זיך ניט באַנוגענט מיט דעם איינעם פּלאַץ. ער האָט געשאַפען פונקטען אין אַלע געגענדען פאַר די אָבענד קורסען. דאַצו האָבען געהאָלפען צוויי וויכטיגע סטודענטען אידעאַליסטען, זאב זעליקין ע"ה און ישעיהו פּיסאַרעווסקי. אויך האָט ער געקראָגען מיטלען צו דינגען העברעאישע לעהרער און פעדאַגאָגען און צו דינגען דירות פאַר די קורסען, און ער האָט באַדאַרפט ארבייטען הן פאַר מאַטעריעלע מיטלען און הן אליין צו לערנען זיינע קורסען און צו באַזוכען אַנדערע קורסען, אַז זיי זאָלען געפיהרט ווערען אין דעם געוואונשטען גייסט.

איך האָב ניט ארויסגעגעבען קיין הונדערט חלק פון דער ריזיגער גרויסער קולטורעלער ארבייט, און פון די וואונדערליכע שאַפונגען, וואָס ראָזענבלאַט האָט אויפגעטאָהן אויף דעם געביט.

און דאָס דאַרף געזאָגט ווערען, אַז אויסער קולטורעלע ארבייט איז דאָ צו פאַרצייכענען אויף זיין חשבון ציוניסטישע ארבייט, געזעלשאַפטליכע ארבייט, רעטונגס ארבייט קהלה־פיהרערשאַפט און הילפס ארבייט פאַר פליכטלינגע. עס וואָלט זיך באַדאַרפט געפינען אַ געניטער שריפטשטעלער, ער זאָל אָנשרייבען אַ בוך פון „טויזענט און איין נאַכט", און דאָס וועט אַלץ ניט ארויסגעבען דאָס געשטאַלט פון דעם פיעלפאַרביגען משה ראָזענבלאַט.

דער קיעווער „החבר“ און משה ראָזענבלאַט

(זכרונות וועגן דעם סטודענטען־פאַראיין אין 1913־1915)

פון דר. הערמאַן פראַנק

אין די לעצטע חדשים פון יאָהר 1913 האָט אַ געוויסע גייסטיגע אויפלעבונג אַרומגעכאַפּט די רייהען פון דער אידישער שטודירענדער יוגענד אין קיעוו. אייניגע אורזאַכען האָבען בייגעטראָגען צו אָט־דער באַוועגונג. דאָס לעבען פון דער אידישער אַקאַדעמישער יוגענד האָט אין יענער צייט געצויגען אַ גרויסע געזעלשאַפטליכע אויפמערקזאַמקייט, פשוט ווייל די רעאַקציע און דער אַנטיסעמיטיזם אין רוסלאַנד פלעגען פון טאָג צו טאָג אַלץ שווערער מאַכען דעם צוטריט פאַר אידען אין די אוניווערזיטעטען און אַנדערע הויך־שולען. מ'האָט אפילו אין יענע יאָהרען, צוליב דער קריטישער לאַגע, ערנסט באַהאַנדעלט די פראַגע מכח אַן אידישען אוניווערזיטעט אין אויסלאַנד — ספּעציעל פאַר דער רוסיש־אידישער יוגענד. און אויפ'ן ציוניסטישען קאָנגרעס אין וויען, סוף זומער 1913, האָט מען טאַקע געמאַכט דעם ערשטען פּראַקטישען שריט צו דער באַשאַפונג פון אַן אוניווערזיטעט אין ירושלים. דער אָנגעזעהענער קיעווער ציוניסט, דר. א. בענדערסקי ע"ה, איז געווען פון די הויפּט־איניציאַטאָרען און מנדבים אין אָט־דער היסטאָרישער אונטערנעמונג.

אין אויסלאַנד האָט שוין די רוסיש־אידישע שטודירענדיגע יוגענד געהאַט אַ סך פאַראיינען, לעזע־קלובען, ביבליאָטעקען א. א. וו. און ניט נאָר לאָקאַלע פאַראיינען, זאָגאַר אין אַלע לענדער וואו נאָר אידישע בחורים און מיידלאַך האָבען געשעפּט פון קוואַל פון בילדונג און חכמה, האָבען שוין אין יענער צייט עקזיסטירט פאַרבאַנדען גאַנצע פון אַזעלכע פאַראיינען וועלכע זיינען אין די יאָהרען 1911־1912 געשאַפען געוואָרען. ס'זיינען אפילו געווען צוויי ריכטונגען און טאַקע צוויי פעדעראַציעס פון אָט־אַזעלכע סטודענטען־פאַראיינען — אַ ציוניסטישער („החבר“) און אַ „גלות'יסטישער“, מיט אידישיסטישע נייגונגען און אויטאָנאָמיסטיש־בונדיסטישע סימפּאַטיעס. ביידע ריכטונגען האָבען געהאַט זייערע אייגענע צוזאַמענפאָהרען, זשורנאַלען, לעקציע־ביוראָס און אַנדערע אָרגאַנען פון אַ פאַרצווייגטער טעטיגקייט.

ס'איז קיין וואונדער ניט, אַז אויך אין רוסלאַנד גופא, טראָץ די שרעקליך פינסטערע אומשטענדען אין פּאָליטישען לעבען און גזירות אויף סטו־

דענטען־אָרגאַניזאַציעס (חוץ ריין־עקאָנאָמישע) און בפרט אויף אידישע, נאַציאָנאַלע אָרגאַניזאַציעס, איז צווישען די אידיש־נאַציאָנאַלע סטודענטען רייף געוואָרען דער פאַרלאַנג און גרייטשאַפט צו שאַפען ברייטערע קולטור־רעלע און געזעלשאַפטליכע אָרגאַניזאַציעס און פיהרען אַן אַגיטאַציע און ערציאונג־אַרבייט צווישען דער צוקונפטיגער אינטעליגענץ פון פאָלק — דער אידישער סטודענטען־מאַסע.

אין קיעוו איז צווישען דער אידישער יוגענד אין יענער צייט שוין אָנגעגאַנגען אַ גאַנץ אַקטיווע נאַציאָנאַלע באַוועגונג, הגם אויף אַן „אונטער־ערדישען", זעהר קאָנספּיראַטיווען אופן. סטודענטען מיט נייגונגען צום העברעאיזם און ציוניזם פון איין זייט און בונדיסטיש־אידישיסטישע סטו־דענטען פון דער צווייטער זייט פלעגען נעמען אַ היציגען אנטייל אין די וויכוחים פון דער קיעווער אָפּטיילונג פון „אָ. פּ.־יע". (חברת מפיצי השכלה), מכח טעאָרעטישע און פּראַקטישע שול און בילדונגס־פראגען. צווישען דער ציוניסטישער יוגענד גופא האָבען געבליהט פארשידענע „שטרעמונגען" און קרייזען, מיט אַ ברייטען, פאַרצווייגטען איינפלוס, ווי, למשל, די גרופּע „עת לבנות", אונטער דער פיהרונג פון צוויי סטודענטען: זעליקין און פּיסאַרעווסקי. און געווים האָבען אויך די עלטערע ציוניסטישע טוערס און וואָרט־פיהרער אין אַזאַ וויכטיגען צענטער ווי קיעוו, טיף באַאיינפלוסט און געפאָרעמט די שטודירענדיגע יוגענד. אָבער נאָר איינער צווישען זיי איז ווירקליך געווען אַ וועגווייזער, לעהרער און פריינד פון דער אידיש־נאַ־ציאָנאַלער יוגענד אין יענע שווערע יאָהרען, און דאָס איז געווען משה ראָזענבלאַט.

זיין איינפלוס איז געווען אַ טיפער און אַ פילזייטיגער. ער האָט פשוט געלערענט און „געקנעלט" מיט הונדערטער סטודענטען און סטודענטקעס, וועלכע האָבען כמעט גאָר קיין ידיעות ניט געהאַט אין העברעאיש, אידי־שער געשיכטע און ליטעראַטור. די „שעורי ערב", אָוונט־קורסען, וועלכע משה ראָזענבלאַט האָט געשאַפען און דאָרט מיט אָט־די „אָנפאַנגער" פון יונגען אידיש־נאַציאָנאַלען דור פלייסיג געלערענט, זיינען געווען באמת אַ מקור פון גייסטיגען און מאָראַלישען רענעסאַנס פאַר צעהנדליגער באַגאַבטע יונגע לייט, פאַר וועלכע עס זיינען ליידער געווען פרעמד די יסודות פון אידישען וויסען, אָבער ביי וועלכע ס'האָט געקלאַפּט אַ וואַרימע אידישע האַרץ. צווייטענס, איז משה ראָזענבלאַט געווען אַ זעלטענער מומחה און מייסטער אויף איינצואָרדנען, אונטער'ן נאָז פון דער פּאָליציי פאַרזאַמלונ־גען, קורסען, לעקציעס און אַנדערע „טריפה" אונטערנעמונגען, מיט וועלכע ס'האָט געקאָכט די אידישע קיעוו אין יענע יאָהרען. דריטענס, האָט די אונערשעפּליכע ענערגיע און דער אַרבייט־דראַנג פון אַזאַ טוער ווי משה ראָזענבלאַט געהאַט פון זיך אַליין אַ סטימולירענדען איינפלוס אויף דער

אידישער יוגענד. זיין אונערמידליכע עסקנות האָט פּשוט אַנגעשטעקט, מעשׂה לעבעדיגער ביישפּיל און אויפמונטערונג, די בעסערע צווישען דער יוגענד מיט מוטה און ענערגיע, און האָט אונז אַלעמען געטריבען צו אַק־טיוויטעט און כלל־ארבייט.

אַט אויף אַזאַ באָדען איז אויסגעוואַקסען אין אָנפאַנג ווינטער 1913־1914 דער אידישער סטודענטען־פאראיין אין קיעוו — „החבר". קיינער האָט אין אָנפאַנג ניט געהאַלטען, אַז אַזאַ אונטערנעמונג וועט מצליח זיין. ס'האָבען דאָך געפעהלט אַלע נויטיגע מאַטעריעלע יסודות — לעגאַלע מעג־ליכקייטען, געלט, ערפאַהרענע טוערס צווישען דער יוגענד א. א. וו. ס'איז אָבער געווען א סך ברען און איבערגעבענקייט ביי עטליכע עסקנים פון עלטערען דור, און ס'איז אויך געווען א היבש ביסעל באַגייסטערונג און גלויבען ביי א קליינער הייפעל פון די סטודענטען גופא. און דאָס האָט אויפגעהאַלטען די באַוועגונג, וועלכע האָט זיך צעבליהט און פאַרפעסטיגט גראָד ערב דער וועלט־מלחמה. אין משך פון די ערשטע צוויי יאָהר פון דער עקזיסטענץ פון „החבר" בין איך אַקטיוו און סיסטעמאַטיש געווען פאַר־בונדען מיט מיין ארבייט, און וויל דאָ וועגען איהר עטליכע פּרטים דער־צעהלען:

ווען כ'האָב דערמאָנט נאָר־וואָס די „עסקנים פון עלטערען דור", דאַרף מען אָבער ניט מיינען, אַז ס'איז געווען א גרויסע גרופּע אַזעלכע טוערס און פיהרערס אין אונזערע רייהען. שוין צוליב קאָנספּיראַטיווער פאָרזיכטיגקייט וואָלט ניט ראַטזאַם געוועזען אריינציהען פילע זייטיגע, ניט־סטודענטישע עלעמענטען. און דער גאַנצער עקספּערימענט איז דאָך געווען אַזוי געוואַגט, ניי און אומבאַשטימט. — טאַ ווי וואָלט מען גאָר געקענט האָפען אויף א ברייטער שטיצע פון די אַלטע פּראַקטישע ציוניסטי־שע און סתם נאַציאָנאַלע טוערס? מיר האָבען געהאַט אַרום־און־אַרום נאָר צוויי פיהרער און העלפער פון דעם עלטערען דור, אָבער דאָס זיינען דער־פאַר געווען פּערזאָנען, וואָס זייער איכות, די קוואַליטעט, האָט זיכער גע־קענט איבערוועגען די קנאַפּע כמות, די קליינע צאָהל זייערע. פון אָט־די צוויי, איז איינער געווען ד"ר בענדערסקי און דער צווייטער ווי דער לע־זער וועט שוין פאַרשטעהן, איז געווען משה ראָזענבלאַט. מ'קען זאָגען, אַז טאַקע פון משה ראָזענבלאַט'ן האָט די גאַנצע באַוועגונג געשעפּט איהר אינספּיראַציע און ענערגיע, פּשוט ווייל זיין אייגענע ענערגיע, אין אָט דער אונטערנעמונג, איז געווען „כמעין המתגבר", ווי א קוואַל וואָס האָט גע־שלאָגען אָהן אויפהער...

איך געדענק גוט די גרינדונגס־פאַרזאַמלונג פון „החבר", וועלכע איז פאָרגעקומען אין א הערבסט־אָוועגט אין גרויסען זאַל פון דר. בענדערסקי'ס קליניק, אין אן איין־שטאָקיגער הילצערנער הויז אויפ'ן קאָרנער פון גרויס־

וואסילקאָווער און קאראוואיעווער גאסען אין סאמע צענטער פון שטאָדט. ס'לעבען נאָך אין מיין זכרון די טשיקאווע אומשטענדען פון יענער פאַר־זאמלונג: ווי דר. בענדערסקי האָט געבעטען ניט צו מאכען קיין גרויסע קולות, כדי ניט צו ציהען די אויפמערקזאמקייט פון דרויסען, און ווי ער האָט געוואָרענט „על כל צרה שלא תבא", אז אָפיציעל „קומט דאָ פאָר א וויסענשאַפטליך־מעדיציניש לעקציע". אָט־אזא ענטפער וואָלט מען געדארפט געבען, ווען ס'רייסען זיך אריין די אומגעבעטענע „אָרדנונג־אָפּהיטער" אין זאל...

און געדענקען מוז מען, אז אין יענער צייט האָט די אידישע קיעוו געלעבט אין א נערוועזער, איבערגעשראָקענער שטימונג. ס'איז געווען באלד נאָכ'ן בייליס־פּראָצעס, ווען די שווארצע מחנות האָבען מיט גרויס כעס אויפגעהויבען זייער קאָפּ און געשלייפט די ציינער אויף די אידען, דערהויפט אויף די אידישע סטודענטען. און אָנפאנגען א באוועגונג גראָד אין אזא מאָמענט איז געווען געווען א געוואגטער, דרייסטער שריט.

דער גרינדונגס־מיטינג איז אָבער דורכגעגאנגען בשלום און האָט אויף די 50־60 אנוועזענדע געלאָזען א טיפען רושם. ס'האָבען גערעדט אייניגע פון די סטודענטען גופא, און אויך די צוויי „ניט־סטודענטען", וואס זיינען אגב געווען די איניציאַטאָרס און טאָן־געבער פון דער פאַרזאמלונג: דר. בענדערסקי און משה ראָזענבלאט. און גלייך אויפ'ן אָרט, נאָך דעם באַשלוס צו גרינדען אַן אומפּארטייאיש־נאציאָנאלען סטודענטען פאראיין „החבר", איז איינשטימיג געמאכט געוואָרען די החלטה, אז די דאָזיגע צוויי בכבוד'יגע נאציאָנאלע עסקנים זאָלען אויך פאררעכענט ווערען אַלס עהרען־מיטגלידער פון „החבר". זיי ביידע זיינען אפילו אויסגעקליבען געוואָרען אין דער פאַרוואַלטונג פון אָט־דער נייער אָרגאניזאציע.

אין משך פון גאנצען ווינטער 1913־1914 האָט דער „החבר" גאנץ ענערגיש געארבייט. מ'האָט די מיטגלידערשאפט, פון קרוב 90־100 גלייך איינגעטיילט אין „סעקציעס", ווי א שטייגער די „ציוניסטישע סעקציע", א געשיכטליכע, עקאָנאָמישע א. אנד., וואו סטודענטען און סטודענטקעס פון אלע 6־7 קיעווער הויך־שולען פלעגען רעגעלמעסיג איין מאָל אין וואָך אָדער אין צוויי וואָכען זיך צוזאמענטרעפען צו שטודירען און דעבאטירען די פראגען, וועלכע האָבען זיי באזונדערס אינטערעסירט. צו דער אָרגאַניזאציע זיינען כסדר צוגעשטאנען נייע מיטגלידער, הגם קיין שום אָפענע אגיטאציע איז נאטירליך ניט מעגליך געווען.

די פאַרוואַלטונג, פון א 12־15 פּערזאָן, אין וועלכע ס'פלעגען אריינגעהן די פאָרטרעטער פון די סעקציעס, חוץ די „בעאמטע" פון גאנצען „החבר", ווי פּאַרזיצער, סעקרעטאר א. א. וו., פלעגט זיך צוזאמענקומען יעדען פרייטאָג־צו־נאכט אין דר. בענדערסקי'ס פּריוואט־דירה, און אויף

וויפיל כ׳נגערנק פלעגט דער ערשטער צו קומען צו אלע פארוואלטונג־זי־צונגען, ממש אָהן אַ מינוט פאַרשפּעטיגונג, שטענדיג זיין משה ראָזענבלאַט. אָבער מיט דעם האָט זיך זיין וואַרימע, נשמה־פולע ארבייט פאַר׳ן „החבר״ ניט אויסגעשעפּט. מיט׳ן גאַנצען לעבען איז ער געווען איבערגעגעבען דעם נייעם סטודענטען־פאַראיין און האָט פאַר איהם געזאָרגט ווי פאַר זיין איינען קינד.

ביי משה ראָזענבלאַט׳ן אין דער דירה, אַראָפּ קוזנעטשנער גאַס, נעבען זשילאָנסקער, פלעגט זיך יעדע וואָך אויפקלייבען די „ציוניסטישע סעקציע״, און זיין עס־צימער איז געווען שטענדיג איבערפולט מיט יוגענד, וואָס פלעגט קומען צו הערען אַ וואָרט און זיך צו מתווכח זיין אין פראַגען מכח דער אויפלעבונג פון אידישען פאָלק, זיין לאַנד און קולטור. אָפט פלעגען די דאָזיגע מיטינגען זיך פאַרציהען שפּעט ביז האַלבע נאַכט, און דער היפ־שער הויז־געזינד משה ראָזענבלאַט׳ס האָט מיט יראת הכבוד און געדולד אָפּגעזאָגט זיך ממש פון דער דירה־באַנוצונג בעת די יוגענד האָט זיך אַזוי ברייט און פריי „צעלייגט״ אין דער וואוינונג, ממש ווי די בני־בית וואָלטען גאָר אויף דער וועלט ניט געווען.

אָבער ניט נאָר אויף אַט־אַזאַ זעהר פּראַקטישען שטייגער, דורך זיין אייגענער דירה, האָט פר. ראָזענבלאַט געדינט דעם „החבר״. ער איז געווען דער ממונה איבער דער קוואַרטיר־פראַגע בכלל. דאָס מיינט, אַז ערשט מיט זיין הילף איז פאַר אונז מעגליך געוואָרען צו פאַרזאָרגען די „סעקציעס״ מיט „לאָקאַלען״, פלעצער וואו אַ גרעסערע צאָהל מיטגלידער זאָלען קענען זיך אויפקלייבען און אָפּהאַלטען זייערע אסיפות. די גרויסע ציוניסטישע קרייזען פון שטאָדט האָבען גוט געקענט און געשעצט משה ראָזענבלאַט׳ן, און די „פּני״, ווי הלל זלאַטאָפּאָלסקי ע״ה און אַנדערע, וואָס אַגב זייערע אייגענע זיהן און טעכטער זיינען צוגעשטאַנען צום „החבר״, האָבען פון צייט צו צייט אויך, לויט משה ראָזענבלאַט׳ס שתדלנות, געמוזט אָפּטרעטען זייערע סאַלאָנען פאַר די פאַרזאַמלונגען פון אונזער „החבר״. אין „באַלעבאַ־טישע״ הייזער, ווי ביי עסמאַן, מירקין, און אַנדערע, פלעגען אויך אָפט זיך אויפקלייבען פאַרשידענע קרייזלאַך און גרופּעס פון „החבר״, און דאָס אַלץ פלעגט אייַנגעאָרדענט ווערען דערהויפּט דורך פריינד משה ראָזענ־בלאַט.

ווי שוין געזאָגט, איז דוקא די ציוניסטישע יוגענד געווען פון די ערשטע בויער פון „החבר״. איך וועל דאָ נאָר דערמאָנען דעם שפּעטערדיגען כלל־טוער משה ראָזענשטיין (היינט בוך פאַרלעגער אין תל־אביב), דעם חבר אַראָנשטאַם (אָנהענגער פון פּועלי ציון) סטוד. מעדיק. פּאָדגאַיעצקי, פריילין סאָפיע ליבערמאַן, און אַנדערע, אָבער ניט דוקא די העברעאיסטען, ציוניסטען, און האַלבע ציוניסטען זיינען געווען טוער און פיהרער אין

„החבר" אין די ערשטע פאר יאהר פון זיין עקזיסטענץ. אויך האלבע און גאנצע אידישיסטען, ווי ר. קאצענעלסאן, דוביצקי, און אנדערע, האבען זיך אריינגעווארפען אין דער נייער ארבייט פאר'ן „החבר" און זיינען מיט א גרויסער טאלעראנץ און רעספעקט באהאנדעלט געווארען פון פר. ראזענבלאט, וועלכער האט דאך גע'שם'ט פאר א קנאי־העברעאיסט און ציוניסט.

נאך מערקווירדיגער איז, אז, הגם פריינד ראזענבלאט איז געווען דער לעבעדיגער סימבאל פון ציוניזם און עקסטרעמען העברעאיזם, איז אבער זיין ארבייט פאר „החבר" פארט געווען אזא ריין־אומפארטייאישע און געטרייע, אז אפילו עקסטרעמיסטען פון געגען־לאגער, בונדיסטען און נאך לינקערע עלעמענטען, זיינען מיט דער צייט געווארען טעטיגע חברים פון „החבר", ווען אויף יעדען אנדערען געביט פון כלל־טועריי וואלט א תהום אפגעטיילט זיי פון צוזאמענארבייט מיט אזא ברענענדיגען „געגנער" ווי משה ראזענבלאט.

און געקומען איז דאס אלץ פון דער טיפער ליבע, פון ענטוזיאזם, מיט וועלכע משה ראזענבלאט האט זיך צו דער „החבר" ארבייט גענומען און זי עהרלאך אויסגעפיהרט, הגם דאס איז געווען נאר איינע פון מסתם 20 אנדערע וויכטיגע כלל־און־קולטור־ארבייטען, מיט וועלכע ער האט זיך דעמאלט מתעסק געווען. און ער אליין האט טאקע דער ערשטער געוויזען א ביישפיל פון טאלעראנץ צו די מיינונגען פון אנדערע, ווען נאר ס'האט זיך געהאנדעלט וועגען וועקען דעם אידישען באוואוסטזיין, פארפלאנצען קערנער פון אידישען וויסען, און ערציהען ביי יונגע אידען דעם גייסט פון כלל־ארבייט. און אונטער אזא לויטערער ווירקונג פון משה ראזענבלאט'ס פערזענליכקייט זיינען די צעהנדליגער מיטגלידער פון „החבר" געווארען ממש פארברידערט, ניט געאכטעט אויף די טיפע מיינונגס־פארשידענהייטען בנוגע צו דער אדער יענער פון די שטרייט־פראגען וועלכע האבען דעמאלט אזוי שטורמיש באוועגט די יוגענד־געמיטער פון אונז אלעמען...

און א דאנק אט־אזא באציהונג פון די פיהרער און טוער צום „החבר" האט די דאזיגע ארגאניזאציע, שוין אין ערשטען יאהר פון איהר לעבען, זיך קונה שם געווען און האט באקומען א גרויסען פרעסטיזש אין שטאדט און אין אנדערע שטעדט. איינינגע מאל האט דער פאראיין איינגעארדענט גרעסערע לעקציעס פאר אלע זיינע מיטגלידער. איך געדענק גוט די גלענצענדע לעקציעס פון משה־נחמן סירקין ע"ה פאר הונדערטער סטודענטען וועגען דוד פרישמאן און י. ל. פרץ (נאך זיין טויט אין 1915); און צו ארגאניזירען אט אזוינע גרויסע אונטערנעמונגען איז ערשט מעגליך געווארען נאר א דאנק דער אונערמידליכער פראקטישער הילף, וואס דער סטודענטען־פאראיין פלעגט באקומען פון משה ראזענבלאט.

זומער־צייט, 1914, ווען די יוגענד איז זיך צופאהרען פון קיעוו א

היים אויף וואקאציעס, האָט זיך די ארבייט פון „החבר" אָפּגעשטעלט, אָבער זי האָט זיך ווידער אָנגעפאנגען גלייך מיט'ן נייעם אקאדעמישען יאָהר נאָך סוכות. בינו לבינו האָט זיך אָנגעצונדען דער וועלט־קריג, און צו דעם פריהערדיגען ארבייטס־פעלד אויפ'ן קולטורעלען געביט איז צוגעקו־מען אויך די פּראַקטישע כלל־ארבייט פאַר די מלחמה־קרבנות. דורך קיעוו פלעגען דאָך דורכגעהן מחנות ארויסגעשיקטע אידען פון גאַליציע, און מ'האָט די אומגליקליכע דאָך געדאַרפט פארזאָרגען מיט אַ ביסעל מאַטעריעלע און מאָראַלישע הילף. אין אָט־דער ארבייט פון די אידישע פילאַנטראָפּען, מיט וועלכע קיעוו איז באוואוסט אין דער גאַנצער אידישער וועלט, האָבען זיך אויך באַטייליגט יונגע לייט און מיידלאַך פון דער סטודענטישער יוגענד. איך געדענק, למשל, ווי מיר האָבען אמאָל אין אָנפאַנג 1915, באזוכט און געטרייסט, אין גרויסען אידישען שפּיטאָל הינטער'ן שטאָדט אַ גרופּע חשוב'ע „ציוויל־געפאַנגענע" עסטרייכישע אידען, צווישען וועלכע ס'איז אויך געווען דער בירגערמייסטער פון טשערנאָוויץ, דר. ווייסעלבערגער, איינער פון די גרעסטע אידישע פּערזענליכקייטען אין עסטרייך פון דער פאַר־מלחמה צייט.

אָבער ווען ס'האָט זיך אָנגעפאַנגען, אין די ערשטע מאָנאטען פון 1915, די מאַסען־דעפּאָרטאַציעס פון די רוסיש־ליטווישע אידען, און גאַנ־צע צוגען מיט אידישע אַלטע לייט, פרויען, קינדער און קראַנקע פלעגען דורכגעהן דורך קיעוו קיין רומעניע, פּאַלעסטינע א. א. וו., האָט די מלחמה־הילף ארבייט פון „החבר" זיך שוין ממש פאַרצעהנפאַכט. מ'האָט דאַן אָר־גאַניזירט „דעזשורסטוועס" אויף דעם וואָקזאַל, מ'האָט געהאָלפען קליי־בען זאַכען און געלט פאַר די פאַרטריבענע, פאַרוואָגעלטע ברידער אונזערע, און מ'האָט זיך באַטייליגט אין אַלגעמיינעם שטאָדטישען הילף־קאָמיטעט פאַר די מלחמה־געליטענע אידען. און אויך אפילו אין אָט־דער ארבייט, אויפ'ן אָרגאַניזאַציאָנעלען געביט גופא, איז אַ גאַנץ גרויסער טייל אוים־געפאַלען אויפ'ן אונערמידליכען משה ראָזענבלאַט.

אזוי איז געגאַנגען די ארבייט פון קיעווער סטודענטען־פאַראיין „החבר" ביז סוף מאַי, 1915, ווען כ'האָב די אוניווערזיטעט פאַרלאָזען און בין אָפּגעפאָהרען אין מיין היים־שטאָדט, ביאַליסטאָק. ס'זיינען אוועק 20 יאָהר, און דורך די יאָהרען האָט זיך ממש אַ וועלט איבערגעקעהרט, ביז כ'האָב זיך, דאָ, אין ניו יאָרק, ווידער געטראָפען פּנים אל פּנים מיט ר' משה ראָזענבלאַט, דעם הויפּט־טוער פון יענעם אנגענעהמען אקאַדעמי־שען פאַראיין „החבר".

דער ליכטיגער און גלויביקער

פון דר. א. א. גאָלדין

ווען איך דערמאָן זיך אָן משה ראָזענבלאַט, הייבן זיך אָן באַוועגן פאַר מײַנע אויגן זכרונות פון דער צייט, ווען איך האָב פאַרבראַכט אין קיעוו, — זכרונות, וואָס זייגען ענליך צו אָפּגעריסענע שטיקלאַך חלומות, אין וועלכע דער געשטאַלט פון משה ראָזענבלאַט האָט זיך אַריינגעליכטיקט מיט די פיינסטע קאָלירן.

א פּאָר קליינע פראַגמענטן פון דידאָזיגע חלומות:

...ס'איז שוין לאַנג נאָך האַלבע נאַכט. די שטילע קוזנעטשנע גאַס אין דער שטאָט קיעוו איז איינגאַנצן איינגעשלאָפן. פון ביידע זייטן גאַס שטייען שטיל און פאַרטראַכט די צוויי־און דריי־שטאָקיקע הייזער מיט אויסגעלאָשענע פענצטער. נאָר אין איין הויז לייכטן די פענצטער אין דער נאַכט אריין.

דאָ זיצט משה ראָזענבלאַט בא א טיש און שרייבט, און שרייבט, און שרייבט: —

בריף קיין זשיטאָמיר, קיין טאַראַשטשע, קיין וואַרשע, קיין האָרניס־טייפּל, קיין בערדיטשעוו, — אין א סך קלענערע און גרעסערע שטעט און שטעטלאַך, צו די דאָרטיקע העברייאישע לערער, וועלכע ער האָט מיט אזוי פיל מי און מסירת־נפש אָרגאַניזירט אין א „הסתדרות־המורים".

אים האָט זיך אפילו איינגעגעבן שאַפן א גוטן ליטעראַרישן זשורנאַל פאַר דערדאָזיקער אָרגאַניזאַציע, דעם „קול המורה".

זיין ווייב, די שטילע און גוטע חייקע, מיט די קליינע קינדער שלאָפן אין די זייטיקע קליינע צימערן. פון דרויסן דערטראָגט זיך זעלטן א טעמפּער קייקלדיקער גערויש פון א דראָזשקע, וואָס פאָרט ערגעץ דורך. און ער, דער ליכטיקער, גוטער און גלויביקער משה ראָזענבלאַט, — שרייבט און שרייבט צענדליקער בריף צו באַקאַנטע און אומבאַקאַנטע העברייאישע לע־רער...

ער טרוימט פון דער צייט, ווען אַלע העברייאישע לערער אין דער וועלט וועלן זיין פאַראייניקט... אַלע יידישע קינדער וועלן לערנען און קענען די העברייאישע שפּראַך... און דער מצב פון דעם טרעגער פון דער העברעאישער קולטור, דעם העברעאישען לערער, וועט ניט זיין אזוי שפל...

ווי אים האָט ווײ געטאָן דאָס האַרץ פאַר דעם אָרימען העברײיִשן לערער!

און ער שרייבט, און ער שרייבט צענדליקער בריף אין דער שפּעטער נאַכט...

*　　*　　*

א לויטערער זילבער־גאָלדיקער סוף־זומערדיקער טאָג.

די קיעווער גאַסן שטראַלן אין זייער זיכערער רואיקייט. אפילו די דורכפאָרנדיקע דראָזשקעס און די ניט־אָפטע דורכלויפנדיקע טראַמוואַיען צעשטערן ניט זייער רואיקייט.

אף איינער פון די ברייטע גאַסן, ניט ווייט פון דער ליכטיק־גרויסער סאָלידער פינפשטאָקיקער בענדערסקי׳ס הויז, שטייען דריי יידן: צוויי יונגע בחורים און א מאַן פון א יאָר עטליכע־און־דרייסיק אין א טונקל־בלויער פּעלערינע.

דער לעצטער איז משה ראָזענבלאַט.

ער איז נאָר וואָס געקומען פון א ציוניסטישן קאָנגרעס.

ער רעדט מיט באַגייסטערונג. זיין פּנים איז ליכטיק און דריקט אויס גוטסקייט און תמימות.

ער גיט איבער די יונגיקע חברים זיינע דערפאַרונגען אפן קאָנגרעס. ער רעדט לייכט און וואַרם, ווי וועגן זיינער אַן אייגענער זאַך...

ער רעדט וואַרם און האַרציק... און דיכטעריש...

וואָרים משה ראָזענבלאַט איז אין תוך א דיכטער. ער האָט אין דער יוגנט געשריבן און געדרוקט שירים אין העברײיִש. אפילו זיינע הונדער־טער בריף און מאמרים וועגן געזעלשאַפטליכע יידישע ענינים, זיינען אויך געווען א פּועל־יוצא פון זיין דיכטערשער עמפינדליכקייט בנוגע צו דערשיי־נונגען אין יידישן לעבן.

אלץ, וואָס האָט געהאַט א שייכות צום יידישן לעבן, איז געווען פאַר אים, ווי זיינער א פּערזענליכער ענין. ער האָט געמוזט וועגן דעם זיך אויסריידן און אראָפּריידן פאַר מענטשן, — אָדער אין א רעדע אף א פאַר־זאַמלונג, אָדער דורך שרייבן אין א העברײיִשער צייטונג.

שרייבן אָפטע אַרטיקלען און בריף אין דער העברײיִשער פּרעסע אונ־טער זיין אייגענעם נאָמען, ווי אויך אונטער פאַרשידענע פּסעוודאָנימען, ווי אחימעץ, גדעון, זרובבל, רם, מרזב, מר זוטרא, אבן עזרא, — איז פאַר אים געווען א נויטווענדיקייט, א גייסטיקער הכרח.

אין דערקלערן יידישע ענינים דורך ריידן אָדער שרייבן — איבער־הויפּט דורך שרייבן — האָט ער זיך אויסגעלעבט.

אויב מ׳וואָלט צונויפגענומען אלץ, וואָס משה ראָזנבלאַט האָט ביז

איצט געשריבן, — זיינע מאמרים, שירים, בריף, געדרוקטע און ניט־גע־דרוקטע, — וואָלט זיין שרייבן, אין כמות, אריבערגעשטיגן דאָס שרייבן פון אַ סך פּרוכטבאַרע שרייבער.

* * *

און זיין ליבע צו שרייבן וואָס סע ניט איז, אבי לטובת די יידן בכלל אָדער אַ יידן בפרט, איז אים בייגעשטאַנען אין זיין ממש הייליקער אַרבעט לטובת די הונדערטער פאַרוואונדעטע יידישע סאָלדאַטן, — וועלכע זיינען געבראַכט געוואָרן פון די שלאַכטפעלדער אין די קיעווער שפּיטאָלן.

ס'איז אַ צייט פון בלוטיקע שטורמס אויף דער וועלט.

די וועלט־מלחמה איז אין פולן אכזריות'דיקן אויפברויז.

טויזנטער לעבנס פאַלן טאָג־טעגליך אויף די שלאַכטפעלדער.

די שפּיטאָלן אין קיעוו זיינען איבערגעפילט מיט פאַרוואונדעטע.

טויזנטער פאַרוואונדעטע סאָלדאַטן, צווישן וועלכע ס'געפינען זיך הונדערטער יידן — קראַנקע, עלנטע, פאַרלאָזענע פון דער גאַנצער וועלט, ווייט פון זייערע היימען, פון זייערע עלטערן, פון זייערע פרויען און קינ־דער.

משה ראָזענבלאַט אַרבעט איבער זיינע כחות צו פאַרלייכטערן דעם ביטערן גורל פון דידאָזיקע אומגליקליכע יידישע נפשות.

ער און זיין גוטע פרוי חיה, — אַן אמת'ע יידישע טאָכטער מיט אַ שטילער ליכטיקער נשמה — באַזוכן טאָג־טעגליך די פאַרוואונדעטע יידישע סאָלדאַטן אין די שפּיטאָלן, ברענגען זיי זאַכן אין וועלכע זיי נויטיקן זיך, און האָבן פאַר זיי שטענדיק אַ האַרציקן טרייסט־וואָרט.

און משה ראָזענבלאַט שרייבט הונדערטער בריף פאַר די פאַרוואונדעטע צו זייערע עלטערן, פרויען און קרובים. ער דערנעהענטערט דערווייטערטע, ער דערמאָנט פאַרגעסענע...

ער רוט ניט, — ער שרייבט בריף, ער שרייבט און ווערט ניט מיד, — אַזוי פיל אומגליקליכע יידישע נפשות נויטיגן זיך אין זיין הילף. און ער קאָן זיי בעסער פון אַלץ העלפן מיט זיין פען.

און אַז עמיצער פון די פאַרוואונדעטע יידישע סאָלדאַטן האָט ניט אויסגעהאַלטן און האָט אויסגעהויכט זיין נשמה אין אַ פאַרלאָרענער וועלט, האָט משה ראָזענבלאַט ניט גערוט ביז אים האָט זיך איינגעגעבן ברייגנען דעם טויטן צו קבר־ישראל...

אפן יידישן בית־עולם אין קיעוו ליגן אין שורות־קברים הונדערטער יידישע סאָלדאַטן, וועלכע זיינען געקומען צו קבר־ישראל דורך די באַמי־אונגען פון דעם גרויסן יידן משה ראָזענבלאַט... מ'האָט באַדאַרפט אַרויס־קריגן די יידישן טויטע פון צווישן די קריסטליכע מיט דער ערלויבניש

פון דער מיליטערישער פאַרוואַלטונג... ס'איז געווען זייער אַ שווערע אַר־בעט. משה ראָזענבלאַט האָט דיזאָיקע אַרבעט געדרעכנט פאַר הייליק און האָט זי געטאָן מיט מסירת־נפש...*)

און די פיל חשוב'ע יידן און רבנים, וועלכע זיינען געבראַכט געוואָרן פון גאַליציע אַלס משכנות אין דער צייט פון מלחמה, זיינען פאַרבליבן אין קיעוו און ניט פאַרשיקט געוואָרן אין סיביר, נאָר אַ דאַנק משה ראָ־זענבלאַט. אחוץ זיינע אויסערגעוויינליכע פייאיקייטן צו שרייבן, האָט ער אויך געהאַט פאַרבינדונגען מיט רייכע יידן, וועלכע האָבן אין אַן עת־צרה געקאָנט זיך משתדל זיין בא „נאַטשאַלסטוואָ" און פועל'ן בא זיי אַ טובה פאַר יידן.

* * *

משה ראָזענבלאַט איז באַגאַבט מיט פייאיקייטן אַלס שרייבער און דיכטער. הגם זינט זיינע העברייאישע שירים, וועלכע ער האָט געשריבן און געדרוקט אין דער יוגנט, האָט ער זיך מיט שרייבן שירים ניט אָפּגעגעבן. ער איז אָבער פון יענע דיכטער, וועלכע האָבן מער געלעבט זייער ליד, ווי געשריבן. און לעבן דיכטעריש איז שווערער אָבער שענער, ווי שרייבן לידער...

אָבער העכער פון אַלץ איז זיין גרויס יידיש האַרץ, וואָס לאָזט אים קיינמאָל ניט רוען, טרייבט אים תמיד צו מעשים טובים פאַר יידן בכלל און פאַר אַן אומגליקליכן יידן בפרט...

איך ווינש אים, אַז אפן אַמעריקאַנעם באָדן, וואו ער איז פאַרוואָגלט די לעצטע צען יאָר, זאָל זיין מאַטעריעלער מצב זיין גוט, — אַזוי אַז ער זאָל אויך דאָ זיין בכוח דערפילן זיין מיסיע, פאַר וועלכער ער האָט אַזוי פיל ליבע און פאַרשטענדליכקייט — זיין אַרבעט פאַרן יידישן פאָלק און דער העברייאישער שפּראַך.

באַמערקונג פון רעדאַקציע

---

*) ווענען דעם, איז אָפּגעדרוקט אין דיזען „ספר היובל" אַ רשימה פון אַריבער 300 געפאַלענע סאָלדאַטען, וועלכע ראָזענבלאַט, אַלס סעקרעטאַר פון דער אידישער קהלה, האָט אַרויסגעקריגען פון די מיליטערישע האָספּיטאַלען, און זיי געבראַכט צו קבר ישראל, און זיי ליגען אין אַ באַזונדערען פּלאַץ אויסגענומערירטע. ער האָט אַרויסגעקריגען זייערע נעמען און אַדרעסען און האָט צו־וויסען געגעבען צו זייערע קרובים, און אַזוי אַרום האָט ער באַפרייט פיעל עגונות.

„הסתדרות המורים העברים ברוסיה"

(א בלעטעל געשיכטע לכבוד משה ראָזענבלאַט'ס יובילעאום)

פון ז. פישער, ברוקלין

זעהר, זעהר א רייך קאַפּיטעל אין זיין לעבענס־געשיכטע האָט הרב משה ראָזענבלאַט פאַר זיך געשאַפען דורכ'ן גרינדונג פון די צוויי אָר־גאַניזאַציעס: „הסתדרות־המורים" און „הסתדרות לשפה ולתרבות העברית". עס זיינען אריינגעלייגט געוואָרען איבער־מענשליכע כחות, ענערגיע, מיה, צייט און ארבייט, און עס איז טאַקע געטאָן געוואָרען וואונדער, און אלעס דורך איין מענשען. עס וועט ניט זיין קיין גוזמא צו זאָגען, אז לויט די רע־זולטאַטען פון אונזער „הסתדרות", וועלכע מיר אלע האָבען געזעהן אין רוסלאַנד פאַר'ן קומען פון די באָלשעוויקעס — האָבען אלע געשאַצט, אז דאָס איז די ארבייט פון צעהנדליגע עסקנים אין משך פון צעהנדליגע יאָהרען.

אין יאָהר 1908 איז צונויפגערופען געוואָרען אַן אונלעגאַלע קאָנפע־רענץ פון העברעאישע לעהרער אין א קליין שטעדטעל, בראַילאָוו, פּאָדאָליער גוב. מ'האָט אויסגעקליבען א פּראָוואָרפען ווינקעל זיך אויסצובאַהאַלטען פון דער צארישער, שרעקליכער זשאַנדאַרמעריע, פאַרזאַמלונגען זענען דאַן געוועזן שטרענג פאַרבאָטען אין רוסלאַנד. קיין בראַילאָוו זענען געקומען פיל וויכטיגע לעהרער־פּעדאַגאָגען ווי פּ. שיפמאַן, ש. ש. קאַנטאַראַוויץ, י. ל. גורעליק, בן־ציון פראַדקין, ז. פישער, יחיאלי, אייזיקוב, הולמשטאַק, גיטלמאַן, גולדמאַן און פיל אַנדערע. עס איז אויך געקומען דער פּיאָנער פון דער הסתדרות המורים אין א"י המנוח וויטקין אלס דעלעגאַט. פאַרשטענד־ליך האָט ניט געפעהלט דאָרטען אונזער בעליבטער משה ראָזענבלאַט אלס דעלעגאַט פון די קיעווער לעהרער. נאָך 3 טעג פון דער קאָנפערענץ אויף וועלכע ס'זענען פאָרגעלעזען געוואָרען זעהר וויכטיגע רעפעראַטען, פּעדאַגאָ־גישע און אָרגאַניזאַציאָנעלע, איז ערוועהלט געוואָרען א „ועד מרכזי להסתדרות המורים ברוסיא", מיט מ. ראָזענבלאַט אלס נשיא. מיט דער פולמאַכט צו קאָאָפּטירען קיעווער בעוואוסטע לעהרער אלס העלפער אין דער דאָזיגער הייליגער ארבייט.

פיער מאָל א יאָהר האָבען באַדאַרפט קומען קיין קיעוו די מיטגלידער פון מרכז. שיפמאַן, (ראש ועד ספרותי) און פראַדקין, גורעליק, הולמשטאַק והמנוח שפירא אלס ועד בוחנים און ממציאי־משרות למורים.

מיין שפּראַך איז לײדער צו אָרעם אין ווערטער צו בעשרייבען די ריזיגע ארבייט וואָס הרב ראָזענבלאַט האָט גענומען אויף זיינע פּלייצעס.

ער אליין האָט געשאַפען די מיטלען אַרויסצוגעבען דעם לעהרער־אָרגאַן „קול־המורה", דורך וועלכען ער האָט, מיט גרויס ערפאָלג פאַרשפּרייט זיי־נע העכסט־אינטערעסאַנטע פּעדאַגאָגישע אַרטיקלען, גע'חתמ'עט מיט אַל־ערליי פּסעוודאָנימען ווי „הסוקר", מרח"ב, מרז"ב א. א. וו., וועלכע האָ־בען געריהרט מיט זייער וואָרעמקייט די סטרונעס פון יעדען לעזער. ער האָט אויך געשאַפען די מיטלען צו שיקען אינסטרוקטאָרען צו באַזוכען שטעדט און שטעדטלאַך און צו אָרגאַניזירען דאָרטען די לעהרער. פאַר דעם צוועק האָט ער פּשוט „געדרעפּטעט" אַזוינע באַוואוסטע פּעדאַגאָגען ווי פּ. שיפמאַן, ב. צ. פּראַדקין, ז. פישער און אַנדערע.

מיטלען אויפצוהאַלטען דעם „לשכת מודיעין", צו רעקאָמענדירען גוטע לעהרער פאַר ת"ת'ס און „חדרים־מתוקנים", האָט אויך געשאַפען מ. ראָזענבלאַט.

ער האָט אויך אַליין געשריבען זעהר הייסע אַגיטאַציאָנעלע סירקוליאַרען אין אַ וואונדערבאַרען העברעאיש, וועלכע פיל לעהרער דערמאָנען נאָך יעצט מיט גרויס געפיהל און ליבשאַפט. די צירקוליאַרען זיינע האָבען דערגרייכט אַלע פאַרוואָרפענע ווינקעלאַך פון גרויס רוסלאַנד און זיי האָ־בען טאַקע געבראַכט אַהין פרייד און האָפנונג צו זייערע טויזענטער לעהרער.

ווען לעהרער זיינען געקריוודעט געוואָרען פון זייערע „ברויט־גע־בער", האָט זיך ראָזענבלאַט פאַר זיי איינגעשטעלט מיט ברודערליכען גע־פיהל. ער האָט דורך בריף געפאָדערט צו שליכטען די סכסוכים, און אז ס'האָט ניט געהאָלפען, האָט ער אויסגענוצט דעם אויטאָריטעט פון „ועד מפיצי־השכלה", אָדער פון אַנדערע אידישע עסקנים, און אז מ'האָט באַ־דאַרפט פאָהרען פערזענליך אין אַ פאַרוואָרפען שטעדטעל צוליב אַ סכסוך אין אַ ת"ת, האָט קיין זאַך איהם ניט אָפּגעהאַלטען, און דורך דעם זיינען פילע לעהרער געהאָלפען געוואָרען. מיר וואָלטען געקענט ברייינגען הונדער־טע פאַקטען פול מיט צויבער פון ספורי נפלאות צו שילדערן אונזער העלד ראָזענבלאַט, וואָס האָט מקריב געווען איבער־מענשליכע כחות און ענער־גיע פאַר יעדען פּרט.

מיר ווייסען פאַקטען, ווען ראָזענבלאַט האָט אָפּגעגעבען זיינע פּריי־וואַטע לעסאָנס צו פרעמדע לעהרער, אַזוי ווי ער האָט אָפּגעגעבען זיין ביסען ברויט און די קישען פון זיין צוקאָפּענס. ער פלעגט זאָגען: „איך בין אַ היימישער און אַ באַקאַנטער לעהרער, וועל איך קריגען אַנדערע לע־סאָנס, אָבער ווער וועט זאָרגען פאַר דעם פרעמדען לעהרער?" ראָזענ־בלאַט האָט ניט נאָר געזאָרגט פאַר די לעהרער אין רוסלאַנד, נאָר ער האָט זיך אויך געקימערט פאַר די לעהרער, וועלכע האָבען אין יענער צייט גע־מוזט עמיגרירען קיין עסטרייך איבער פּאָליטישע און עקאָנאָמישע פאַרפאָל־גונגען, און ווייל אין גאַליציע ווי אויך אין בוקאָווינע האָבען זיך דע־

מאַלט די העברעאישע שולען גוט ענטוויקעלט און האָבען געצויגען דעם רוב לעהרער כחות פון רוסלאַנד. לטובת דיזער לעהרער אימיגראַציע אין עסטרייך האָט ראָזענבלאַט, אַלס נשיא פון „הסתדרות המורים", מיר, דעם שרייבער פון די שורות, וועלכער איז געזעסען על גבול אויסטריה, — אָנ־פאַרטרויעט די מיסיע און חוב צו פאַראייניגען דיביידע לעהרער־פאַר־באַנדען אין איין אגודה. נאָך פילע נסיעות, פאַרזאַמלונגען און אסיפות, האָב איך מיין שליחות ערפילט מיט ערפאָלג.

צוליב דעם מלחמה־פיבער וואס האָט זיך שוין דעמאָלט געפילט צווי־שען רוסלאַנד און עסטרייך, איז די לעהרער עמיגראַציע באַלד אָפּגעשטעלט געוואָרען און דערפאַר האָט דער גרויסער פּלאַן ניט געקענט קומען לידי מעשים, ווי מיר האָבען געהאָפט. דאָך געפין איך פאַר נויטיג צו ברייג־גען איינינגע פון די תקנות, וועלכע זיינען דעמאָלט אויסגעאַרבייט געוואָ־רען דורך דעם נשיא ועד הסתדרות המורים בגליציה, מר רפאל סופרמן. פון איין זייט מיט מיר אַלס בא־כח פון דער רוסישער הסתדרות המורים.

א) אַלע לעהרער פון רוסלאַנד זענען פריי פון זיך עקזאַמינירען ביים „ועד הבוחן" אין גאַליציע, ווי ביז יעצט, ווען זיי ברייגגען א תעודת־מורה פון רוסישען הסתדרות־המורים.

ב) א פאַראייניגטער פּראָגראַם לבחינת מורים עברים, זאָל אויסגע־אַרבייט ווערען פאַר ביידע לענדער.

ג) אין די ת"ת און בתי ספר פון ביידע לענדער זאָל פאַרברייטעט ווערען אַן אַלגעמיינער פּראָגראַם.

ד) אַלע ספרי־לימוד פון די בתי־ספר מוזען גוטגעהייסען ווערען פון דעם „ועד פדגוגי המרכזי".

ה) ס'זאָל געגרינדעט ווערען א קופת־מלוה בשותפות פאַר די לעהרער פון ביידע לענדער.

ו) דער „קול־המורה" ווערט דער אָרגאַן פון אַלע אָרגאַניזירטע לעה־רער און אַלע חברים מוזען איהם שטיצען.

ז) דער פאַראייניגטער „ועד המרכז" זאָל שטרעבען צו פאַראייניגען די „הסתדרות" פון רוסלאַנד־עסטרייך מיט דעם „מרכז המורים" אין ארץ ישראל.

ווען ניט די מלחמה, וואָלט דיזער לעהרער פאַרבאַנד געבראַכט גרוי־סע נוצען צו די לעהרער ווי אויך צו די בתי־ספר, נאָר אפילו פאַר די ווייניגע רעזולטאַטען פון דער קורצער צייט ביז דער מלחמה, קומט אויך א גרויסען „יישר־כח" צו אונזער באַליבטען פריינד משה ראָזענבלאַט פאַר דער איניציאַטיווע און אינספּיראַציע.

די גרעסטע ווערק אָבער ראָזענבלאַט'ס איז וואס ער האָט לעגאַליזירט ביי דער פינסטערער צארישע מאכט, מיט דער הילף פון דר. בענדערסקי און

אנדערע מגדולי קיעב — דעם „הסתדרות־המורים ברוסיה". ער האט באקו־מען א לעגאלען „אוסטאוו" פאר'ן גאנצען תחום המושב, מיט פולע רעכט צו עפענען אפטיילונגען פון דעם „הסתדרות" אין שטעדט און שטעדטלאך, אפצוהאלטען עפענטליכע פארזאמלונגען פאר חנוך און העברעאישע קול־טור, אויך איינארדענען ליטערארישע אווענטען.

דער „ספר־התקנות" האט געעפענט א ברייט פעלד פאר לעקציעס און רעפעראטען. ער האט געגעבען א מעגליכקייט צו עפענען ביבליאטעקען, לעזע־זאלען א. א. וו.

עס איז איבעריג צו באמערקען, פאר די וועלכע געדיינקען די פינס־טערע צארישע צייטען, ווען מ'איז געווען ממש איינגעשטעלט מיט'ן לע־בען ווען 5 מענשען זיינען זיך צוזאמענגעקומען אין איין ארט — איז פארשטענדליך, אז אזא „ספר־תקנות", לעגאליזירט פון דעם שטרענגען גו־בערנאטאר טרעפאוו — געווען זעהר און זעהר עפאכע־מאכענד. ליידער פעהלט ביי אידען אחדות בכלל און ביי אידישע לעהרער בפרט און עס איז צום בעדויערען געקומען א שפאלטונג אין דעם „ועד־המרכזי" וועלכער האט אין א קורצער צייט חרוב געמאכט דעם גאנצען „הסתדרות".

גענומען האבען זיך די חלוקי־הדעות דערפון, וואס אייניגע חברים פון „ועד המרכזי" האבען ניט געוואלט דערלאזען מ'זאל אריינעמען אין „הסתדרות" פאר חברים אויך די אידישע לעהרער פון די אלגעמיינע למודים. האטש זיי זיינען אויך זעהר געפלאגט אלס אידען און טאהרען זיך ניט פארזאמלען צו פעדאגאגישע רעפעראטען. די עקסטרעמע העברעאיסטען האבען מורא געהאט, אז די אלגעמיינע לעהרער וועלען צופיל משפיע זיין אויף דעם „הסתדרות" און דער פרצוף וועט א ביסעל מטושטש ווערען. דערפאר האבען זיי באשלאסען — אויף דעם לעהרער צוזאמענפאהר אין מאזיר־מינסק — וואו זיי האבען געהאט א רוב — ניט אריינעמען די לעהרער פון אנדערע למודים און געבראכט צו א שפאלטונג. ראזענבלאט איז געווען פאר אריינעמען נאר ער איז געווען אין מינאריטעט.

ראזענבלאט האט דאמאלט רעזיגנירט אלס נשיא צוזאמען מיט אנדע־רע חברים, וועלכע האבען מיט איהם מסכים געווען, בלייבענדיג ביי דעם לעגאליזירטען טשארטער. דער מרכז איז איבערגעגאנגען צו די ווארשעווער חברים נאך דעם באשלוס פון מאזירער קאנפערענץ, און האט פון זיך זעהר ווינציג געלאזט הערען.

דער לעגאליזירטער „ספר־התקנות" אין קיעוו האט אויך געבראכט גרויסע נוצען אין מלחמה־צייט. דורך איהם האט מען געקענט גרינדען די קאלאניעס פאר לעהרער־פליכטלינגע, קינדער־היימען פאר די פאר'יתום'טע פון די געפאלענע אין דער מלחמה, דורך פאגראמען און סתם פליכטלינגע.

איבערצוגעבען עפיזאדען וואס הרב ראזענבלאט האט בעוויזען צו טאהן הילפס־ארבייט אין די קאלאניעס פון די פליכטלינגע־לעהרער און אין

די קינדער־היימען פון יתומים, וואָלט פאַרנומען אַ גאַנצען בוך פון הונ־דערטע זייטען. עס לעבען דאָך פיל לעהרער וואָס האָבען אַלס פליכטלינגע אַליין געגאַסען פון דער קאָלאָניע, וועלכע איז געגרינדעט און אויסגעהאַל־טען געוואָרען דורך ראָזענבלאַט'ס שווערע ארבייט. עס געפינען זיך אויך פילע פון יענע קינדער וועמענס לעבענס זיינען דעמאָלט פשוט געראַטע־וועט געוואָרען דורך די דאָזיגע קינדער־היימען, אונטער דער השגחה פון קאָמפּעטענטע מחנכים און „מאַמעס". זיי זיינען די לעבעדיגע עדות פון ראָזענבלאַט'ס ערפאָלגרייכע מעשים. פון דעם מרכז אין ווארשא האָבען מיר זעהר ווייניג צו דערצעהלען, אָבער דער קיעווער „ועד ההסתדרות" איז פיל געלויבט געוואָרען אין דער העברעאישער פּרעסע. דער זשורנאַל „החיים", ארויסגעגעבען פון י. ב. לבנר האָט פיל געטאַדעלט די מאַזירער מערהייט און האָט שטאַרק געלויבט די קיעווער „הסתדרות" מיט הרב ראָזענבלאַט בראש, וועלכער האָט מיט זיין אונערמידליכער ארבייט ארויפ־געאַרבייט דעם „הסתדרות" כמעט צו דער הויך צו וועלכע מיר אַלע האָ־בען געהאָפט. ער אַליין האָט פאַראינטערעסירט די גדולי־קיעוו, ווי פּראָפע־סאָר מאַנדעלשטאַם, דר. בענדערסקי, הלל זלאַטופּולסקי און אפילו די אדע־סער גדולים ווי המנוח ביאַליק, א. לעווינסקי (רבי־קרוב) וועלכער האָט געשטיצט דעם „קול־המורה" מיט געלט און האָט אייניגע מאמרים גע־דרוקט אין איהם. די פּאָר יאָהר וועלכע הרב ראָזענבלאַט איז געווען דער נשיא פון „הסתדרות" אין קיעוו האָט ער איינגעאָרדענט לעהרער־קאָנווענ־שאָנס: אין לידע, נעבען ווילנא, וואו פנחס שיפמאַן האָט דעמאָלט גע־וואוינט, אין שדה־לבן ווי אויך אין קיעוו. איך מוז דערמאָנען אַן עפּיזאָד פון אדעסער צוזאַמענפאָהר: די קיעווער לעהרער האָבען געהאַט די רעכט נאָך זייער צאָל צו שיקען עטליכע דעלעגאַטען, האָבען זיי געשיקט נאָר איינעם, רבי ראָזענבלאַט און האָבען געשריבען, אַז ער מיט זיין ענערגיע, ארבייטס־פעהיגקייט און ארבייט־ווילינגקייט, איז אַליין שקול כנגד כולם. אַזוי האָבען אַלע זיינע מיטארבייטער איהם רעספּעקטירט, חאָטש מ'זאָגט: „אין נביא בעירו".

די דערמאָנטע אסיפות האָבען אויפגעלעבט, די גאַנצע לעהרער'שע וועלט מיט איהרע גדולים.

עס איז שטאַרק צו באַדויערען דעם חורבן וואָס די יעווסעקעס האָ־בען געמאַכט ביי ראָזענבלאַט'ן אין הויז. זיי האָבען פאַרניכטעט זיין ביבליאָטעק וואָס איז געווען אַ יקר־המציאות, און דעמאָלט אויך פאַרניכ־טעט דעם גאַנצען אוצר פון בריעף, וועלכע ער האָט באַקומען פון טויזענ־טער לעהרער, פאַרוואָרפענע אין אַלע עקען רוסלאַנד. אַ דאַנק זיין שטאַר־קע ענערגיע און געדולד, אויך הערצליכע פיהלינג צו יעדען לעהרער, האָט ער צוגעצויגען צום „הסתדרות" פיל פון די בעסטע לעהרער, אויך סופרים,

וועלכע זיינען געווען ווייט פון דער „הסתדרות". מיר בעדויערען זעהר, וואָס אָט די טויזענטער בריעף, וועלכע האָבען געהאַט פאַר אונז אזא גרויסען היסטאָרישען ווערטה, זיינען פארניכטעט געוואָרען דורך די יעווסעקעם — עוכרי ישראל.

די יעניגע לעהרער, וועלכע האָבען גענומען איין אקטיווען אנטייל אין „הסתדרות", דערמאָנען יענע צייט אַלס די גאָלדענע עפּאָכע פון דעם אידישען לעהרער אין רוסלאַנד. מיט גרויס כבוד און ליבע געדיינקען זיי הרב ראָזענבלאַט, וועלכער האָט אָפּגעגעבען אַזוי פיל צייט און ארבייט פאַר דעם „הסתדרות" און זיי זיינען איבערצייגט, אז ער האָט כשר פאַרדינט דעם „חג־היובל", וואָס זיינע מעריצים גרייטען צו פאַר איהם. ס'איז פשוט אַ חוב צו פּראָקלאַמירען זיינע מעשים טובים, למען ישמעו ויעשו כמוהו.

אַלס איינער פון זיינע מעריצים און מיט־ארבייטער אין יענער גלענצענדע לעהרערישע צייט, וויל איהם ווינשען אריכות ימים און די העברעאישע וועלט אין אמעריקא זאָל אנערקענען דעם גרויסען כח וואָס זי פאַרמאָגט אין דעם פּערזאָן, משה ראָזענבלאַט, און איהם שאַפען אַ מעגליכקייט צו פאָרטזעצען זיין בריליאַנטענע ארבייט פאַר העברעאישען חנוך און העברעאישער קולטור.

די בלוטיגע מלחמה און די רעוואָלוציע

(אַ בלעטעל זכרונות)

פון סאָפיע עפּשטיין, אַטלאַנטיק סיטי

איך האָב געהאַט דעם כבוד צו זיין איינע פון דעם פרויען קאָמיטעט, וועלכער האָט זיך אָפּגעגעבען צו באַזאָרגען די פליכטלינגע מיט שפּייז און קליידער, אין צייט פון מלחמה און דער רעוואָלוציע. און איך מוז זאָגען, אַז אין די פארשידענע הילפס־ארבייטען פאַר פליכטלינגע און פאַר די גאַליציאַנער אידישע זאַלאָזשניקעס האָט זיך אויסגעצייכענט רבי משה ראָזענבלאַט.

צו אַזא זעלבסטאָפּפערונג האָט קיינער פון די קיעווער מענער און פרויען אפילו ניט גע'חלום'ט. ווען מען האָט געבראַכט טויזענדער און טויזענדער פליכטלינגע אין די בהמות וואַגאָנען, און זיי זיינען געווען ארומגערינגעלט מיט סאָלדאַטען מיט בלויזע שווערדען ווי פארברעכער

און מען האָט קיינעם צו זיי ניט צוגעלאָזט, און אין די וואַגאָנען זיינען פאַרשמאַכט געוואָרען אַלטע לייט, פרויען און קליינע קינדער, און זיי זיינען קראַנק געוואָרען פון אומסאַניטאַרישקייט, פון שטיקענדע לופט, פון הונ־גער, פון דאָרשט, און ניט זעהענדיג קיין ליכטיגע שיין אין פערלויף פון טעג און וואָכען און ניט איין טויטער קערפּער איז אַרויסגעוואָרפען געוואָ־רען אויף דעם וועג.

האָט קיינער פון אונז ניט געוואגט זיך דורכרייסען דעם סאָלדאַטישען פּראָנט, צו ברייננען דערקוויקונג מיט עסען, מיט טרינקען, מיט מילך פאַר קליינע קינדער און מיט מעדיצין פאַר קראַנקע — נאָר איין משה ראָזענבלאַט — ער האָט אַפּעלירט צו די סאָלדאַטען מיט געבעט און מיט טרעהרען. פיעל מאָל איז ער צוריקגעשטויסען געוואָרען און נאָך אַמאָל געקומען און זיך געבעטען, ביז ער האָט זיינס אויסגעפיהרט.

מען האָט פאַרשפּאַרט אַ גרופּע פּוילישע פליכטלינגע פון ראַדאָמער גובערניע אין אַ פינסטערען נאַסען קעלער אויף כאַראָוואַיאַ גאַס אין „פּאָ־דאָלסקי אוטשאַסטאַק“, אונטער דעם פאַרדאַכט פון שפּיאָנאַזש, ווייל זיי האָבען געהאַט אין שטעדטעל אַן עירוב, און מען האָט זיי חושד געווען אַז דאָס איז אַ געהיימע טעלעגראַפישע פאַרבינדונג מיט די דייטשען. זיי זיינען געפּייניגט געוואָרען גרויזאַם אין דעם פינסטערען נאַסען גרוב אָהן לופט און אָהן וואַרימע שפּייז. עס איז געווען אַ געפאַהר צו קומען צו זיי, האָט זיך ראָזענבלאַט צוגעשלאָגען צו די וועכטער דורך געלד, און ער האָט פערזענליך באַזוכט די געפּייניגטע אידען און פערזענליך געבראַכט יעדען טאָג געקאָכטע שפּייז, און קישען און קאָלדרעס, וועש און קליידונג און ערמוטהיגונג. זיי זיינען געווען אַ פערציג מענשען.

נאָכהער קומט אַ קאַפּיטעל פון גאַליציאַנער אידען. מיין פעדער איז צו שוואַך צו באַשרייבען דיעזען טהאַט, עס וואָלט באַדאַרפט באַשריבען ווערען פון אַן אמת׳ן שרייבער.

מען האָט אַרויסגעשיקט פון גאַליציע טויזענדער אידען, צווישען זיי רבנים און צדיקים, אין קאַלטען סיביר, וואָס דאָס איז אַ זיכערער טויט פאַר זיי, פיעל זיינען טאַקע דאָרט אויסגעשטאָרבען פון קעלט, פון הונגער און פון פּיין, און אפילו צו קבר ישראל ניט געקומען.

האָבען זיך די קיעווער אידישע כלל־טהוער, צווישען זיי פאַרשטעהט זיך איז געווען ראָזענבלאַט, באַמיהט און אויסגעווירקט ביי דעם גענעראַל־שטאַב, איבערצוגעבען די גאַליציאַנער פאַר׳משכנ׳טע אידען אויף זייער אחריות, ניט שיקען זיי קיין סיביר, און אַפּצושטעלען זיי אין קיעוו, וועלכע וועלען זיין אונטער זייער וואַך אויף די הוצאות פון דער אידישער באַ־פעלקערונג. מען האָט געדונגען אַ הויז פון צעהנדליגע חדרים (צו־ערשט אויף לוואָווסקי גאַס און דערנאָך אויף טאַטאַרסקי גאַס), וואו מען האָט זיי אויסגעהאַלטען מיט אַלע באַדערפעונישען.

עס האָט זיך געפאָדערט א מאַן, וועלכער זאָל נעהמען אויף זיך די גע־וואגטע אחריות, צו זיין ערב פאר יעדען איינציגען פאר׳משכונ׳טען, דאָס הייסט, צו פארשפארען זיך צוזאַמען מיט זיי אויף דער גאַנצער צייט, צו זיין אויף דעם פּלאַץ, אין פאַל פון א פּלוצלינגע רעוויזיע. אויך דאַרף מען פארוואַלטען מיט דעם הויז, צו זעהן אז עס זאָל זיין אין דער צייט די שפייז, די געלעגערס און צו רעגולירען זייער לעבען. האָט ראָזענבלאַט פאר־לאָזט זיין פאַמיליע און זיך אָפּגעגעבען מיט דעם הויז און מיט די פאר׳־משכונ׳טע פארוואָגעלטע ברידער, געזאָרגט פאר זיי, אפילו א שוהל מיט ספרים צוגעגרייט פאר זיי, געדאַוועוענט און געלערענט מיט זיי, די ימים נוראים און ימים טובים געפייערט מיט זיי, אפילו מיט א סוכה און מיט א אתרוג זיי פארזאָרגט. צווישען די פאר׳משכנ׳טע זיינען געווען גרויסע רבנים און גאונים, און כדי צו מאַכען זיי גוט־פיהלענד, האָט ער געבראַכט צו זיי אַלס געסט די גרעסטע רבנים און חשוב׳ע אידען פון דער שטאָדט. עס האָט זיי באַזוכט אונטער זיין אויפזיכט האדמו״ר רבי משה׳לע גיטער־מאַן זצ״ל, הראב״ד ר׳ שלמה הכהן אהרנסון זצ״ל (שפּעטער דער רב הכולל פון תל־אביב והסביבה), און יבדל לחיים האדמו״ר רבי ליב׳לי הארנאסטאַ־פּאָליער שליט״א און פיעל אנדערע. אזוי האָט זיך געפיהרט דאָס הויז פון די אונגליקליכע אונטער ראָזענבלאַט׳ס פיהרערשאַפט אריבער 2 יאָהר, ביז זיי האָבען זיך אומגעקעהרט א היים, ווען עס האָט אויסגעבראָכען די רעוואָלוציע.

איך וויל זיך נאָך אָפּשטעלען אויף אייניגע פאקטען.

פון יעקאטערינאסלאוו איז געקומען א קראנקער שווינדזיכטיגער לעהרער מיט זיין פרוי, וואָס די דאָקטוירים האָבען איהם געהייסען פאָהרען קיין בויארקע. אין בויארקע איז געווען די בעסטע סאַניטאַריום אין רוס־לאַנד פאר טובערקולאָזיע קראַנקע. פון אַלע עקען לאַנד איז מען געפאָהרען קיין בויארקע צו ערהאָלען זיך פון דער געזונדער לופט, ווייל דאָס אָרט געפינט זיך אין א געדיכטען סאָסנאָווע וואלד. דער לעהרער איז געקומען צו ראָזענבלאַט׳ן, ער האָט געבראַכט צו איהם א רעקאָמענדאַציע פון הרב יעקב מזא״ה פון מאָסקווא. די סאַניטאַריום אין בויארקע איז שוין געווען איבערגעפילט, און עס איז ניט געווען קיין פּלאַץ מעהר פאר איהם. איך האָב דאַמאָלס געהאַט מיין זומער וואַקיישאָן אין בויארקע. ראָזענבלאַט איז געוואָהר געוואָרען, אז איך האָב אָן איבעריגען צימער, האָט ער איהם געבראַכט צו מיר, ניט פרעגענדיג מיין הסכמה. איך, ווי אנדערע קיעווער, האָבען מיר זיך באַצויגען צו איהם מיט אזא סימפּאַטיע, אז מיר האָבען קיינמאָל ניט געוואַגט איהם אין עפּעס אָפּצוזאָגען, וויסענדיג אז ער טהוט מעהר פון אונז. און דער באַוואוסטער דר. בוכמיל (הערצל׳ס מיט־ארבייטער

פונ׳ם ערשטען קאָנגרעס), און זיין געאַכטעטע פרוי האָבען פאַר מיר באַרעכטיגט זיין טהאַט, און איך האָב געמוזט האַלטען דעם קראַנקען לעהרער ביז ער האָט זיך ערהאָלט.

פון װאַרשאַ איז געקומען אַן העברעאישער לעהרער קיין קיעוו, אַ באַוואוסטער פּעדאַגאָג מר. יצחק ווילענסקי. ער האָט געבראַכט רעקאָמענדאַציעס פון די װאַרשאַװער העברעער, פון שמואל ליב גאָרדאָן, ליבושיצקי וכו׳, אַז ער זאָל זיך משתדל זיין, אַז מען זאָל ווילענסקי׳ן אַרייננעמען אין סאַניטאַריום אין בויארקע פון טובערקולאָזיע, ווייל פּראָפעסאָרען אין װאַרשאַ האָבען געפונען אַז ער איז געפעהרליך קראַנק. ער האָט באַקומען „טשאַחאָטקאַ גאָרלאַ״, ער האָט ניט געקאָנט אַרויסברייִנגען קיין זילבע פונ׳ם האַלז.

מר. ווילענסקי איז געקומען מיט זיין גאַנצע פאַמיליע קיין קיעוו, זיין פרוי און מיט 2 קינדער, אַ פריילין און אַ באָי, זיי זענען פאַרפאָהרען מיט די פּעקלאַך צו ראָזענבלאַט׳ן, ניט אָנגעפרעגט זיך פאָראויס, און דאַצו זיינען דאַמאָלס געװען אָבלאַװעס אין די נעכט אויף אידען, װעלכע האָבען ניט געהאַט קיין װאױנרעכט, מען פלעגט ניט שאַנעװען אפילו קיין קראַנקע און קיין אַלטע לייט, ניט פרויען און ניט קינדער, און זיי אָפּשיקען מיט דעם עטאַפּ צו זייערע געבורטס-שטעדט.

ראָזענבלאַט איז געפאָהרען מיט ווילענסקי׳ן קיין בויארקע אין סאַניטאַריום. די דאָקטוירים האָבען איהם עקזאַמינירט און האָבען זיך אָפּגעזאָגט איהם אריינצונעהמען אין סאַניטאַריום, זיי האָבען איהם געפונען פאַר אַ געפעהרליכען קראַנקען און ער קאָן אָנשטעקען מיט דיזער קראַנקהייט די אַנדערע פּאַציענטען, אין סאַניטאַריום װערען אַריינגענומען נאָר די לייכטע קראַנקע פון טובערקולאָזיע, װעלכע האָבען אַ האָפנונג געזונד צו װערען, און בשום אופן נעהמט מען ניט אַריין אַזעלכע קראַנקע, װעלכע זיינען לאחר יאוש, װעלכע קאָנען נאָך שעדיגען אַנדערע.

ראָזענבלאַט איז אַרומגעלאָפען אין בויארקע און אין נאָהענטען דאָרף בודאיאָװקע, צו דינגען פאַר ווילענסקי׳ן אַ צימער ביי די פּויערען נעבען דעם סאָסנאָװע װאַלד, די פּויערען האָבען באַלד דערקאָנט אין דעם פּאַציענט דעם חולה מסוכן און האָבען אויך פאַרשטאַנען פאַרװאָס ער געהט ניט אין סאַניטאַריום און זיי האָבען זיך ענטזאָגט איהם צו פאַרדינגען אַ צימער. אָבער נאָך פיעל מאַטערניש און זוכעניש האָט זיך ראָזענבלאַט׳ן איינגעגעבען צו געפינען אין טיפען װאַלד אַן איינזאַמע לײדיגע הייזקע, און ער האָט דאָס אָפּגעדונגען פאַר דער ווילענסקי פאַמיליע, אָבער קיין לעבעדיגען מענשען האָט מען דאָרט ניט געזעהן, און װען די פרוי ווילענסקי, אָדער די קינדער זיינען געגאַנגען קיין בויארקע איינקויפען עסענװאַרג, האָט קיינער ניט געװאָלט קומען מיט זיי אין באַריהרונג, מורא האָ-

בענדיג פאַר אָנגעשטעקט צו ווערען פון דער געפעהרליכער קראַנקהייט. ראָזענבלאַט האָט געמוזט זיי אַלעם אריינברייננען אין הויז אריין, און ער האָט אויך פארבראַכט מיט זיי אַלע מאָל שטונדען לאַנג, צו פאַרטרייבען אַ ביסעל די איינזאַמקייט.

און ווען ווילענסקי איז געשטאָרבען ביינאַכט האָט די פרוי ווילענסקי געמוזט מיטנעהמען די 2 קינדער וועלכע האָבען מורא געהאַט צו בלייבען איינע אַליין אין וואַלד מיט דעם בר מינן, און איז געגאַנגען מיט שרעק ביינאַכט דורך דעם געדיכטען וואַלד קיין בויאַרקע אָנצוקלינגען אין טעלעפאָן קיין קיעוו צו ראָזענבלאַט'ן, אַז ער מוז באַלד קומען צו פאָהרען נאָך ביינאַכט, ווייל דער מת ליגט איינער אַליין אין וואַלד, און זי מיט די קינדער וואַרטען אויף דעם וואַגזאַל, כדי מיט איהם זיך צוריקצוקעהרען צום נפטר. ראָזענבלאַט האָט נאָך ביינאַכט געכאַפּט אַ טריין און געקומען קיין בויאַרקע צום נפטר. ווען עס איז געוואָרען טאָג האָט ער איינגעאָרדענט אַ לויה, געדונגען 20 פויערשע פוהרלאַך פון דעם דאָרף און אַלע לעהרער וועלכע האָבען זיך אויפגעהאַלטען אין דער קאָלאָניע, וואָס ער האָט איינגעאָרדענט פאַר די פליכטלינגע לעהרער, זיינען מיטגעפאָהרען. מען האָט אריינגעפיהרט דעם נפטר אין שטעדטעל איגנאַטאַווקא, נאָהנט צו בויאַרקע. די פּראָצעסיע איז צוגעפאָהרען גלייך צו דער שטאָדט שוהל, דאָס גאַנצע שטעדטעל איז זיך צונויפגעלאָפען, קינד און קייט, מיט דעם רב אין שפּיץ. דאָס שטעדטעל האָט נאָך קיינמאָל ניט געזעהן אַ מחנה פון אָנגעפאָהרענע אין 20 פוהרלאַך. ראָזענבלאַט האָט געמאַכט דעם הספד, ארויסברענגענדיג וואָס פאַר אַ אונגליקען די בלוטיגע מלחמה האָט פאַראורזאַכט, טויזענדער אַלמנות, טויזענדער יתומים, טויזענדער פאַרקריפּעלטע סאָלדאַטען, טויזענדער פליכטלינגע, רואינירטע פון זייערע פּלעצער. טויזענדער וואַנדערער און טויזענדער קראַנקע. ער האָט דערצעהלט ווער דער נפטר איז געווען, פון וואַנען ער איז געקומען, ווי אַזוי ער האָט זיך געמאַטערט, ווי די פרוי און זיינע קינדער בלייבען יעצט אויף דעם וואַסער. ער האָט אָנגעוויזען, ווער די מלוים זיינען, אויך צובראָכענע מענשען, רואינירטע, האַלב קראַנקע, און געפינען זיך אין דער קאָלאָניע וואָס דער הסתדרות המורים האָט איינגעאָרדענט.

עס האָט אויסגעבראָכען אַזאַ געוויין, אַזאַ יללה, מען האָט זיך געזעגענט... וואַשען אין טרעהרען. איגנאַטאַווקע האָט נאָך ניט געזעהן אַזאַ לויה. נאָכהער האָט ראָזענבלאַט געדונגען אַ דירה אין קיעוו פאַר דער אַלמנה ווילענסקי און קינדער, אויסגעמעבלירט פאַר באַרדערס מיט אַ רעסטאָראַנטעל פון וואָס זי האָט געמאַכט אַ לעבען. אויך זיינען פאָרגעקומען ציוניסטישע מיטינגען אין איהר דירה, פאַר וועלכע זי האָט געקראָגען גוט באַצאָהלט.

איך וויל פאַרביינעהן וואָס ער האָט מיט זיין זעליגער פרוי געטאָהן

פאר די גרעסטע סאָלדאַטען, וועלכע זיינען געבראַכט געוואָרען פונ'ם פראָנט אין די קיעווער האָספּיטעלער, ווייל דאָס וואָלט באַדאַרפט פאַרנע־מען א גאַנצען בוך נאָר איך קאָן אָבער ניט פאַרשווייגען וואָס ראָזענבלאַט האָט געטאָהן פאַר די געפאַנגענע אידישע סאָלדאַטען פון דייטשלאַנד־אויסטריא־אונגאַרן, וועלכע זיינען געבראַכט געוואָרען קיין דאַרניצאַ, אין א גרויסען וואַלד, נעבען קיעוו און זיינען געפּייניגט געוואָרען דורך די רוסישע אָפיצערען צום טויט. יעדען טאָג זיינען צושאָסען געוואָרען פיעל געפאַנגענע, און זיינען געווען א מאכל פאַר זייערע הינט, פיעל פון זיי זענען פאַרמוטשעט געוואָרען דורך הונגער און דאָרשט, דורך קעלט און דורך שמיץ. ווען די אָפיצערען האָבען זיך געוואָלט לוסטיג מאַכען אין א רוסישען יום טוב, ברייגענדיג געסט, אָפיצערען פון דער שטאָדט מיט זייערע פרויען און קינדער, האָבען זיי זיך „איזדיעקאַוועט" אויף די אונ־גליקליכע געפאַנגענע, זיי האָבען מכבד געווען די געסט, אז יעדער פון זיי זאָל אריינוואַרפען עטליכע שמיץ די „קרעסטאָפּראַ־דאַווצעוו". ווען זיי זיינען געווען צוגעבונדען צו די בוימער, פיעל פון זיי זיינען נאָך דער „שמחה" געווען טויט.

עס פאַרשטעהט זיך, אז פאַר א ציווילען מענשען, בפרט פאַר א אידען, איז געווען א גרויס געפאַהר אהין אריינצושמעקען, מען האָט בשום אופן ניט געקאָנט צוקומען צו די געפאַנגענע סאָלדאַטען, און אויב א ציווילער מענש האָט געוואַגט זיך דערנעהנטערען צו דעם פּלאַץ, איז ער פאַררעכענט געוואָרען פאַר א שפּיאָן, און דאַן איז אחת דתו להמית.

אָבער ראָזענבלאַט האָט געוואָלט ראַטעווען עטליכע אידישע געפאַנ־גענע סאָלדאַטען פון טויט, האָט זיך איהם דורך זיין גרויסע ענערגיע דאָס איינגעגעבען. איך וויל דאָ ברייגען איין פאַקט פון 100 אנדערע פאַקטען אלס א ביישפּיעל.

צווישען די געפאַנגענע סאָלדאַטען האָט זיך געפונען א ספרדישער איד פון סאַראיעוואָ, ער האָט נאָר געקאָנט רעדען אויף שפּאַניעליש און העב־ברעאיש מיט דער ספרדישער הברה. זיין נאָמען איז משה אלתרץ. אין א גרויסען רוסישען יום טוב, אין „ראָזשדיעסטוואָ", האָבען די אָפיצערען אראָפּגעבראַכט געסט פון קיעוו, אָפיצערען פון אלערליי ראַנגען מיט זייערע פרויען און קינדער, אין דאַרניצער וואַלד, וואו דער לאַגער פון די געפאַנ־גענע האָט זיך געפונען. זיי האָבען געוואָלט געבען א שאָו פאַר זייערע געסט, האָבען זיי אויסגעקליבען דעם משה אלתרץ פאַר זייער קרבן. דאַמאָלס איז געווען א מורא'דיגער פראָסט, זיי האָבען געהייסען איהם בינדען צו א בוים, און זיי האָבען מכבד געווען די געסט, איבערהויפּט די פרויען מיט די קינדער אריינצוואַרפען איהם שמיץ מיט די „נאַגייקעס". אלתרץ האָט זיך באַשלאָסען אויף א ריזיגען טהאַט. ער האָט געוואוסט אז סיי ווי וועט

ער שוין קיין לעבעדיגער ניט בלייבען, אין בעסטען פאל, וועט ער בלייבען א קריפעל, וואס דאס איז ערגער פונ'ם טויט, האט ער אנגעהויבען לויפען אהן א אטהעם, אויב מען וועט איהם נאך שיסען איז בעסער צו פאלען טויט ניט געמוטשעט. די אפיצערען זיינען געווען אהן זייערע רעוואלווע־רען, און ביז זיי זיינען געלאפען אין הויז צו כאפען די כלי־זיין, איז ער אוועק צווישען די פארדרייטע סטעשקעס אין וואלד, און ער איז געלאפען אהן אויפהער, פייל אויס דעם בויגען, ביז ער האט דערגרייכט דעם דניעפער וועלכער האט אפגעטיילט דארניצע פון קיעוו. דער דניעפער איז געווען פארפרוירען, איז ער געלאפען איבער דעם אייז, אלע מינוט געפאלען אויף דעם גליטשיגען אייז, נאר ער איז אויפגעשטאנען א צובלוטיגטער, און גע־לאפען ווייטער ביז ער איז אנגעקומען קיין קיעוו.

אבער קיינער האט איהם ניט געוואלט אריינלאזען אין א הויז, ער איז געווען אנגעטאהן אין אויסטריעשע קליידער און אויסטריעשע שיך, און דאס וואלט געהייסען אז מען בעהאלט אויס דעם שונא, און אז מען קומט אין קאנטאקט מיט די אויסטריעשע געפאנגענע, ווערט מען פאררעכענט פאר א שפיאן, און דערפאר קומט דער העכסטער שטראף אין צייט פון מלחמה. אלתרע האט געוואלט איבערטאהן זיך אין ציווילע קליידער, עס פארשטעהט זיך, אז דערפאר קומט נאך א גרעסערער עונש, דאס הייסט באהאלטען דעם שונא אונטער דעם רוסישען מאנטעל. אלתרע איז אריינגעלאפען אין דער גרויסער קופיעטשעסקא שוהל מיט א יאמער און מיט א געוויין, אז מען זאל איהם ראטעווען פון א זיכערען טויט, ווארום מען וועט זיך נאכיאגען און איהם כאפען, און פאר דעם אנטלויפען וועט מען איהם שיסען. אבער אידען האבען נאר געקאנט מיט איהם מיט־וויינען, נאר זיי האבען איהם אבער געמוזט ענטזאגען פון הילף, ווייל אויסער דעם וואס מען וואלט צו־געשלאסען די שוהל, וואלט מען די אלע בעלי בתים ארעסטירט און פאר'־משפט מיט דעם העכסטען שטראף. אויף דעם געוויין פון אלתרע און די געבעטען אויף העברעאיש האט איהם איינער אריינגערוימט א סוד אין אויער אריין, דעם אדרעס פון ראזענבלאט'ן.

בקיצור וואס זאל איך דא מאריך זיין, ראזענבלאט האט איהם אויפ־גענומען, איהם איבערגעטאהן אין ציווילע קליידער, געהאלטען איהם אין א פארשלאסענעם צימער אויף אלעם גרייטען אין פערלויף פון 2 יאהר, ביז די רעוואלוציע האט אויסגעבראכען, און ער איז א היים געפאהרען גלייך מיט די אלע וועלכע זיינען לעבען פארבליבען.

די 2 יאהר האט ראזענבלאט'ס פאמיליע איבערגעלעבט שרעק און נערוועזיטעט, געציטערט פאר יעדען שארך. נאר דערפאר געראטעוועט א נפש פון טויט.

ווי געזאָגט האָב איך געבראַכט איין ביישפּיל פון 100 וואָס ער האָט געטאָהן פאַר געפאַנגענע.

איך ווינש איהם צו זיין 60 יאָהריגען יובילעאום, אַז די אידישע וועלט זאָל איהם אָפּדאַנקען, אַז ער זאָל זיין איינגעאָרדענט מיט לעבענס־מיטעל אין נייעם לאַנד.

דער קעמפער מיט די יעווסעקען

(אַ דוד און גלית קאַמף פון צוואַנציגסטען יאָרהונדערט)

פון חיים סאַדאָוו, ברוקלין

. . . ובימי הבולשביקים היה משה ראזענ־בלאַט כמעט היחיד שמסר את נפשו על קנינינו התרבותיים והמשיך את עבודתו בגלוי וביד רמה (קטע ממכתב ח. נ. ביאליק על ראַ־זענבלאַט ב„מגילת ספר", חיפה, א"י, תרצ"ו, דפוס נח ורהפטיג).

אין דער לאַנגער קייט פון גוטע נאַציאָנאַלע, קולטורעלע און געזעל־שאַפטליכע ארבייט אויף אַלע געביטען וואָס רבי ראָזענבלאַט האָט באַוויזען צו טאָהן אין פערלויף פון 40 יאָהר און מעהר, וועלכע האָבען איהם גע־קרוינט פאַר אַ גרויסען נאַציאָנאַלען העלד און כמעט אַ לעגענדע, איז בלי־ספק די גרעסטע, די שעהנסטע און די וואונדערבאַרסטע ארבייט אין דער עפּאָכע פון די באָלשעוויקעס ווען זיי האָבען באַקומען די מאַכט אין רוסלאַנד און אין אוקריינא.

די באָלשעוויקעס — אָדער בעסער געזאָגט די יעווסעקציע — האָבען גענומען אויסראָטען די אידישע רעליגיע, די נאַציאָנאַלע אידעאַלען, דעם ציוניזם, די העברעאישע קולטור און שפּראַך, דעם העברעאישען חנוך, זיי האָבען פאַרוואַנדעלט בתי מדרשים און שוהלען אין ארבייטער קלובען. אַלע ספרים און הייליגטימער האָבען זיי פאַרברענט אָדער צוריסען. זיי האָבען פאַרשיקט קיין סיביר די ציוניסטען און נאַציאָנאַליסטען גלייך מיט די מענשעוויקעס און סאָציאַל רעוואָלוציאָנערען. זיי האָבען חרוב גע־מאַכט דאָס אידישע לעבען, גע'רודפ'ט ווי אין אנטיוכוס צייטען די אידען וועלכע האָבען געלערענט תורה, געהיט שבת און מל געווען די קינדער, אַלע אסטראַגען און טשעקא זיינען געווען איבערגעפּילט מיט ציוניסטען, נאַציאָנאַליסטען, העברעאישע לעהרער און רעליגיעזע אידען (אויספיהרליך וועגען די גזרות פון די באָלשעוויקעס און שרעקליכע בלוטיגע רדיפות

אויף די ציוניסטען, העברעאיסטען, נאַציאָנאַליסטען און רעליגיעזע אידען, זעה אין אַריבער 200 אַרטיקלען וואָס ראָזענבלאַט האָט געשריבען אין „טאָגעבלאַט", אין העברעאישען קאָלום „היום", אין פערלויף פון 1925-1926, אונטער דעם קעפּעל „אמת מרוסיא ואוקריינא"). און דאָן האָט זיך ראָזענבלאַט באַוויזען ווי דער גרעסטער העלד וואָס האָט אַרויסגערופען באַוואונדערונג ווייט איבער די גרעניצען פון רוסלאַנד און האָט זיך קונה שם געווען אַלס נאַציאָנאַלער העלד וואָס האָט מקדש השם געווען, דאָס איז געווען אַ לעבעדיגער שפּיל פון דוד און גלית, וועלכער האָט געקעמפט מיט דער יעווסעקציע.

ווי באַוואוסט, איז ביאַליק ע"ה געווען קאַרג אויף לויב-געזאַנגען און פּראָזען, און אַז ער האָט געשריבען אויף איהם: „אַז ער איז געווען כמעט דער איינציגער, וועלכער האָט זיך מוסר נפש געווען פאַר אונזערע נאַציאָנאַלע ווערטהען און האָט ממשיך געווען זיין אַרבייט אָפען וביד רמה", האָט ער נאָך ניט אַלעס געזאָגט. די באַשרייבונגען פון דיזער עפּאָכע אין ראָזענבלאַט'ס קאַמף מיט דער יעווסעקציע און באָלשעוויקעס פאַר ציוניזם און אַלעס וואָס איז הייליג ביי אידען וועט קלינגען ווי אַ לעגענדע, ווי אַן אונגלויבליכע מעשה, און דאָך איז דאָס אמת און טויזענטער עדות וועלען דאָס באַשטעטיגען. דער באַוואוסטער שריפטשטעלער און רייזענ-דער מר. צבי כשדאי האָט דערפון פיעל געשריבען אין „הארץ" און אין „מאזנים" א"י.

פאַר זיין קאַמף איז ער שוין ניט איין מאָל געשטאַנען פנים אל פנים צום טויט. ער האָט געשמאַכט אין נאַסע און פינסטערע קעלערס חדשים לאַנג. געליטען הונגער, דורשט, פּייניגונגען, שמיץ און אינקוויזיציע-יסורים און ווען ניט צוויי מיידלאַך, ריכטערינס פון טשעקאַ, וועלכע זיינען גע-ווען זיינע געוועזענע תלמידות אין די העברעאישע קורסען, ווען זיי זיינען געווען סטודענטקעס פון קיעווער אוניווערזיטעט, מרים טשערניכאָווסקי און איטאַ כהנא (אַ שוועסטער פון פּראָפ. אברהם כהנא) וואָלטען איהם שוין לאַנג געשאָסען און זיין קערפּער וואָלט פאַרוואָרפען געוואָרען ווי די קערפּערס פון טויזענטער אַנדערע אידישע מאַרטירער, וועלכע זיינען ניט געקומען צו קבר ישראל. אַ סך פאַרזוכען זיינען געמאַכט געוואָרען אָפּ-צוראַמען משה ראָזענבלאַט, ווייל מיט זיין עקשנות האָט ער דערצאָרענט די סאַטראַפּען פון דער יעווסעקציע, נאָר די צוויי תלמידות און נאָך אַ פּאָר געוועזענע תלמידים האָבען געוואַכט איבער איהם, (זיין הויז איז געווען אַ מקום מקלט פאַר דער יוגענד און פאַר אַלע אומגליקליכע צווישען זיי שפּעטערדיגע יעווסעקען) האָבען זיי ניט דערלאָזען און ניט דערלאָזען איהם אומברייינגען, זיי האָבען ניט געקאָנט פאַרגעסען זיינע טובות

און זיין גרויס מענשליך הארץ, און ווי ביי איוב'ן האט מען איהם אי־בערגעגעבען צום שטן צו פלאגען איהם מיט אלערליי יסורים און זאגענדיג דערביי „רק את נפשו שמור".

אבער לאמיר אנהויבען צו דערצעהלען כראנאלאגיש. ווען די באל־שעוויקעס האבען זיך איינגעארדענט אין קיעוו, האט משה ראפעס, דאן דער הויפט פון דער יעווסעקציע און פון רעווטריבונאל, געשיקט רופען 40 אידישע פיהרער פון אלע חברות און ארגאניזאציעס: פון דער קהלה, ציוניסטען, העברעאיסטען, לעהרער, העברעאישע אנשטאלטען, פון פי־לאנטראפישע און געזעלשאפטליכע ארגאניזאציעס א. א. וו. און האט געפאדערט פון זיי, אז זיי זאלען זיך אונטערשרייבען, אז פון היינט אן זאגען זיי זיך אפ פון די אלע ארגאניזאציעס, אז זיי וועלען מעהר ניט עוסק זיין רחמנא לצלן, ניט אין אידישקייט, ניט אין ציוניזם, ניט צו לערנען מיט קינדער תורה א. א. וו. און דער וואס וועט עובר זיין אויף דער גזרה פון „רעווטריבונאל", וועט שטרענג באשטראפט ווערען. עס זיינען גע־שטאנען רויטע ארמייער מיט ביקסען און בלויז שווערדען, געהיט די ארעסטירטע, מען איז זיך באגאנגען מיט די גדולי ישראל אין קיעוו ווי מיט פארברעכער, מען האט ניט געשאנעוועט דעם באליבטען רב הרב הגאון ר' שלמה הכהן אראנסאהן (שפעטער רב הכולל אין תל־אביב, גע־שטארבען, אדר, תרצ"ה). אלע האבען פאר מורא גע'חתמ'עט. אז עס איז געקומען די רייהע צו ראזענבלאט'ן, האט ער געזאגט צום סעקרעטער ה' קוליק, (א געוועזענער העברעאישער לעהרער) וועלכער האט איהם גע־ציינט דעם פאפיער אין אידיש, אז העברעאיש איז די נאציאנאלע שפראך, און ער וויל אז ער זאל איהם איבערזעצען אין העברעאיש. קוליק האט גע־ענטפערט שטרענג, אז ער האלט ניט העברעאיש פאר קיין שפראך, ענטפערט איהם ראזענבלאט, אז ער האלט ניט אידיש פאר קיין שפראך, און אזוי ווי קוליק איז געווען א לעהרער פון העברעאיש און האט געגעסען ברויט פון העברעאיש וויל ער אז ער זאל איהם איבערזעצען אין העברעאיש. קוליק האט געשריען און געקלאפט אין טיש און האט איהם פארקלאגט צו ראפעס'ן. דאן האט ראזענבלאט זיך געווענדעט צו ראפעס'ן מיט א טענה: ווי לאנג האט איהר געפרעדיגט אין דער אוקריינער צענטראל ראדא אויך אין דער אידישער קהלה פאר פערסאנעלע נאציאנאלע אויטאנאמיע, אז יעדע נאציע און גרופע האט דאס רעכט צו באנוצען זיך מיט וואס פאר א שפראך זי האלט פאר איהר געהעריקייט, יעצט אפילו ווען איהר זענט א געגנער פון דער אידישער קהלה. שטעלט אייך פאר ווען עס זאל קומען צו אייך אן אוקריינער גוי אדער א פאלאק און איהר זאלט פאדערען פון איהם אז ער זאל אונטערשרייבען זיין נאמען אויף א פאפיר געשריבען אין א פרעמדער שפראך און דער אוקריינער אדער פאלאק וואלט באשטאנען מען זאל איהם

איבערזעצען דעם פּאַפּיר אין זיין שפּראַך, וואָס וואָלט איהר געטאָהן? ענטפערט ראַפּעס: „איך וואָלט זיין פאַרלאַנג דערפילט און וואָלט איבערגעזעצט אויף זיין שפּראַך". דאַן פרעגט ראָזענבלאַט: „פאַרוואָס זשע זאָלען מיר אידען אַנדערש באַהאַנדעלט ווערען?" ענטפערט ראַפּעס: „ווייל מיר ווילען ארויפצווינגען אויף אייך די אידישע שפּראַך", בעסער געזאָגט, ניט צוליעב אהבת מרדכי — פון ליבע צו אידיש — ווי צוליעב שנאת המן — פון פיינדשאַפט צו דער אַלטער אָפּגעלעבטער שפּראַך. דאַן ענטפערט ראָזענבלאַט: „טהוט מיט מיר וואָס איהר ווילט, איך וועל ניט אונטערשרייבען, אפילו דער טויט וועט מיך ניט שרעקען". ווען דער סליעדאַוואטעל (אויך א איד) האָט איהם געשטעלט פראַגען ער זאָל געבען אַן ענטפער, האָט ער געפאָדערט אַן איבערזעצונג אויף העברעאיש און אויב דער סליעדאוואטעל פאַרשטעהט ניט קיין העברעאיש זאָל ער שטעלען אַן איבערזעצער, זאָל קוליק דער סעקרעטאר און געוועזענער העברעאישער לעהרער שטעלען די פראַגען און באקומען די ענטפערם. דער מה־יפית'ניק קוליק האָט זיך פאַרשעמט וואָס מען האָט איהם דערמאָנט זיינע חטאים פון העברעאיש. מען האָט אָנגעהויבען סטראַשען ראָזענבלאַט'ן. די רויטע אַרמייער האָבען איהם ארומגערינגעלט. דער סוף איז געווען אַז ראָזענבלאַט האָט אויסגעפיהרט, ער האָט ניט געענטפערט אויף קיין פראַגע. (דער שרייבער פון די שורות האָט געהאַט דעם כבוד צו זיין א יוצא ונכנס ביי הרב אהרנסאָן ז"ל און ער האָט מיר דערצעהלט ווי אזוי ראָזענבלאַט איז זיך מיט זיי באַגאַנגען).

ווען מען האָט פאַרמאַכט אַלע שוהלען, פאַרשלאָסען אַלע תלמוד־תורות, רעקוויזירט די אידישע קהלה מיט אַלע איהרע אַרכיוען און היסטאָרישע דאָקומענטען, ווען מ'האָט אויפגעהאַנגען א שלאָס אויף דער חברה מפיצי השכלה, ווען מ'האָט פאַנאַנדערגעטריבען די חובבי שפת עבר און אַנדערע אידישע נאַציאָנאַלע און געזעלשאַפטליכע אָרגאַניזאַציעס, איז די אידישע קיעוו געוואָרען פאַר'יתומ'ט און חרוב — דאַן האָט זיך משה ראָזענבלאַט ארויסגעוויזען מיט זיין גאַנצער ענערגיע און איז געגאַנגען צום שטאָדט קאָמענדאַנט, א פּשוט'ער קריסט, וועלכער ווייסט ניט קיין חכמות און ניט אידישע פּאָליטיק און האָט פון איהם פאַרלאַנגט א קלייניגקייט ער זאָל איהם ערלויבען פון די חרוב'ע צאַרישע קאַזאַרמעס, וועלכע געפינען זיך אין בענדערסקי'ס הויז אויף באַלשאַיאַ וואסילקאָווסקאַיאַ נומ' 23, וועלכע די באָלשעוויקעס האָבען צובראָכען און אויסגעזעצט די פענסטער, זאָל ער איהם ערלויבען אויסצובויען א שוהל אויף צו דאַוונען פאַר די אידישע סאָוועטישע בירגער. דער גוטמוטהיגער גוי האָט ניט באַגריפען די וויכטיגקייט פון זיין באַשלוס, און ער האָט איהם שוואַרץ אויף ווייס געגעבען אַן ערלויבעניש, און באַלד איז ראָזענבלאַט צוגעטראָטען צו בויען

א שוהל. פיעלע ציוניסטען און העברעאיסטען האָבען פּראָטעסטירט און געשריען אַז דאָס איז אַ גרויסע ריזיקע, אַז עס איז אַן עברה די געלד, מען וועט דאָס באלד פאַרמאַכען און ס'וועט נאָך שאַדען די דאַוונער. ראָזענ־בלאַט האָט ניט געפאָלגט, און מיט די אָרימע גראָשענס וואָס ער האָט אליין געגעבען און געקראָגען ביי יחידים האָט ער אויסגעבויט אַ שוהל און איהר אַ נאָמען געגעבען „כנסת ישראל", אריינגעשטעלט אַן אַלטען ארון קודש, אַן אַלטען עמוד און אַלטע בענקלאַך און מ'האָט אָנגעהויבען דאַוונען, און הרב ראָזענבלאַט האָט אָנגעהויבען פּרעדיגען אין די פייער ווענט ציוניזם און העברעאישע קולטור, אונטער די אויסרעדע פון רעליגיעזע דרשות, וועלכע זיינען דאַן נאָך געווען ערלויבט, אַבי ניט קיין פּאָליטיקא.

ווען די יעווסעקען האָבען זיך דערוואוסט פון דעם קאָמענדאַנט'ס ערלויבעניש, זיינען זיי צו איהם געלאָפען פּראָטעסטירען, נאָר דעם קאָ־מענדאַנט'ס שטאָלץ האָט איהם ניט ערלויבט נאָכגעבען די „אידעלאַך פון יעווסעקציע" און זיך מודה זיין אויף זיין טעות, האָט ער זיך איינגע־עקשנ'ט און האָט ניט געוואָלט צוריקציהען זיין ערלויבעניש. דאַן האָט זיך אָנגעהויבען אַן אַטאַקע אויף דעם שטאָדטישען קאָמענדאַנט, אַז ער געהט אריין אין די פונקציעס און אין דער אויטאָנאָמיע פון דער יעוו־סעקציע. זיי זיינען געלאָפען אין רעווקאָם צו פּאַר'מסר'ן דעם קאָמענ־דאַנט, נאָר דער קאָמענדאַנט האָט געהאַט זעהר גרויסע רעוואָלוציאָנערע פאַרדינסטען און אַן אונגעהויערע מאַכט, וועלכע האָט זיך געצויגען איבער גאַנץ קיעוו און אויך איבער אַ גרויסען טייל פון אוקריינע, איז ער געווען דער יחסן און דער גרויסער תקיף און קיינער האָט ניט געוואַגט פון איהם צו פאָדערען נאָכגעבען דער יעווסעקציע. און ניט נאָר האָט ער ניט צוריק־געצויגען זיין ערלויבעניש, נאָר ער האָט געשיקט רופען ראָזענבלאַט'ן צו זיך און איהם געשטאַרקט צו פיהרען די שוהל, נאָר מיט איין צוזאָג ער זאָל דאַרטען ניט אָנפיהרען קיין אַנטי סאָוועטישע רעדעס און פּראָפּאַגאַנדע. און נאָך אַ תנאי, אויב ער וויל אָפּהאַלטען מיטינגען אין דער שוהל ווע־גען אידישע ענינים, האָט ער גאָר ניט געגען דעם, נאָר מ'זאָל פאַר יעדער מיטינג נעהמען ביי איהם אַן ערלויבעניש, און ער, דער קאָמענדאַנט, וועט ניט שיקען קיין פאַרטרעטער צום מיטינג, נאָר ראָזענבלאַט אַליין וועט זיין באַגלויבט אַכטונג צו געבען אויף דער אָרדנונג.

נו, נו! פרעגט שוין ניט! דער „כנסת ישראל" איז געוואָרען אַ צענטער פון אַלע אידישע ענינים. ער איז געווען אַ טריבונע פאַר ציוניזם, פון אַלגעמיינע, פון צעירי ציון, פון החלוץ, פון השומר הצעיר, פון הצופה, פון אמנות, פון קהלה ענינים, פון רעליגיעזע קאָמיסיעס, חברה קדישא, מעות חטים א. א. וו.

די יעווסעקען האָבען געקריצט מיט די ציינער, זיי האָבען ניט גע־

קאַרגט קיין מסירות. איבערהויפּט דאַרפֿן פּאַרצייכנט ווערן די גע־וועזענע העברעאישע לעהרער נאָוואָקאָווסקי און בראָוואַרניק וועלכע האָבן גע׳רודפ׳ט די שוהל און דעם גרינדער ראָזענבלאַט, נאָר ס׳האָט ניט געהאָלפֿען, ווייל דער גוי׳שער קאָמענדאַנט האָט געשטיצט ראָזענבלאַט׳ן מיט דער שוהל און פֿאַרזאַמלונגען. זייערע מסירות האָבן איהם געגעבען אַמביציע.

מ׳האָט זיך גענויטיגט אין מעהר פּלאַץ און מעהר חדרים, ווייל אַלע אָרגאַניזאַציעס, וועלכע האָבן זיך ענטוויקעלט און פֿאַרברייטערט האָבן ניט געקענט אויסשפּרייטען זיך אין „כנסת ישראל". דאַן האָט ראָזענבלאַט גענומען ערלויבעניש צו בויען די אַנדער זייט פֿון בענדערסקי׳ס צערישע חרוב׳ע קאַזאַרמעס פֿאַר שוהלען. עס איז אַריבער אַהין די שניידערשע פֿאַרמאַכטע שוהל „לינת הצדק". דערנאָך האָט ער געבויט אין די אייגענע חרוב׳ע קאַזאַרמעס וועלכע האָבן זיך געצויגען אַ בלאָק פֿון באַלשאַיאַ וואַסילקאָווסקאַיאַ ביז מאַלאַ וואַסילקאָווסקאַיאַ נאָך צוויי שוהלען „עץ־חיים", וואו די יובעלירען און זייגער־מאַכער האָבן געדאַווענט, און „אהל יוסף". און די אַלע שוהלען זיינען געווען געפּאַקט מיט דאַוונער און מיט ציוניסטישע און פֿאָלקס רעדנער. דערנאָך האָט ער געגרינדעט אַ העברעאישען בית־הספר אין דער שוהל „עץ־חיים" און מ׳האָט געלערנט עפּ"י השיטה הטבעית. די קינדער האָבן גערעדט העברעאיש און געשטודירט די אידישע געשיכטע. און די רייכע יובעלירען און זייגער־מאַכערס האָבן געשטיצט דעם בית־הספר מיט געלט. אויך איז געגרינדעט געוואָרען אין „כנסת ישראל" אַ העברעאישע ביבליאָטעק, וואו צעהנדליגע לייענערס האָבן געקראָגען העברעאישע ספרים צום לייענען.

די יעווסעקען זיינען געוואָרען וואָס ווייטער מעהרער אויפגערעגט, און דער קאַמף האָט זיך צופלאַקערט. מ׳האָט נאָך האַלבע נאַכט סליחות אַרעסטירט ציוניסטען מיט ראָזענבלאַט׳ן בראש. דער אַרעסט איז געצילט געגען ראָ־זענבלאַט׳ן אַלס דער הויפּט טהוער, כדי צו צושטערען די שוהל אין ימים נוראים. מ׳האָט די ציוניסטען געפּייניגט אין טשעקאַ, מעהר פֿון אַלעמען ראָזענבלאַט׳ן, אַריינוואַרפֿענדיג איהם אין אַ נאַסען פֿינסטערען גרוב, ניט צוגעלאָזט צו איהם קיין שפּייז. די אַרעסטירטע האָבן דערלאַנגט אַ ביטע זיי ערלויבען ימים נוראים אויף אַ פּאָר שטונדען צוזאַמען קומען אין איין צימער צו דאַוונען בצבור. ראש השנה און יום כפור האָט מען די אַרעסטירטע ערלויבט צו זיין אין איין חדר צו דאַוונען און ראָזענבלאַט און בעלאַצערקאָווסקי, זיינען געווען די חזנים. צו כל נדרי האָט מען פּאָר זייערע אויגען געשאָסען סוחרים פֿון וואַליוטע, און זייערע קערפּערס אַנ־געלעגט אויף אַ וואָגען און אַרויסגעפֿיהרט חוץ לעיר און זיי אַריינגעוואָרפֿען אין אַ גרוב, ווי זייער שטייגער איז געווען, און מ׳ווייס עד היום ניט וואו די קערפּערס זיינען אַהינגעקומען.

נאָר דאָס האָט ניט געשטערט די שוהלען צו עקזיסטירען, וואָרום דער קאָמענדאַנט האָט געזאָגט, אַז ער קאָן זיך ניט אַריינמישען אין טשעקא ענינים צו באַפרייען אַרעסטירטע, אָבער די ערלויבעניש פון שוהל איז פון איהם געגעבען געוואָרען, קאָן ער ניט צוריקציהען, כל זמן זי איז ניט אַנטי־סאָוועטיש.

נאָך פיעל מאַטערנישען האָבען פיעלע אַרעסטירטע פון טשעקא אונ־טערגעשריבען אַז זיי זאָגען זיך אָפּ פון ציוניזם און נאַציאָנאַליזם און מ'האָט זיי באַפרייט, אָבער ראָזענבלאַט האָט זיך אַנטזאָגט אונטערצושרייבען, האָט ער אָפּגעפינסטערט אין טשעקא און דערנאָך אין לוקיאַנאָווער תפיסה נאָך אַ צייט. אָבער סוף כל סוף האָט זיך איינגעגעבען זיינע געוועזענע תלמידים, אַנגעזעהענע באָלשעוויקעס, איהם צו באַפרייען. און ערשט דאַמאָלסט, ערמוטהיגט פון דעם גוי'אישען קאָמענדאַנט (וועלכער האָט געזעהן אין ראָזענבלאַט'ס אַרעסט אַ נקמה אַקט פאַר זיין ערלויבעניש) האָט זיך ערשט ראָזענבלאַט גענומען צו דער אַרבייט.

די פיער שוהלען, וועלכע זיינען געבויט געוואָרען אין די חרוב'ע צאַ־רישע קאַזאַרמעס, האָבען געזאָטען מיט טהעטיגקייט, אַלע שטאָדט־מיטינגען, איבערהויפּט די מיטינגען פון אַלגעמיינע ציוניסטען, צעירי ציון, השומר הצעיר, החלוץ, אמנות, חובבי שפת עבר, אגודת תרבות החבר (סטודענ־טישע אָרגאַניזאַציע) א. א. וו., זיינען פאָרגעקומען אין די שוהלען. יעדע אָרגאַניזאַציע האָט געהאַט אַ באַזונדער חדר, און די אַלע חדרים זיינען געווען אָפען טאָג און נאַכט. אין איין חדר איז געווען די ביבליאָטעק און אַ לעזע זאַל, און ראָזענבלאַט איז אַרומגעגאַנגען פון חדר צו חדר, פון שוהל צו שוהל צו שטאַרקען די אָרגאַניזאַציעס, אַז זיי זאָלען ניט מורא האָבען און זאָלען ממשיך זיין זייער אַרבייט, פאַרזיכערענדיג אַז ס'וועט זיי קיין בייז ניט געשעהן, ווייל די יעווסעקציע איז מאַכטלאָז געגען דעם קאָמענ־דאַנט, וועלכער האָט גרויסע רעוואָלוציאָנערע פאַרדינסטען און האָט ער־וואָרבען די הויכע מאַכט און איז דער גרעסטער יחסן אין דער קאָמו־ניסטישער פּאַרטיי.

בראַווערניק און נאָוואַקאָווסקי, די צוויי קאָמיסאַרען פון דער יעווּ־סעקציע (געוועזענע העברעאישע לעהרער) האָבען זיך געהאַט אַריינגעריי־סען ראש השנה אין די שוהלען, מיט אַ פּייער קאָמיסיע און האָבען גע'־פּסל'ט די שוהלען, ווייל די הינטער־טהירען זיינען ניט געווען גענוג ברייט אויף אַרויסצוגעהן אין פאַל פון אַ פייער, און זיי האָבען שוין געהאַט געזונגען אַ זיעג ליעד, אַז זיי האָבען צוטריבען די אידען פון די שוהלען, אום ראש השנה פאַר שופר בלאָזען, אָבער ראָזענבלאַט האָט באַלד אָפּגע־רופען דעם קאָמענדאַנט אין טעלעפאָן, און דער קאָמענדאַנט האָט געהיי־סען צו רופען די יעווסעקציע קאָמיסאַרען און ער האָט זיי געהייסען מיט

דעם הארבען ווארט פארלאזען די שוהל, און ווען זיי זיינען געווען גע־
צוואונגען צו פארלאזען די שוהל — אבל וחפוי ראש — האט ספאנטאן
פון אלע מתפללים אויסגעבראכען דער נאציאנאלער הימנון „התקוה".

עס וועט ניט פארגעסען ווערען פון די אלע וועלכע האבען דורכגע־
לעבט יענע צייט דעם יום טוב סכות. ראזענבלאט האט געמאכט ביי דער
שוהל „כנסת ישראל" א סוכה, (דאס איז געווען אפשר די איינציגע אין
שטאדט) און די יעווסעקציע האט געפונען א שטארקען ארגומענט, אז
מ'זאל די סוכה צוואווארפען, וויל עס שטעקט אין איהר א סכנה פון פייער.
מ'האט איהם גערופען אין פייער דעפארטמענט און מ'האט איהם געזאגט,
אז אויב ער וועט ניט צוואווארפען די סוכה אין פארלויף פון צוויי שעה
וועט ער באקומען דעם הארבסטען שטראף. ראזענבלאט איז אוועק צום
קאמענדאנט און ער האט אנגעקלונגען צום פייער דעפארטמענט צו געבען
ראזענבלאט'ן צייט ארפצונעמען די סוכה אכט טעג צייט. א שטיק צייט
האט די אידישע באפעלקערונג געלאכט פון דעם קלוגען איינפאל פון
דעם גוי'אישען קאמענדאנט, נאר די יעווסעקציע האט געברענט פון כעס.

מיר וועלען קיינמאל ניט פארגעסען יענעם שמחת תורה. די פיער
שוהלען (וועלכע זיינען געווען צוזאמען האבען זיך פארוואנדעלט אין
איין שוהל) זיינען געווען געפאקט מיט מתפללים. זייער צאהל האט דער־
גרייכט אין די טויזענטער. מעהר פון אלע זיינען געקומען סטודענטען
און סטודענטקעס פון אלע הויכשולען, אין דער שפיץ פון ציוניסטישען
„החבר" און „החלוץ". מ'האט געטאנצט מיט די תורות. מ'האט געזונגען
„שירי ציון" און ראזענבלאט איז געווען דער העלד פונ'ם יום טוב. ער
האט געקראגען שטורעמדיגע אוואציעס. מ'האט איהם געטראגען אין דער
לופטען מיט הידד געשרייען.

הושענא רבה, נאך פאר שמחת תורה, האבען עטליכע נאציאנאלע
און ציוניסטישע ארגאניזאציעס איינגעארדענט א סורפרייז צו ראזענ־
בלאט'ן און זיין פרוי. זיי האבען זיך דערוואוסט, אז ס'איז געווארען 25
יאהר זינט זייער חתונה, (די ערשטע פרוי וועלכע איז שפעטער געשטאר־
בען און וועלכע האט געארבייט מיט איהם האנט אין האנט אין אלע
קהל'שע טהעטיגקייטען) אין „כנסת ישראל" האט זיך פארזאמעלט א
גרויסער עולם — אריבער טויזענט מענשען, צו פייערען די זילבערנע
חתונה פונ'ם פארל — ס'איז ניט געווען וואו א שפילקע צו ווארפען,
ס'איז געווען א גרויסע ענגשאפט, ס'זיינען געהערט געווארען מייסטער־
האפטע רעדעס פון רבנים, ציוניסטען, פון צעירי ציון, פון חובבי שפ"ע,
פון אגודת המורים, פון החלוץ, פון השומר הצעיר, פון אמנות, פון גבאים
פון די 4 שוהלען א. א. וו. אינטערעסאנט איז געווען איין רעדע פון א
סטודענט, וועלכע האט זיך איינגעקריצט אין מיין מוח און איך וועל זי

קיינמאָל ניט פאַרגעסען. ער האָט געזאָגט: איבער הונדערט יאָהר וועט דער מלאך המות האָבען אַ שווער שטיקעל ארבייט ביי ראָזענבלאַט'ן. ווען ער וועט קומען צו איהם אַ היים נעהמען די נשמה וועט מען איהם זאָגען, ער איז אין שוהל. ווען ער וועט קומען אין שוהל, וועט מען איהם זאָגען, ער איז נאָר וואָס אוועק אין תלמוד תורה, ווען ער וועט קומען אין תלמוד תורה, וועט מען איהם זאָגען, אַז ער איז נאָר וואָס אוועק צו די פליכטלינגע וואו מ'דאַרף זיי פאַרזאָרגען מיט שפּייז און קליידער. ווען ער וועט קומען צו די פליכטלינגע, וועט מען איהם זאָגען, ער איז ניט לאַנג אוועק צו די פאַר'משכנ'טע גאַליציאַנער אידען. ווען ער וועט קומען אהין, וועט מען איהם זאָגען, ער איז אוועקגעלאָפען צום פאַליציי־מייסטער, אָפּצושרייען אַ גזרה אוועקצושיקען אַ הונדערט אַלטע, קראַנקע אידען קיין סיביר. וועט דאָך דער מלאך המות זיך ניט שעמען און לויפען צו דער פאַליציי, וועט ער זיך דערוויסען, אַז מ'האָט נאָר וואָס געבראַכט פון פראָנט עטליכע פאַרוואונדעטע סאָלדאַטען צווישען זיי אידען, איז ער געלאָפען צו זיי געוואָהר ווערען און נעהמען זייערע נעמען און אדרעסען אום צו העלפען זיי, און דער מלאך המות וועט קומען צו די באַראַקען, וועט מען איהם זאָגען, אַז 12 ביינאַכט איז ראָזענבלאַט אוועקגעגאַנגען, מסתמא איז ער שוין אין דער היים, וועט זיך דער מלאך המות דערפרעהען און וועט לויפען צו איהם אַ היים טרעפען ראָזענבלאַט'ן אין בעט און ביי איהם צו נעהמען די נשמה, און ווי פאַרוואונדערט וועט ער ווערען, ווען מען וועט איהם זאָגען, אַז ער האָט געקראָגען אַ טעלעפאָן רוף צו קומען ביינאַכט קיין באיארקא, אַ דאַטשע, 20 ווייאָרסט פון קיעוו, וואו ס'איז געשטאָרבען אַ לעהרער דורך אַן אַנשטעקענדיגע קראַנקהייט, און מען מוז איהם באַלד צונעהמען, עס זאָלען זיך ניט אַנשטעקען די אַנדערע לעהרער פון איהם. דאַן וועט דער מלאך המות פאַרברעכען מיט די הענט, און וועט הילפלאָז אויסשרייען, אַז איהם וועט אויסקומען נעהמען די נשמה ביי איהם אין מיטען גאַס.

ראָזענבלאַט האָט איינגעאָרדענט נאַציאָנאַלע אָווענדען, נעהמענדיג יעדעס מאָל אַן ערלויבעניש ביים קאָמענדאַנט: אַ חנוכה אָווענד, אַ חמשה־עשר בשבט אָווענד, אַ פּורים אָווענד, אַ ל"ג בעומר אָווענד. חוץ דעם די שלש רגלים אָווענדען. אין די אַלע אָווענדען האָבען גענומען אַן אַנטהייל אַלע נאַציאָנאַלע אָרגאַניזאַציעס און די תלמידי בתי־הספר העברים, און אַזוי ווי עס איז געווען וויינינג די ימים טובים האָט ער צוגע־טראַכט נייע ימים טובים (כדי צו נעהמען אַן ערלויבעניש אויף פאַרזאַמ־לונגען) ווי ראשי חדשים, ארבע פרשיות, ז' אדר, חמשה־עשר באב א. א. וו.

צו די אָווענדען זיינען ארויסגערופען געוואָרען די בעסטע כחות פון נגינה, פּראָמינענטע חזנים און באַגלייטער אויף אַ פּוס־האַרמאָניע. איך קען דאָ באַהויפּטען, אַז דער ערשטער ארויסטריט פון דעם וועלט־באַריהמ־

מען חזן פינטשיק איז געווען אין די אָווענדען אין „כנסת ישראל", פון דאָרטען איז ער געקרוינט געוואָרען מיט דער גאָלדענער קרוין אַלס דער בעסטער אויסטייטשער פון תפלות. ער האָט געגעבען אינסטרוקציעס צו דער פאדאלער שכונה ציונית אין קיעוו און זיי האָבען אויך געגרינדעט אַ ציוניסטישע שול מיט דעם נאָמען „מוריה", וואו עס פלעגען פאָרקומען מיטינגען פון ציונים און צ"צ. איינמאָל ביי אַ קאָנווענשאָן פון צ"צ וואָס איז פאָרגעקומען אין מוריה, איז די רויטע פּאָליציי אָנגעפאלען און ארעס־טירט די קאָנווענשאָן, און פארשיקט זיי אויף 3־2 יאָהר קיין סיביר. יעצט זיינען זיי אין א"י.

דריי יאָהר צייט האָט ראָזענבלאַט מיט אַלע נאַציאָנאַלע אָרגאַניזאַ־ציעס געהאַט אַ נצחון און די יעווסעקציע — אַ מפּלה, אָבער ס'איז געקו־מען די צייט ווען דער שטאָדט קאָמענדאַנט איז איבערגעפיהרט געוואָרען אין גרויס רוסלאַנד, און ס'איז געקומען אויף זיין אָרט אַן אַנדערער. דאַ־מאָלסט האָבען זיך די יעווסעקציע קאָמיסארען נוקם געווען אין ראָזענ־בלאַט'ן און אין די ציוניסטען און אין די אַלע נאַציאָנאַלע קערפּערשאַפטען. מען האָט פיעלע פון דער יוגענד פארשיקט קיין סיביר, אַ סך פון זיי זיינען אויסגעשטאָרבען, אויך גע'הרג'ט געוואָרען און אויסגעשאָסען געוואָרען. ראָזענבלאַט'ן האָט מען פארשפּאַרט צום דריטען מאָל אין טשעקא, וואו ער האָט געליטען מאַטערנישען פון דער אינקוויזיציע, צוזאַמען מיט פיעל עלטערע ציוניסטען. די שוהלען האָט מען פארוואַנדעלט אין קלובען, ארויסגעוואָרפען די ספרי תורות, די שאַפעס מיט די העברעאישע ביכער, די ביבליאָטעק האָט מען פארברענט, דעם ביה"ם צוטריבען, די מעבעל און די לעהר ביכער און די געצייג זיינען צוגענומען געוואָרען. מיט באַוואַ־פענטע רויטע ארמייער האָט מען באַזוכט די רעליגיעזע קהלה און חברה קדישא, צוגענומען די היסטאָרישע פּנקסים און פארברענט, די אינטערע־סאַנטע דאָקומענטען פארטיליגט און פארניכטעט אָהן רחמנות.

און ווער וויים וואָס עס וואָלט געוואָרען פון ראָזענבלאַט'ן, ווען ער זאָל ניט געווען פארלאָזען סאָוועט רוסלאַנד און אָפּפאָהרען קיין אַמע־ריקא. אָבער דאָס איז איהם אויך ניט גרינג אָנגעקומען. מען האָט פיעל שטיינער געלייגט אויף זיין וועג. די פּאַספּאָרטען פון זיין פאַמיליע (זיבען מענשען) האָט אָפּגעקאָסט שווערע הונדערטע דאָלאַר, וואָס זיין איינציגע שוועסטער פון פּיטסבורג מרס. ציגה סאַקאָוו און זיין ברודער סאָל ראָזען האָבען געשיקט.

ביי זיין אָפּפאָהרען פון קיעוו, האָבען זיך, ווי מיר האָבען געלייענט אין די ארץ ישראל צייטונגען, פארזאַמעלט אונטערערדיש 22 אָרגאַניזאַ־ציעס, נאַציאָנאַלע און געזעלשאַפטליכע, פון קיעוו, צו אַן אָפּשייד אָווענד. און מיט טרעהרען אין די אויגען האָבען זיי אויסגערופען: „אויף וועמען

לאזטו אונז איבער?" די אדרעסען וועלכע זיינען אנגעשריבען געווארען אין פראכטפולען העברעאיש פון די באגאבטע שריפטשטעלער ווי: המשורר יהל"ל און משה קאמיאנסקי (מיטארבייטער פון סמאלענסקי'ם „השחר") און אנדערע.

העברעאישע לעהרער האבען זיך צונויפגעקליבען אונלענגאל זיך אפ־געזעגענען מיט דעם געוועזענעם ראש הסתדרות המורים. עס זיינען אנ־וועזענד געווען צוויי פראפעסארען פון אוניווערזיטעט, איינער פון זיי א קריסט, וועלכער האט געקענט העברעאיש.

אויף זיין וועג האט ער געקראגען א טריאומף צוג, אין מאסקווע ביי די ציוניסטישע מאראנען, אין ריגע און אין לאנדאן, וואו ער האט אדרע־סירט גרויסע פאלקס פארזאמלונגען.

צום לעצט וויל איך זאגען, אז מיין שוואכע פעדער האט ניט ארויס־געבראכט קיין הונדערט חלק פון די גרויסע טהאטען און קרבנות פון חבר ראזענבלאט. זאלען קומען בעסערע און מעהר באגאבטע שריפטשטעלער און דערגענצען דעם פארטרעט פון דעם גרויסען אידען חבר מ. ראזענבלאט.

דער אייביג־יונגער

פון מ. מ. גוזמאן, שיקאגא

איך קען הרב ראזענבלאט שוין 35 יאהר, כמעט פון דעם ערשטען טאג, ווען ער איז געקומען פון זיין געבורט שטעדטעל אין בעסאראביע זיך צו באזעצען אין קיעוו. דער לעבעדיגער, דער מוטיגער, דער ענערגישער ראַ־זענבלאט האט מיט זיין ערשיינען אין א געזעלשאפט אדער אין א פריוואַ־טע הויז, אריינגעבראכט לעבען, פרייד און צופרידענהייט פון גאט'ס וועלט, שטענדיג מיט א שמייכעל אויף זיין פנים. מיט זיינע גוטע שיינענדיגע אויגען, מיט זיין ווייכע שטימע און צארטע רייד, האט ער פארטריבען דעם אומעט פון פארצווייפלונג.

ער איז שטענדיג געווען טהעטיג צו העלפען יעדען מענשען, וועלכער האט זיך געווענדעט צו איהם; ער האט געענטפערט נאך איידער מען האט איהם געבעטען. דאס ווארט „ניין" האט ביי איהם ניט עקזיסטירט. קיין זאך איז ביי איהם ניט געווען שווער דורכצופיהרען אין לעבען.

דאס גאנצע לעבען זיינס איז געווען א יום־טוב'דיגעס, אימער פרעה־ליך, קיינמאל ניט געזארגט, ניט קוקענדיג אויף דעם, וואס ער האט שטענ־

דיג געלעבט אין נויט, אין פשוט'ע דירות, מיט פשוט'ע מעבעל, הארטע בעטען און הארטע קושעטקעס, מיט א פראסטען טיש און בײנקלאך; און דאס עסען איז געווען ברויט און טהע, בארשט און קארטאפעל. ער האט פארשטאנען די פאעזיע פון לעבען, די צווייטע זייט פונ'ם לעבען — דאס הייסט — די מאראלישע זייט פון גאט'ס וועלט, צו שאפען גוטעס פאר דער געזעלשאפט, צו העלפען א צווייטען, עפעס טאן פאזיטיוועס פאר דער מענשהייט. עס האבען זיך אפגעשפיגעלט אין זיין נשמה דאס שעהנקייט פון דער נאטור, די שטראלען פון דער זון, די שירה פון אלע באשעפעני־שען, די גרינע פעלדער און וועלדער און דאס אלעס האט איהם געמאכט צו פארגעסען די ערדישע נויט און ער איז געווען דער ליכטיגער און דער גוט־מוטיגער משה ראזענבלאט.

אלס א נאציאנאליסט און א אוהב ישראל האט ער געדינט פאר א לעבעדיגען מוסטער. ציוניזם און תחית השפה והתרבות איז ביי איהם זיין לעבענ'ס אידעאל, מיט וועלכען ער האט געאטעמט. ביי א פאגראם אויף אידען האט ער ניט געקוקט אויף קיין סכנת נפשות, און ער איז גע־גאנגען אין פייער צו ראטעווען זיינע ברידער, און ווי אייגענע ברידער און שוועסטער זיינען איהם געווען, אלע אידען, פרעמדע וואס ער האט זיי אפילו קיינמאל ניט געזעהן.

אין 1905 ווען וויטע האט ארויסגעגעבען די קאנסטיטוציע אין רוס־לאנד, זיינען געווען פאגראמען אין אריבער 600 שטעדט און שטעדטלאך אין רוסלאנד און אוקראינע. אין קיעוו זיינען אומגעקומען 200 מענשען, עס האט זיך ארגאניזירט א זעלבסטשוץ אין ראזענבלאט'ס הויז, און ער איז געווען אויף אלע פראנטען, און אלע יונגע מענשען האבען באוואונ־דערט זיין יוגענדליכע ענערגיע און אמביציע.

ביי אלע קיעווער אידען לעבט אין זכרון א וואונדערליכער עפיזאד, וועלכער מעג דינען פאר א ביישפיל יעצט ביים באיקאט פון דייטשע סחורות.

אין קיעוו איז געווען א זאוואד (א פעקטארי) פון הייוועז, וועלכער האט באלאנגט צו דעם שווארצען מאה'ניק דעם מיליאנער טשאקאלאף. ביי איהם האבען געארבייט נאר גוי'אישע ארבייטער, מיטגלידער פון דעם „סאיוז רוסקאווא נאראדא" (בונד פון די שווארצע מאה'ניקעס). קונים אויף הייוועז האט טשאקאלאף געהאט מעהרסטענטייל פון אידען, אלע אוקראינער אידען האבען געקויפט טשאקאלאפ'ס הייוועז, און ער איז פון זיי רייך געווארען. מען האט אפילו געשריבען און גערעדט, אז אידען וואלטען באדארפט ניכער קויפען פון אידישע פעקטארים, אדער אפילו ביי ניט אידען, נאר וועלכע זיינען אידען־פריינד, אבער עס האט ניט געהאלפען.

ווען עס האט אויסגעבראכען אין 1905 דער פאגראם, זיינען ארוים

אלע טשאקאלאפ׳ס ארבייטער מיט דריקעס און מיט אייזען, און האבען געבראכען שויבען פון קראמען, צוראבירט סחורות, געשלאגען אידען פארבייגעהער ביז בלוט, עטליכע זיינען פון זיי ערמארדעט געווארען.

שבת אין דער פריה האט ראזענבלאט באוויזען א העלדישקייט און גע־צייגט איבערמענשליכע ענערגיע, ער איז ארומגעלאפען און באזוכט ארום 30 שוהלען אין קיעוו אין צייט פון שחרית, ארויף אויף די בימות, און מיט א וועה־געשריי אין נאמען פון דעם פארגאסען אידיש בלוט אויסגע־רופען א חרם, א באיקאט אויף טשאקאלאפ׳ס הייזער. ווי אזוי ער האט געקענט אין דער קורצער צייט פון שחרית און מוסף באזוכען אלע שוהלען פון דער גרויסער שטאדט קיעוו איז א וואונדער און עס איז קיין קשיא ניט. אין איין שוהל האט ער אנגעהויבען ווען מען האט געהאלטען ברוך־שאמר, אין דער צווייטער ביי פסוקי דזמרה, אין דער דריטער אין מיטען קריאת־שמע, און ביי פיעלע שוהלען אין מיטען מוסף און אפילו אין מיטען דער קדושה, אזוי איז ער דערגאנגען ביז סוף עלינו. און טאמער האט א פרומער איד פראטעסטירט וואס מען רייסט איבער קריאת־שמע, שמונה־עשרה, צו לייענען אין דער תורה, האט ער אויסגערופען מיט א הארץ־וועהטאג און מיט א וועה־געשריי, אז ווען שונאים שעכטען אידען, און מען פארגוואלטעוועט אידישע טעכטער, און ווען עס ברענט א פייער, דארף מען זיך ראטעווען אפילו אין מיטען שמונה־עשרה און אין מיטען דער קריאה.

און וואס מיינט איהר? דאס האט געהאלפען מעהר ווי יעצט הונ־דערטע מיטינגען וועגען באיקאט אויף דייטשער סחורה. מען האט אויפ־געהערט קויפען טשאקאלאפ׳ס הייזער. אין פארלויף פון א חודש האט טשאקאלאף שטארק דערפיהלט דעם קלאפ, און ער האט זיך געווענדעט צו קיעווער בעלי בתים מיט א בקשה, אז ער וויל זיין א חוזר בתשובה, אז ער וועט ווערען א אידען־פריינד.

יענע צייט האבען אידען געפיהלט, אז עס איז גלייכער צו מאכען שונאי ישראל פאר בעלי תשובה, איידער זיי צו מאכען נאך פאר גרעסערע שונאים, און טשאקאלאפ׳ס פארשטעהער האבען אפגעמאכט מיט דער קאמיסיע, וועלכע האט אנגעפיהרט מיט דעם באיקאט, אז ער זאל באלוי־נען מיט 1,000 רובעל הרב קויפמאן פון קיעוו, וועלכער האט זיך צו יענער צייט געפונען אין א געדריקטער מאטריעלער נויט. אויך זאל ער דרוקען אנאנסען אין אידישע צייטונגען מיט זיין הכשר, כדי אראפצונעמען דעם באיקאט. די אידישע צייטונגען האבען דעמאלט גענאסען דורך אנאנסען, און פון דאמאלס אן האט טשאקאלאף אויפגענומען אויך אידישע ארביי־טער אין זיין זאוואד.

עס וואלט געווען כדאי צו באשרייבען די ארבייט פון הרב ראזענ־

בלאָט ביי דער ציטוויילינער אידישער אוקראַינער נאַציאָנאַלער גרינדונגס פאַרזאַמלונג אין קיעוו, וועלכע איז געווען אַ גרויסע היסטאָרישע דער־שיינונג. אַלס דעפּוטאַטען זיינען ערוועהלט געוואָרען די גרעסטע אידישע פיהרער, די סמעטענע פון אוקראַינער יודענטהום, פאַרשטעהער פון אַלע פּאַרטייען פון רעכטס ביז לינקס. די נאַציאָנאַלע פאַרזאַמלונג, וועלכע האָט געדויערט עטליכע וואָכען, האָט געצויגען די אויפמערקזאַמקייט פון דער גרויסער וועלט. עס איז געווען אַ ריכטיגער פּאַרלאַמענט מיט אַלע קליפּערלאַך. געוואַלדיגע חלוקי דעות אין פראַגען פון נאַציאָנאַלע וויכ־טיגקייטען, אידיש און העברעאיש וכדומה. עס זיינען געווען סעקרעטאַרען אויף פאַרשידענע שפּראַכען צו שרייבען פּראָטאָקאָלען פון דער היסטאָרי־שער נאַציאָנאַלער פאַרזאַמלונג. ראָזענבלאַט איז געווען דער העברעאי־שער סעקרעטאַר, און ער האָט געמאַכט כמעט סטענאָגראַפישע באַריכטען פון אַלע רעדעס. האָט דער הויפּט פון דעם סעקרעטאַריאַט, דער באַוואוס־טער געלעהרנטער מר. טשעריקאָווער, געפונען אַז דער העברעאישער פּראָ־טאָקאָל פון ראָזענבלאַט'ן איז מעהר אויספיהרליך, מעהר ריכטיגער פון אַלע אנדערע פּראָטאָקאָלען. אין די עטליכע וואָכען איז ער שטענדיג גע־ווען אויפ'ן פּלאַץ, קיינמאָל ניט מיעד, שטענדיג מוטהיג און גרייט צו ארבייטען.

אַלס אַ מזכיר פון דער קיעווער קהלה, האָט ראָזענבלאַט אויך געצייגט גרויסע ענערגיע. ער איז אויסגעקליבען געוואָרען אין דער דעמאָקראַטי־שער קהלה בימי קערענסקי, אויף דעם ציוניסטישען באַלאָט, דאַמאָלס איז געווען אין דער קהלה אַ קאַמף פון אַלע שטרעמונגען: אַלגעמיינע ציוי־ניסטען, אחדות ישראל, בונד, פּועלי ציון, צעירי ציון, פאָלקס פּאַרטיי, טרוד פּאַרטיי א. א. וו. ווי ראָזענבלאַט'ן איז אויסגעקומען זיין צווישען די קעמפער מיט די אידישיסטען און מיט די אנטי ציוניסטען און האַלב אַסי־מילאַטאָרען, און צוזאַמען מיט זיינע חברים ציוניסטען, אחדות ישראל און צעירי ציון האָבען זיי אימער געזיגט איבער זיי, און מען האָט ערוועהלט די נויטיגע קאָמיסיעס: אַ רעליגיעזע קאָמיסיע פאַר כשרות, שכירות צו רבנים, משגיחים און שוחטים פון דער קהלה קאַסע, און ער איז געווען אויך פון איהר דער סעקרעטאַר, אַ חברה קדישא קאָמיסיע, און ער איז גע־ווען אויך דאָרט דער סעקרעטאַר, אַ מעות חטים קאָמיסיע, פון וועלכער ער איז אויך געווען דער סעקרעטאַר, אַן ארץ ישראל קאָמיסיע: נאַציאָנאַל פאָנד, קרן היסוד א. א. וו. פון וועלכע ער איז אויך געווען דער סעקרעטאַר, אַ גמילות חסדים קאָמיסיע צו שטיצען בעלי מלאכות מיט הלואות צו קוי־פען מאַשינען און האַנדווערק געצייג פון וועלכער ער איז געווען דער סעקרעטאַר. און אנדערש האָט ניט געקענט זיין. ער איז געווען דער לע־

בעדיגער, דער ענערגישער, דער אייביג יונגער, וועלכער האָט געקענט אין איין טאָג זיין ביי עטליכע פאַרזאַמלונגען און זיצונגען.

זיינע פּראָטאָקאָלען, וועלכע זיינען געשריבען געוואָרען אין העברע־איש, זיינען פון יעדען איינעם געליובט געוואָרען. דאָ דאַרף באַמערקט ווערען, אז אויך דער קיעווער שטאָדט פּנקס, איז אויך פון איהם געשריבען געוואָרען, אין וועלכען עס זיינען אריינגעשריבען געוואָרען, אין אַ קלאַ־סישען העברעאיש, אַלע וויכטיגסטע היסטאָרישע געשעהעניש פאַר דורות און דורות.

צו דערצעהלען איינצעלהייטען, וואָס ראָזענבלאַט האָט געטאָן און גע־שאַפען אין די אַלע קאָמיסיעס, וואָלט איך באַדאַרפט שרייבען אַ בוך. איך וויל זיך בלויז אָפּשטעלען ביי איין קאָמיסיע — חברה קדישא: אין צייט פון פּאָגראָמען ווען מען האָט באַדאַרפט צונויפנעמען די הרוגים, און זיי ברענגען צו קבר ישראל, האָט זיך קיינער ניט געוואָלט איינשטעלען דאָס לעבען, נאָר ראָזענבלאַט, אויסקלייבען די ערשטע פּאָר ברידערליכע קברים אויף דעם קיעווער בית עולם; און זיך מתעסק זיין מיט זייער קבורה איז געווען ראָזענבלאַט. די 37 סטודענטען פון זעלבסטשוץ, וועלכע זיי־נען צושאָסען געוואָרען פון די פּעטליורעווצעס זיינען געבראַכט געוואָרען אויף דעם בית עולם און זיי מקבר געווען מיט איינשטעלען זיין אייגען לעבען, נאָר דורך ראָזענבלאַט. פּוילישע, אויסטראַכישע, אונגאַרישע און אַנדערע סאָלדאַטען זיינען פאַרזאָרגט געוואָרען מיט קרקע דורך ראָזענ־בלאַט׳ן.

מיר אַלע פלעגען זיך וואונדערען, וואו נעמט ער אַזוי פיעל כח, צו אַטענדען די אַלע ארבייטען, און מיר האָבען איהם גערופען „דער אייביג יונגער״. די וואַנדערער וועלכע זיינען געקומען קיין קיעוו זיך היילען ביי פּראָפעסאָרען אויך אין די האָספּיטעלער, און זיינען געשטאָרבען, צווישען זיי אַזוינע גרויסע גאונים ווי ר׳ יויזל און ר׳ הלל פון אמטשיסלאוו, זיינען פאַרזאָרגט געוואָרען במעלה הקברים דורך ראָזענבלאַט׳ן.

אין צייט פון טיפוס, ווען גאַנצע פאַמיליעס זיינען מיט אַמאָל אויס־געשטאָרבען, און מען האָט אָנגעלייגט אויף די וואָגענס צעהנדליגע טויטע קערפּערס, און מען האָט אויסגעגראָבען אויף דעם בית עולם גרויסע ריזי־גע גריבער און איבערגעקעהרט די וואָגענס, ארויסצושיטען די טויטע קערפּערס אין די גריבער אריין, צו עטליכע הונדערט מענשען אין איין גרוב, און מענשען האָבען מורא געהאַט זיך צו צוריהרען צו נפטרים, איז ראָזענבלאַט אין דעם זינען געווען אַ יוצא מן הכלל.

אַלס אילוסטראַציע וועל איך ברייננגען בלויז אַ פּאָר פאַקטען:

אין קיעוו האָט געוואוינט אַ טאַלאַנטפולער אידישער שרייבער אהרן פיהרער, ער איז געווען אַ סופר פון „השלח״ ער איז אויך אריינגעוואָרפען

געוואָרען אין א וואַגען צווישען 50 טויטע קערפּערס. ווען דער וואַגען איז שוין געווען אויפ׳ן וועג צום בית עולם, האָט זיך ראָזענבלאַט וועגען דעם דערוואוסט, האָט ער געכאַפּט א דראָזשקע און איז פאַרלאָפען דעם וואַגען צום בית עולם, און האָט געדונגען גוים, אז מען זאָל די קערפּערס אריינלעגען איינציגוויים, און אז ער איז געקומען איבער אהרן פיהרער׳ס קערפּער, האָט ער געהייסען גראַבען פאַר איהם א בעזונדערען קבר, צווי־שען די פּראָמינענטע אידען שרייבער און געלערענטע.

אין קיעוו איז געווען א העברעאישער לעהרער, אַן אָנגעזעהנער ציוני־ניסט און אידעאַליסט ישעיהו דארפמאַן, ווען ער איז פון טיפוס געשטאָר־בען, איז א חוץ ראָזענבלאַט׳ן קיינער ניט געווען ביי זיין לויה, פאַר מורא ניט צו אנשטעקען זיך פון טיפוס, און אז מען האָט באדארפט אראָפּטראָגען דעם נפטר פון דעם דריטען שטאָק, האָט ער, מיט דעם נפטר׳ס פרוי מיט דעם גוי דעם בעל עגלה, זיך אנגעשטריינגט און אראָפּגעטראָגען, און גע־בראכט צו קבר ישראל אין א בעזונדערען קבר אויף א בכבוד׳יגען פּלאַץ.

ווען דער באַוואוסטער געלערענטער, שרייבער און לעהרער, דר. גרשון שטערן איז געשטאָרבען פון טיפוס, האָט חיים גרינבערג, וועלכער איז יעצט אין אמעריקא, געלאָזט וויסען וועגען דעם ראָזענבלאַט׳ן, און ניט קוקענדיג אויף דער גרויסער לויה וואָס שטערן האָט געהאַט, האָט קיינער ניט געוואָלט אראָפּטראָגען דעם נפטר פון דעם פינפטען שטאָק, געטאָן האָט עס אָבער ראָזענבלאַט. דעם זעלבען טאָג איז אויך געשטאָרבען נחום ליפשיץ, דער עסקן פון קרן קימת לישראל, האָט ראָזענבלאַט איינגעאָרדענטביידע לויות צוזאַמען אויף איין וואָגען, און זיי מספיד געווען אויף דעם בית עולם, אויך זיי געגעבען א פּלאַץ צווישען די פּראָמינענטע פיהרער פון קיעווער יודענטום.

מיכל ווישטאַק, א באַוואוסטער שריפטשטעלער, א העברעאישער לעה־רער, א מחבר פון א ספר דקדוק, ווען ער האָט שוין אויף די עלטערע יאָה־רען ניט געקענט ארבייטען, האָט די אידישע קהלה איהם פאַרזאָרגט מיט א שטעלע צו זיין א שומר פון דעם אַלטען בית עולם, וואָס ער איז שוין געווען פאַרשלאָסען. אויף דעם אַלטען בית עולם ליגען גאונים און צדיקים פון פיעל דורות, צווישען די לעצטע איז דער מלבים, דער גאון בעל „דברי סופרים", הר׳ ישראל ברדסקי, בנימין מאַנדעלשטאַם, דער מחבר פון „משלי בנימין מטה השקדים", און זיין ברודער דר. לעאָן מאַנדעלשטאַם, אויך דער משורר מיכל גאָרדאָן. קיין ארבייט האָט מיכל ווישטאַק ניט געהאַט, ער האָט געהאַט א גרייטע וואַרימע דירה מיט ליכט און הייצונג, א גערטענדעל מיט פרוכטען.

איינמאָל אין א פריהמאָרגען האָט מען געגעבען צו וויסען אין דער קהלה אז מיכל ווישטאַק איז געשטאָרבען. יענעם טאָג האָט דער פּראָסט

דערגרייכט כמעט צו 100 גראד קעלט. צו פיהרען ווישטאק'ן פונ'ם אלטען בית עולם צום נייעם בית עולם איז א מרחק רב. אויסער דעם האט דאס באדארפט קאסטען א היבשע סומע. האט זיך דאן ראזענבלאט אונטער־גענומען אוועקגעהן צום אלטען בית עולם (קיין טראמוואי געהט ניט אהין, און א דראזשקע וואלט אפגעקאסט אן עשירות) און אויסזוכען דארט אויף דעם אלטען בית עולם א שטיקעל פלאץ. ער האט זיך קוים א לעבעדיגער דערשלאגען אהין. ער האט געפונען די אלמנה, זיין איידעם און טאכטער, וועלכע זיינען געקומען אהין פארצווייפעלט, און ער מיט דעם איידעם האבען נאך לאנג זוכעניש געפונען א פלאץ צווישען בנימין מטה השקדים און מיכל גורדון, און איהם געבראכט דארטען צו קבר ישראל.

פון די עטליכע געצעהלטע פאקטען, און דאס בלויז פון איין צווייג, חברה קדישא ארבייט, קענט איהר שוין פארשטעהן פאר וואס מיר האבען איהם גערופען: „דער אייביג יונגער”.

איך ווינש איהם צו זיין 60 יאהריגען יובילעאום אריכות ימים ושנים, זיינע יוגענטליכע כחות זאלען איהם דינען אויך צו זיין עלטער ער זאל קענען פארטזעצען צו ארבייטען פאר אונזער פאלק און פאר אלע זיינע אידעאלען אויך דא אין אמעריקא.

זכרונות וועגען יובילאר

פון יוסף שעהנהייט, שיקאגא

ווי א מעכטיגע עבע וועלכע טראגט איהרע ברייטע ריזיגע כוואליעס צום ברעג, איין כוואליע נאך דער אנדערער, ווי וועלענדיג איבעריאגען איינע די צווייטע, אזוי איז, ווען דער נאמען „חבר ראזענבלאט” קומט־ארויף אויף דעם זכרון. זכרונות ווי מעכטיגע כוואליעס יאגען זיך, הויבען זיך, צושפרייטען זיך, ווילען פערכאפען יעדער א פלאץ וואס פריהער, און ווען זיי דערגרייכען צום ברעג אזוי צושלאגען זיי זיך אין טויזענטער בריליאנטענע, קאלירדייכע טראפענס איינע שעהנער פון דער צווייטער.

ווען איך בין נאך געווען א קינד, האב איך געהערט וועגען דער לע־גענדארער פערזענליכקייט אין דער שטאדט קיעוו: „משה ראזענבלאט”.

דערצעהלט וועגען איהם האבען מיר מיין ברודער און שוועסטער און זייערע פריינד, וועלכע האבען שטודירט אין קיעוו, און פלעגען א היים־קומען אויף וואקאציעס. די געשיכטעס זיינען געווען נישט וועגען רייכ־

טהום, נאָר וועגען מסירת נפש צו העלפען יעדען וועלכער קומט בעטען הילף, וועגען אונערמידליכע ארבייט אויף אַלע געביטען פון אידישע טע־טיגקייטען.

און די געשיכטעס זיינען געווען פון אזא סאָרט, אז ממש זיי פלעגען פערכאַפּען די פאַנטאַזיע. האָט מען געהאַט צרות מיט דער טרויעריג־באַ־ריהמטער „פּראוואזשיטעלסטוואַ" האָט משה ראָזענבלאַט געהאָלפען; האָבען קראַנקע זיך געדאַרפט צושלאָגען צו גרויסע פּראָפעסאָרען און די נויטיגע געלד איז נישט געווען, האָט מען זיך געווענדעט צו איהם, און מען איז באַזאָרגט געוואָרען מיט אַלעס. ווי איינער האָט אמאָל געזאָגט: דער עיקר איז זיך צו דערפרעגען צו משה ראָזענבלאַט'ס וואוינונג... פון דאָרטען געהט שוין אַלעס ווי געשמירט...

הער איך ווי די סטודענטען און קורסיסטקעס דערצעהלען וועגען שווע־ריגקייטען מכל המינים וואָס זיי האָבען געדאַרפט אויסשטעהן, און משה ראָזענבלאַט האָט אויסגעגלייכט. יעדען באַזאָרגט און צו אַלעס גע־פונען אַ מיטעל. אויך אין אַלע געזעלשאַפטען און אינסטיטוציעס, ביודעים ובלא יודעים. ד. ה. לעגאַלע און אונלעגאַלע פון וועלכע די רוסישע רע־גירונג האָט נישט געטאָהרט וויסען, איז ער, משה ראָזענבלאַט, געווען טעטיג, און נישט נאָר טעטיג נאָר טאַקע דער גאָרער אַנפיהרער, דער גרינ־דער אָדער דער „איניציאַטאָר".

פון די אַלע געשיכטעס וואָס איך האָב געהערט וועגען משה ראָ־זענבלאַט האָט זיך אין מיין קינדערשער פאַנטאַזיע אויסגעבילדעט אז משה ראָזענבלאַט איז אַ מיסטעריעזע פערזענליכקייט, וועלכער קען זיין אין וויפיעל פּלעצער ער וויל אין דעם זעלבען מאָמענט, ווייל מסתמא פאַר־מאָגט ער דעם באַוואוסטען פאַנטעפעל, וועלכער קען מאַכען דעם טראָגער צו זיין דאָ, און כהרף עין פאַר 20 מייל ווייטער. אַ מין אליהו הנביא, וועל־כער קען טרינקען ווייַן אין יעדער אידישער הויז אין דער זעלבער צייט.

צווישען די שטרעבונגען פון מיינע קינדערשע יאָהרען, איז אויך אריינ־געגאַנגען צו זיין אין קיעוו באַזוכען משה ראָזענבלאַט'ן.

מיט יאָהרען שפּעטער, ווען איך האָב אָנגעהויבען צו לעזען אין די צייטונגען און זשורנאַלען, משה ראָזענבלאַט'ס אַרטיקלען, איז מיין פאַר־לאַנג צו זעהן איהם פּנים אל פּנים שטאַרקער געוואָרען.

עס איז געווען דאָס יאָהר 1917, דאָס וואונדערבאַרע יאָהר פון אַזוי פיעל פּראַכטפולע אויסזיכטען און אַזוי פיעל צובראָכענע האָפענונגען, דאָס יאָהר וועלכעס האָט זיך אָנגעהויבען אַזוי גלאָררייך און בלוטלאָז, און וועלכעס האָט זיך געענדיגט אַזוי מיאוס און בלוטיג.

ווען איך בין אָנגעקומען קיין קיעוו, האָט משה ראָזענבלאַט'ס נאָמען זיך געטראָגען פון מויל צו מויל, די טעג זיינען געווען צו קורץ, און די־

נעכט האָבען נישט געקענט אויספילען די גאַנצע ארבייט. און ארבייט איז געווען אָהן א שיעור. וואהלען מכל הצדדים, צו דער שטאָדטישער פערוואַלטונג, צו דער אַל־רוסישער גרינדונגס־פערזאמלונג, אוקריינישער־פערזאמלונג פאר פּאַרלאַמענט, ציוניסטישע קאָנגרעסען, זיצונגען, דעבאַטען, און מיטינגען, מיטינגען טאָג און נאַכט. און אָט אויף די אַלע פערזאמלונגען, איז חבר ראָזענבלאַט געווען די בולט־סטע פיגור. דאָ האָט ער גערעדט, דאָ רעקאָרדעט, דאָ פערפאַסט א רעזאָלוציע, און דאָ געפיהרט דעבאַטען מיט די „סיימאַוועצעס" און בונדיסטען, וועלכע האָבען זיך געריסען צו פערכאַפּען די אידישע גאַס, מיט די ביליגע פּוסט־קלינגענדיגע פראַזען.

אויסרעכענען די אַלע פּלעצער און געביטען וואו מען האָט געזעהן חבר ראָזענבלאַט'ן, איז נישט מעגליך, ווייל עס פאָדערט זיך א גאַנצער בוך פאר אזא ארבייט. איך וועל נאָר איבערגעבען א פּאָר עפּיזאָדען וועלכע האָבען איבערגעלאָזען א טיפען אונפאַרגעסליכען איינדרוק.

אָט איז דער לעצטער מיטינג פאר די שטאָדטישע וואהלען. די סיימאַוועצעס און בונדאָוועצעס האָבען מאָביליזירט אַלע זייערע „לייבען" פאר דעם מיטינג. מיט געווינען די וואהלען אין דער שטאָדטישער פאַרוואַלטונג האָבען זיי געוואוסט, אז עס וועט זיי פאַרגרינגערען דעם וועג צו די גרינדונגס־פערזאמלונגען. און דער ריזיגער שטאָדטישער טעאַטער איז אָנגעפילט מפה לפה, נישטאָ וואו א שפּילקע אוועקצוואַרפען, און ראַפּעס, ליבער, ליטוואַקאָוו און נאָך אזעלכע, וועלכע האָבען פערראַטען זייערע אייגענע רייהען און געוואָרען גוט בעצאָהלטע קאָמוניסטען, ריידען, און זינגען פאר דעם עולם א לויב געזאַנג פאר די נייע צייטען און אידייען, אז די אידען, וועלכע דאַרפען געהען מאָרגען צום שטים־קאַסטען זאָלען זיך נישט לאָזען פאַרנאַרען פון די „מה־יפית'ניקעס, די בורזשוען־עקספּלואַטאַטערס, די ציוניסטען", און זאָלען שטימען פאר דעם סאָציאַליסטישען צעטעל, וועלכער, חאָטש ער באַשטעהט אין דער ריזיגער מערהייט, פון קריסטען, דאָך וועלען זיי באַשיצען די אידען אין זייערע אינטערעסען בעסער ווי די ציוניסטען, די בורזשוען.

לויט נאָך די אַפּלאָדיסמענטען, האָט מען געזעהן, אז דער עולם ווערט נאָכגעצויגען נאָך אזוינע באָמבאַסטישע פראַזען און מיטגעריסען מיט די פּראָנטעוואָטע, אָממערסטען אַקטיאָרסקע רעדעס.

מיר די ציוניסטישע יוגענד פּיהלען זיך אומבאַקוועהם. מיר שרעקען זיך פאר די רעזולטאַטען פון היינטיגען מיטינג. און אָט געהט ארויף אויף דער פּלאַטפּאָרמע חבר ראָזענבלאַט. מיט זיין אָפּגענוצטען אנצוג, און פּאַפּירענעם קאַלנער, האָט ער נישט געמאַכט דעם איינדרוק, אַלס א פּאָרשטעהער פון די בורזשואַזנע, עקספּלואַטאַטאָרשע ציוניסטען. ער רעדט פּשוט, צו דער זאַך, דונערט נישט און פאַרגעהט זיך נישט. ער זאָגט, אז

די אַלע געזאַנגען פון פרייהייט און גלייכהייט זיינען ריכטיג, אָבער אידען טאָהרען נישט אַנפּאַרטרויען זייערע אינטערעסען צו פרעמדע, וועלכע פאַרשטעהען זיי נישט און באַגרייפען זיי נישט, ווייל נאָך עלטער פון די אַלע נייע געזאַנגען איז די אַלטע ליד: „בעי זשידאָוו״... די ווערטער האָבען געקלונגען ווי אַ שטיק נבואה. דער עולם איז ווי עלעקטריזירט גע־וואָרען, ער האָט פּשוט פאַרשטאַנען דעם טיפען אמת פון זיי. דער מי־טינג האָט זיך געענדיגט מיט אַ ציוניסטישען נצחון. און אויף מאָרגען האָט אונזער צעטעל געוואונען מיט אַ ריזיגער מערהייט.

נאָך אַן עפּיזאָד:

דער ווינטער פון 1918־1917 איז געווען דער ערשטער שרעקליכער ווינטער פון די אַנקומענדיגע שרעקען. עס איז געווען דער ערשטער קאַמף צווישען די באָלשעוויקעס און די אוקריינישע נאַציאָנאַליסטען, און ווי געוועהנליך, האָבען אַממעהרסטען געליטען אונזערע ברידער.

די אוקריינישע סאָציאַליסטען, וועלכע האָבען אָנגעהויבען אַראָפּ־וואַרפען די מאַסקע פון סאָציאַליזם און באַווייזען דעם ריכטיגען פּרצוף פון די היידאַמאַקעס, האָבען אַרעסטירט פיעלע אידען און זיי געשאָסען אונטער דעם אויסרייד, אַז זיי זיינען קאָמוניסטען. פּיער וואָכען איז די שטאָדט געווען באַלאַגערט און אויף די גאַסען איז אָנגעגאַנגען אַ האַנד־צו־האַנד קאַמף, האָט געמאַכט פּשוט אוממעגליך ספּעציעל פאַר אַ אידען זיך צו באַווייזען אויף דער גאַס. אין דעם גרויסען קעלער פון דער ריזיגער געביידע אויף בעסאַראַבקע נומער 5, האָבען מיר, יונגע לייט, דערהערט, אַז די אוקריינער האָבען אַרעסטירט יונה גאַנאַל, דעם פּאַרזיצער פון די אי־דישע סאָלדאַטען און איהם מיט זיין סעקרעטאַר באַיאַרסקי דערשאָסען אויף דער לוקיאַנאַווקע. זייערע גופים האָבען זיך געוואַלגערט און הינט האָבען זיך איבער זיי געריסען, האָט מען גערעדט, אַז מ׳זאָל געהן זיי בריינ־גען צו קבר ישראל. מען האָט גערעדט און גערעדט און עס אָפּגעלייגט פון טאָג צו טאָג און ווען עס איז געוואָרען שטילער, און מען איז אַרויס פון די באַהאַלטענישען, האָט מען זיך דערוואוסט, אַז שוין אַכט טעג ווי חבר משה ראָזענבלאַט האָט אַליין, אונטער קוילען און פּלאַצענדע באָמבעס, איבערגעפיהרט זייערע קערפּערס אויף דעם בית עולם.

עס איז געווען דאָס יאָהר 1915, דאָס שרעקליכע יאָהר פון מפּלות פון רוסלאַנד, און עס האָבען זיך אָנגעהויבען מעהרען די דעזערטירען, וועל־כע האָבען ניט געוואָלט געהן אין דער רוסישער אַרמיי, ווייל זיי האָבען ניט געוואָלט דינען אַלס קאַנאָנען פלייש, איבערהויפּט האָבען זיך די דע־זערטירען געמעהרט ביי אידען. ערשטענס, האָט די צאַרישע רעגירונג, מיט איהר ווילדע נאַרישע רדיפות אויף אידען, אָפּגענומען דאָס ביסעל „פּאַטריאָטישע געפיהלען״ וואָס די אידען האָבען געהאַט אין אָנהויב פון

דער מלחמה. אן אידישער סאָלדאַט, וועלכער איז פאַרוואונדעט געוואָ־רען אין דער מלחמה, און מען האָט איהם בעפרייט פון מיליטערישע פליכ־טען, אלס א קאַליקע, פלעגט מען ארעסטירען פאַר שטעהן אין מאָסקווא אלס א „ביעזפּראַוונע" איד. און טויזענטער אַנדערע פאַלען. חוץ דעם איז דער אינסטיקט פון לעבען געווען דאַן פאַרשאַרפט ביז דער העכסטער מדרגה. מענשען האָבען געוואָלט לעבען אונטער וועלכע עס איז אומ־שטענדען. געווען גרייט מקריב זיין א גליד, צוויי, — דאָס געזונט, אבי לעבען. חוץ לזה האָט מען געגלויבט, אז נאָך דער מלחמה וועט די וועלט איבערגעאַנדערשט ווערען, און א נייע ערא וועט אראָפּשיינען. האָבען מענשען געוואָלט אונטער יעדער פּרייז דערלעבען די נייע גליקליכע עפּאָכע.

די אידען, וועלכע האָבען זיך נישט געוואָלט שטעלען צו דינסט — האָבען געהאַט עטליכע נעמען, די „ראַסע", „האַזען", „נסתרים", „למד־וואָווניקעס" — יעדער פלעגט זיך אוועקפּאַהרען אין אַן אַנדער שטעדטעל דער פּריסטאַוו און אוריאַדניק זיינען געווען אונטערגעקויפט, געקראָגען חודש געלט, יעדער לויט זיין ראַנג נאָך. און דאַן זיינען זיי ארומגעגאַנ־גען פריי, און ווען א קאָמיסיע פלעגט אראָפּקומען, זוכען „נעלמים" פלעגט טאַקע דער פּריסטאַוו א ידיעה געבען צום ראש פון די „ראַסע" און זיי פלעגען נעלם ווערען פאַר א ווייַלע.

קיעוו, איז געווען איינע פון די „הייליגע" שטעדט, וואו אידען זיי־נען געווען פאַרבאָטען צו וואוינען מעהר ווי 24 שטונדען. אידען האָבען אָבער געפיהרט געשעפטען דורך קיעוו און מען האָט געדאַרפט וואוינען פאַר וואָכען. פלעגט מען איינשטעהן אויף „סטאַנציעס", וועלכע האָ־בען געצאָהלט דעם „אקאלאַדעטשנע" און „נאַדזיראַטיל" יעדען מאָנאַט, און אידען האָבען געוואוינט ווי לאַנג זיי האָבען געדאַרפט. מ'פלעגט אָבער אמאָל מאַכען אַן „אבלאַווע" אפילו אָהן דעם וויסען פון „נאַדזירא־טיל" און דאַן פלעגט מען ארעסטירען די געפונענע, צונעהמען די פּאַספּאָר־טען, און זיי אַליין אָפּשיקען מיט דעם „עטאַפּ".

אויף איינע פון אונזערע „סטאַנציעס" איז איינגעשטאַנען א יונגער־מאַן, א העברעאישער שריפטשטעלער ר. מ., וועלכער האָט זיך אויסבעהאַל־טען פון מלחמה און געוואוינט אויף א פּאַספּאָרט פון זיינעם א פריינד. ווען מע כאַפּט איהם, שיקט מען איהם גלייך אוועק צו די ערשטע פּאָזי־ציעס אלס א דעזערטיר, דער מאַן פון דעם פּאַספּאָרט און דער איד פון דער סטאַנציע וואָלטען געקראָגען פון 10 ביז 15 יאָהר קאַטאָרגע.

אין איין נאַכט האָבען זשאַנדאַרען פון א פרעמדען בעצירק, ארומ־גערינגעלט די סטאַנציע און מע האָט ארעסטירט אַלע אידען און דעם אי־דישען שרייבער בתוכם. מען האָט ביי אַלעמען אָפּגענומען די פּאַספּאָר־טען און זיי געהאַלטען אין טורמע ביז מען וועט זיי צושיקען מיט דעם

עטאפּ אין זייערע וואוין פּלעצער. דעם יונגען אידישען שרייבער האָט מען דערווייל געהאַלטען ווי אַ אידען, וועלכער איז געכאַפּט געוואָרען אָהן וואוינרעכט אין קיעוו. אָבער ווי ווייט וועט זיין, ווען מען וועט זיך דערוויסען, אַז ער האָט געוואוינט אויף אַ פרעמדענס פּאַספּאָרט און איז אַ דעזערטיר דערצו. מע דאַרף זעהן איהם אַרויסנעהמען אונטער יעדער פּרייז, איידער מען דערוויסט זיך, אַז ער איז אַ דעזערטיר.

דאָס ערשטע וואָס דער באַלעבאָס פון דער סטאַנציע האָט געטאָן, איז צו געהן צו דר. בענדערסקי, אין וועמענס הויף עס איז געווען די סטאַנציע. דר. בענדערסקי איז געווען אַ גרויסער עושר, פאַרמאָגט צעהנדליגער הייזער אין קיעוו, און געווען אַ גרויסער חשוב ביי נאַטשאַלסטווא. און ווען מען איז געקומען צולויפען איהם בעטען ער זאָל זיך משתדל זיין אַרויסנעהמען דעם פּאַספּאָרט פון דער פּאָליציי'ס הענט, אַז ניט, וועלען דריי פאַמיליעס ח"ו געניזק'ט ווערען אויף אייביג, האָט ער זיך אָפּגעטרייסעלט מיטביידע הענט: אין אַזאַ צייט וועט ער נישט בעטען פאַר די „שונאים פון פאָטערלאַנד"... אויך אַנדערע גבירים האָבען זיך אָפּגעזאָגט נעהמען אַ האַנד אין דיזער געשיכטע, צוליב דעם געפאַהר פאַר זיך. און דאָ קומט אָן נעהנטער און נעהנטער דער טאָג ווען מען וועט איהם אַרויסשיקען פון קיעוו, און דאַן וועט שוין אַלעס זיין פערפאַלען.

נאָר איינער איז נאָך פאַרבליבען צו ראַטעווען, און דאָס איז משה ראָזענבלאַט. מען איז אַוועק צו משה ראָזענבלאַט'ן, און איהם דערצעהלט די געשיכטע, און ווען ער האָט דערזעהן די גרויסע סכנה, וואָס הענגט איבער אַזויפיל נפשות, איז ווי זיין שטייגער איז, האָט ער באַלד זיך אַריינגעוואָרפען בלב ונפש אין דער אַרבייט אַריין. אָבער אַלע גבירים און חשובים האָבען איהם געענטפערט, אַז מיט זייער גאַנצען ווילען, קענען זיי נישט אין אַזאַ עת צרה געהן בעטען פאַר אַ דעזערטיר.

— נאָך איינער איז פאַרבליבען — האָט ראָזענבלאַט געטרייסט די פאַרצווייפעלטע — און איז אַוועק צו איינעם אַ לוקאַשעוויטש, דער פאַדריאַטשיק פון קליידער צו דער קיעווער פּאָליציי.

לוקאַשעוויטש איז געווען אַ פּראָסטער איד, ניט קיין למדן, ער איז אָבער געווען אַ מזג טוב, און זיך געלאָזט קאָסטען אַ סך געלט צו העלפען אַ אידען. אָט דער איד איז געווען אַ גרויסער חשוב ביי דעם פּאָליצמייסטער און צו איהם איז דאָס משה ראָזענבלאַט אַוועק.

— אהרן מאַרקאָוויטש — האָט ראָזענבלאַט געזאָגט צום שניידער, די תורה זאָגט, אַז דער וואָס ראַטעוועט אַ נפש, איז גלייך ווי ער זאָל ראַטעווען אַ גאַנצע וועלט, און אין אייערע הענט ליגט דער גורל פון דריי מענשען, (אחוץ זייערע פאַמיליעס) איינעם פון אַ זיכערען טויט און צוויי פון קאַטאָרגע. און ער דערצעהלט איהם די גאַנצע געשיכטע.

אויך לוקאשעוויטש האט זיך דערשראָקען פאר אזא שליחות, אָבער ווען ראָזענבלאַט האָט געזאָגט, אז ער וועט נישט געהן אהיים ביז ער וועט ניט זעהן באפרייען פון סכנה די דריי מענשען, האָט דאָס געווירקט אויף דעם פּראָסטען אָבער גוט הארציגען מענשען. ער איז אוועק צום פּאָליצ־מייסטער, און נאָך פיעל בעטענישען איז איהם געלונגען צו פּועל'ן ביים פּאָליצמייסטער, און ער האָט באלד אָנגעקלונגען אין טעלעפאָן, אז מען זאָל דעם און דעם באלד צושיקען מיט א זשאנדארם מיט אלע פּאַפּירען צו איהם אין קאַנצעליאַריע.

אין א שטונדע ארום האָט דער יונגער העברעאישער שרייבער, צוזאמען מיט מר. לוקאשעוויטש א פרייער מיט דעם פּאַספּאָרט אין קעשענע פאר־לאָזען די קאַנצעלאַריע. אין די אידישע קרייזען פון קיעוו האָט געקלונגען מיט ראָזענבלאַט'ס טאהט, וועלכער האָט מציל געווען אזוי פיעל נפשות פון אזא גרויסען פייער.

און אז מען רעדט שוין פון פייער איז כדאי צו דערמאָהנען, אז איינ־מאָל באנאכט האָט אין דעם פינף שטאָקיגען האָטעל „מעטראָפּאָל" אויס־געבראָכען א פייער. און ווי געוועהנליך אין רוסלאנד, קומען די פייער־לעשערס צום לעצטען, ווען עס איז שוין ניטאָ וועמען צו ראטעווען און לעשען. א גרויסער עולם איז געשטאנען ארום און געזעהן ווי דער האָ־טעל ברענט. מיט אמאָל האָט מען פון דעם פינפטען עטאזש דערהערט קולות און געשרייען. א אידישע פרוי האָט געשריען, אז זי איז היינט געקומען מיט איהר מאַן, א פּאַראליזירטער צום דאָקטאָר, און יעצט ליגט ער און קען נישט אראָפּקומען. קיינער האָט זיך נישט גערוהרט פון פּלאַץ. דאָן האָט מען געזעהן משה ראָזענבלאַט'ן ארייַנלויפען אין דעם ברענענ־דיגען האָטעל. אין 10 מינוט שפּעטער איז ער ארויסגעקומען מיט דעם פּאַראליזירטען מאַן אויף זיינע פּלייצעס.

א צווייטע געשיכטע פון איינשטעלען דאָס לעבען איז געווען אין דער צייט ווען די באנדעס פון פּעטלוריע, דעניקין און פּאָליאַקען האָבען זיך געשלאָגען מיט די באָלשעוויקעס. פיעלע „טונקעלע עלעמענטען" האָבען אויסגענוצט די לאַגע און פּלעגען אָנפאלען ביי טאָג, און נאָכמעהר ביי נאכט, און בעראַבעווען די אידישע הייזער. זיך ראטעווען פון זיי איז נאָר געווען, אָנקלינגען אין דער „דומא", וואו עס איז געווען „אָן אטריאד" פון א פּאָר צעהנדליג אידישע סאָלדאטען, און זיי פלעגען מיט א טראָק צופאָהרען און צוטרייבען די באנדע. א אידישער דיעזשורנע האָט געדארפט זיצען ביי טאָג און ביי נאכט ביים טעלעפאָן. איז ביי טאָג, ווען טוי־זענטער מענשען האָבען זיך ארומגעדרייט ארום דער „דומא" האָבען זיך געפונען הונדערטער מענשען, וועלכע האָבען געוואָלט „דיעזשורען" אָבער ווי באלד די זון איז ארונטער, אזוי פלעגען אלע נישט ווערען. עס איז

געוועזן אַ סכנת נפש צו זיצען און דיעזשורען, נאָר איין משה ראָזענבלאַט האָט זיך איינגעשטעלט זיין לעבען און פאַר פיעלע נעכט „געדיזשורעט" אין אַזאַ מורא'דיגען פּלאַץ און געראַטעוועט פיעלע פאַמיליעס פון די הענט פון פאָגראָמטשיקעס.

כהנה וכהנה, הונדערטער און הונדערטער עפּיזאָדען זיינען דורכגע־גאַנגען פאַר מיר ווי איך האָב געזעהן זיינע אונערמידליכע טעטיגקייטען, און זיין אונערשראָקענהייט און מסירת נפש. אשרי העם שככה לו, וואויל איז צו אַ פאָלק וועלכער האָט אַזוינע זיהן, איבערגעגעבענע בלב ונפש צו זייער אידעאַל.

ווען דער זעלבער יובילעאום זאָל געפּראַוועט ווערען אין אוקריינע, וואו זיין טעטיגקייט איז באַוואוסט צו צעהנדליגער טויזענטער, וואָלט זיך דער יובילעאום פערוואַנדעלט אין אַ פאָלקס־יום־טוב.

זאָלען די אַלע וואונשען, וועלכע זיינע פריינד, מכבדיו ומעריציו ווינשען איהם מקוים ווערען, און זאָלען מיר נאָך זוכה זיין צו פּראַוועז זיינע גאָלדענע און בריליאַנטענע יובילעאומס.

אַ נס*)

(עפּיזאָד)

פון מלכה שניידער, בראָנקס

ביז היינטיגען טאָג קען איך ניט פערגעסען, וואו עס איז געשעהן אַ נס, וואָס איז חוץ לדרך הטבע? איך גלויב ניט אין קיין נסים, איך גלויב ניט אַז אַ וואונדער איבער דער נאַטור קאָן געשעהן, דאָך האָב איך אַליין בייגעלעבט אַ נס, און עס איז שוין צוואַנציג יאָהר זינט די געשיכטע, און איך קען זיך אַליין ניט אָפּגעבען קיין דין וחשבון, ווי אַזוי עס האָט געקאָנט אַזאַ וואונדער געשעהן?

איך וועל אָנרופען מיט די נעמען די אַלע מענשען ווי זיי הייסען, ווייל דאָס איז אַ ריכטיג אמת'ע געשעהעניש. איך האָב דאַמאָלסט נאָך געוואָהנט אין איירָאפּא, אין אַ קליין שטעטעל בריטשאַני (בעסאַראַביער גוב.) מיין זעליגער מאַן מר. גאָדיל שניידער איז געוועזן אַ תבואה הענדלער, מיר האָבען זיך געלעבט אַ רוהיג און אַן אנשטענדיג לעבען. דאָרף זיך

---

*) איבערגעדרוקט פון „אַמעריקאַנער" פון 21טען נאָוועמבער, 1930.

אָבער טרעפען א צרה, אז אונזער מיידעל, 17 יאָהר אלט, איז פאַראַליזירט געוואָרען, ניט געקאָנט שטעהן, געהן און זיצען. זי איז געלעגען אין בעט, מען האָט איהר באדארפט געבען עסען און טרינקען ווי א קליין קינד. אז מען האָט בעדארפט בייטען איהרע בעטגעוואנט האָבען פיער מענשען זי בעדארפט הויבען. מיר האָבען געספּענדעט געלד און גערופען צו איהר די גרעסטע דאָקטוירים, מיר זיינען געפאָהרען צו די גרעסטע פּראָפעסאָרען, און אַלע האָבען גאָר נישט געקענט טהאָן מיט איהר, זיי האָבען זי אויפ־געגעבען מיט גרויס יאוש.

אונזער וועלט איז פארפינסטערט געוואָרען. מיר האָבען געבעטען גאָט, אז ער זאָל אונז שיקען דעם טויט אויסצולייזען אונז פון דעם לעבעדיגען גהינום.

ויהי היום איז אריינגעקומען צו אונז אין שטוב אַן אָרימאַן בעטען א נדבה, ער איז געווען א שעהנער פּאַטריארכאַלער איד מיט א ווייסער באָרד, ער האָט געבעטען מען זאָל איהם געבען עפּעס אָפּצועסען. מיר האָבען איהם געבעטען זיך זעצען צום טיש און מיר האָבען איהם דערלאנגט עסען. דער איד האָט זיך געוואשען און מיט גרויס כונה געזאָגט „שאו ידיכם" און געמאַכט א ברכה. נאָך דעם עסען האָט ער מיט גרויס כונה געבענשט. מיר, אַלס פּראָסטע אידענע, איז איינגעפאַלען זיך קלאָגען פאר איהם אויף מיין צרה. ווי זאָגט מען: „אז מען טרינקט זיך כאָפּט מען זיך אָן אין א שטרוי". דער איד האָט מיר געענטפערט: איך בין ניט קיין גוטער איד, אז איך זאָל אייך קאָנען העלפען דורך תפילה, נאָר ביי אונז שטעהט גע־שריבען: „אַל תהי ברכת הדיוט קלה בעיניך", ד. ה. די ברכה פון א פּראָסטאַק זאָל ניט זיין קליין אין דיינע אויגען, ווינש איך אייך אז גאָט זאָל איהר שיקען א רפואה נאָר איך קען אייך נאָר געבען אַן עצה. אין כאטין, בעסאַראַביער גובערניע, וועלכעס איז ניט ווייט פון אייער שטעדטעל געפינט זיך א איד מיט'ן נאָמען מענדעל רייז, ביי איהם איז געשעהן מיט זיינעם א זוהן דאָס זעלבע, איז ער אוועקגעפאָהרען קיין קיעוו צו א גרוי־סען דאָקטאָר און ער האָט איהם צוריקגעבראַכט א געזונדען. דער איד האָט זיך אָפּגעזאָגט זיינס און איז אוועקגעגאנגען.

מיין מאַן איז באַלד אוועקגעפאָהרען קיין כאטין צו מר. מענדעל רייז און ער האָט איהם געזאָגט אז דאָס איז אמת, אז פּראָפעסאָר טריטשעל פון קיעוו האָט זיין זוהן אויסגעהיילט, נאָר אז דאָס האָט געקאָסט 1,500 רובעל. מיין מאַן איז א היים געקומען א פארצווייפעלטער, ווייל אזא סומע געלד האָבען מיר דאמאָלס ניט פאַרמאָגט, אונז האָט זיך אויסגעוויזען, אז מיר שטעהען פאר דעם טויער פון לעבען, נאָר ער איז פאר אונז פארשלאָסען.

איז אָבער באַשעהרט אז אונזער טאָכטער זאָל פאָרט געזונד ווערען און דער נס זאָל געשעהן.

ביי אונז אין שטעדטעל איז געבוירען געוואָרען און געלעבט ביז 20 יאָהר איינער אַ משה ראָזענבלאַט, דער יונגער מאַן האָט גע׳שם׳ט פון קינדוויז אָן אַלס אַן עילוי, צו 10 יאָהר האָט ער געקאָנט תנ״ך אויסווייניג, צו 13 יאָהר האָט ער געזאָגט אַ דרשה לבר מצוה פון גמרא און תוספות, מיט אַן אייגען שאַרפזיניגען פּלפּול, שפּעטער אַביסעל איז ער געוואָרען אַ משכיל און אַ שרייבער אין „המליץ״ און אין „הצפירה״. צו 17 יאָהר איז ער צוגעשטאַנען צו דער ציוניסטישער בעוועגונג און איז געוואָרען דער יושב ראש, ביז ער איז דערהויבען געוואָרען און איז ארויסגערופען געוואָרען קיין קיעוו צו ווערען אַ סעקרעטער ביי פּראָפעסאָר מאַנדעלשטאַם פון קיעוו, וואו עס איז געווען דער הויפּט צענטער פון ציוניזם אין רוסלאַנד, די טרעזשורי, פון קאָלאָניאַל באַנק און פון שקלים און א. וו.

עס האָבען זיך געטראָגען ערצעהלונגען אין זיין שטעדטעל, אַז דער מר. ראָזענבלאַט איז אַ גרויסער וואהלטהאטער, אַז ביי איהם אין הויז געפינען זיך אורחים פון דער פּראָווינץ, מען עסט, מען טרינקט און מען שלאָפט ביי איהם אויף טישען און אויף בייַנק, אַז ער מיט זיין פרוי גיבען אָפּ דעם ביסען פונ׳ם מויל, און דעם בגד פון זיך, ניט קוקענדיג וואָס ער אליין איז ניט קיין רייכער העברעאישער לעהרער און ועל כולם, אַז פון פיעלע שטעדטלאך קומען צו פאָהרען קראַנקע, און ער קריגט גרויסע פּראָטעקציע צו פּראָפעסאָרען און צו דאָקטוירים, אַז מען זאָל זיי אויסהיילען אומזיסט, און אַז מען זאָל אריינגעהמען אין די האָספּיטאַלס ביז זיי ווערען געזונד. פון אונזער גאַנצען געגענד פלעגען זיך ציהען קיין קיעוו אויגען־קראַנקע, וועלכע פּראָפעסאָר מאַנדעלשטאַם, אלס אַן אויגען־דאָקטאָר פלעגט זיי היילען אומזיסט. אַ דאַנק די רעקאָמענדאַציע פון אונזער לאַנדסמאַן, זיין סעקרעטער און העברעאישער לעהרער מר. ראָזענבלאַט.

מיר האָבען קיין סך ניט געטראַכט, איך און מיין מאַן האָבען מיר, מיט אַ נאָך גערונגנעם מענשען געטראָגען אונזער טאָכטער, דורך דער צוג, קיין קיעוו, און גלייך מיט איהר פאַרפאָהרען צו מר. ראָזענבלאַט׳ס וואָהנונג. מיר האָבען דאָרט געטראָפען עטליכע קראַנקע פון פּראָווינץ און סתם מגידים און משולחים, וועלכע האָבען זיך אויפגעהאַלטען אלס וואוינרעכטלאָזע ביי איהם אין שטוב (ווי בעוואוסט האָבען אין קיעוו ניט געטאָרט וואָהנען קיין אידען ניט־פּריווילעגירטע).

אַ קצור, וואָס איז דאָ מאַריך צו זיין, ער האָט געקראָגען אַ רעקאָמענדאַציע צו פּראָפעסאָר טריטשעל, מען האָט מיין טאָכטער אריינגענומען אין זיין האָספּיטאַל, און אין פערלויף פון פיער חדשים צייט, אָהן אַ גראָשען געלד איז זי געוואָרען געזונד און שטאַרק, און איז אַ היים געפאָהרען אַ געזונדע און יעצט וואָהנט זי אין יוראָפּ אין בריטשאַני, בעסאַראַביען, זי האָט אַ מאַן מיט קינדער און איך באַקום פון איהר בריעף.

ווער איז געווען דער אָרימאַן וועלכער האָט אונז געגעבען די עצה? בלייבט ביי מיר עד היום א רעטעניש. ער האָט זיך דאמאָלס בעוויזען צו אונז אויף א האַלבער שעה, אַפּצועסען און אָפּבענשען און מעהר האָבען מיר איהם ניט געזעהן. אזא געשיכטע קאָן מען נאָך הערען וועגען ר׳ לייב שרה׳ס אַלס א לעגענדע. און מיר האָבען דאָס אַליין איבערגעלעבט. אמת קיין וואונדער האָט אונז דער מאַן ניט באַוויזען, נור זיין אויפשיינען ביי אונז אין הויז און געבען די עצה איז פאַר זיך אַליין א גרויסער נס, וועלכער איז ניט פאַרגעסליך.

ווי אַזוי האָט באַגעגענט דאָס רוסישע שטעדטעל ראַזענבלאַט׳ן אַלס אינסטרוקטאָר?

פון בנימין דעלעגאטער, מורה הישיבה בסינסינעטי

דאָס וואָס איך געה דאָ דערצעהלען איז פאַרגעקומען צוריק מיט 27 יאָהר. איך בין דאַן געווען א לעהרער אין א העברעאישען נאַציאָנאַלען בית הספר אין שטעדטעל האראשקי, וואהלינער גובערניע. אונזער בית־הספר האָט זיך אויסגעצייכענט מיט דעם מאָדערנעם חנוך, מיט זיין ריכטי־גען סיסטעם אין פעדאגאגישען זין. עס זענען געווען אָנגעשטעלט אַלס לעהרער באַריהמטע פעדאגאגען ווי מר. קאצמאן, מר. בהר״ץ און מר. גלאזמאן, מיט וועלכע איך האָב געהאט דעם פאַרגעניגען מיט זיי צו אַר־בייטען. מיר האָבען זיך באַמיהט צו שטעלען אונזער בית הספר אויף א באַוואוסטען הויך. מיר האָבען געלערענט די תלמידים און תלמידות מיט דער נאַטור מעטאָדע עברית בעברית, די קינדער האָבען גערעדט פריי העברעאיש, געשריבען חבורים אין העברעאיש, זיי האָבען איבערדערצעהלט די ספורי התנ״ך און די למוד ההסתוריה אין זייער אייגענער העברעאי־שער שפּראַך.

אין יענער צייט איז געווען משה ראָזענבלאַט דער פּרעזידענט פון הסתדרות המורים העברים אין רוסלאנד. אויסגעקליבען פון דעם ערשטען צוזאַמענפאָהר פון העברעאישע לעהרער אין בראהילאוו. ער האָט אָנגע־פיהרט א ריזען ארבייט אז די ריכטיגע העברעאישע לעהרער זאָלען זיך אָר־גאניזירען און קעמפען פאַר דעם ריכטיגען העברעאישען חנוך, אויסצו־וואָרצלען דעם שלעכטען חנוך פון די אַלטע חדרים, צו דערווייטערען די עמי־הארצישע מלמדים, און איינצופיהרען מאָדערנע העברעאישע שולען

במתוקנים שבהם, מיט ליכטיגע צימערען, מיט היגיענע, מאכען די אידישע קינדער פיהלען גוט, איינצופלאנצען אין זייערע יונגע הערצער ליעבע צו דער העברעאישער שפראך און צו די אידישע למודים אויף א שפילענדיגען אופן און מיט א לייכטען סיסטעם. ער האט מיט זיינע אויסגעצייכענטע סירקולארען, וועלכע זיינען געוועזן פול מיט פייערדיגע אגיטאציע, און מיט לאגישע שניידענדע ארגומענטען געוועקט טויזענדע לעהרער און לעהרערינס צו ווידמענען זיך פאר תחית החנוך העברי, און תחית התרבות העברית, און איהם האט זיך איינגעגעבען צו ארגאניזירען העברעאישע לעהרער פון אריבער טויזענד שטעדט און שטעדטלאך אין רוסלאנד פאר דער הסתדרות המורים. ער האט ארויסגעגעבען דעם „קול המורה" א פעדאגאגישען זשורנאל מיט דעם באקאנטען פעדאגאג און שריפטשטעלער פנחס שיפמאן אלס רעדאקטאר, וועלכער איז געוועזן אנגעפיקעוועט מיט אויסגעצייכענטע פעדאגאגישע ארטיקלען, און מיט פראפאגאנדישע מאמרים פון ראזענבלאט'ן, וועלכע האבען געווירקט און געשאפען גרויסע רעזולטאטען. איך קאן זאגען מיט זיכערקייט, אז דער טאג וואס מען האט געקראגען ראזעלבלאט'ס סירקולאר אדער דעם קובץ „קול המורה" איז געוועזן א יום טוב.

מיר פלעגען זיך וואונדערען, ווי עס נעמט זיך צו איין מענשען אזוי פיעל כח, צייט און ענערגיע? ער פלעגט שרייבען צעהנדליגע און הונדערטע פריוואטע בריעף אין איין טאג אין שטעדט און שטעדטלאך, אויסער די געדרוקטע סירקולארען, אליין געשריבען די אדרעסען, אליין זיך מטפל געוועזן מיט דער טעכנישער ארבייט און זיי אוועקגעשיקט. ער איז געוועזן אויסער די גייסטיגע ארבייט אויך דער שיצער און פארטיידיגער פון די געקריוודעטע לעהרער ביי די מפקחים און גבאים פון פארשידענע תלמוד תורות און אנדערע לעהרן־אנשטאלטען. אויב עס האט אויסגעבראכען א סכסוך, צווישען גבאים און לעהרער, צו ווען מען האט אפגעזאגט א לעהרער אויף א ניט ריכטיגען אופן, פלעגט ראזענבלאט זיך שטעלען אין פארבינדונג מיט די פיהרער, און ער האט ניט גערוהט ביז ער האט אויסגעווירקט צו גונסטען די ברויטלאזע לעהרער, און די השפעה פון ראזענבלאט'ן איז געוועזן זעהר גרויס, ווייל ער האט צוזאמען געארבייט אין דער „חברה מפיצי השכלה" אין קיעוו מיט די גרעסטע אידישע פיהרער ווי פראפעסאר מאנדעלשטאם, די באוואוסטע גרעסטע געלערענטע אידען אין יענער צייט, די אדוואקאטען הערמאן בהר"ץ, משה מאזאר און ס. ב. ראטנער, וועלכע האבען געהאלפען איהם מיט ווארט און שריפט, און אז מען האט באדארפט ספעשעל צופאהרען אויסגלייכען א סכסוך האט ראזענבלאט ניט געקארגט זיינע כח און צייט און איז געפאהרען און האט געבראכט צו אן אויסגלייך.

עס פארשטעהט זיך, אז מיר לעהרער אין הארשקי האבען געהאט פאר־

בינדונגען מיט דעם מרכז הסתדרות המורים, ד. ה. מיט ראָזענבלאַט׳ן. מיר האָבען זיך מיט אונזער ארבייט אין ביה״ס געשטיצט אויפ׳ן קיעווער מרכז, מיר האָבען דעם קאַמף מיט די פאַנאַטיקער געוואונען, און איינגעפיהרט דעם נייעם טיפ פון דער העברעאישער שול, צייגענדיג די סירקולארען און דעם „קול המורה״ מיט די נעמען פון די אידישע אויטאָריטעטען און פיהרער וועלכע האָבען זיך דאַמאָלס געלאָזט הערען.

איינמאָל ווען מיר האָבען זיך געגרייט מאַכען עקזאַמענס פאַר די קלאַסען, אין אָנוועזענהייט פון די עלטערען און צו טיילען די קינדער אַטעסטאַטען, איז אונז, לעהרער, איינגעפאלען צו מאַכען מעהרער פייערליך די עקזאַמענס, כדי צו צוציהען די אויפמערקזאַמקייט פון דעם גאַנצען אידישען באַפעלקערונג צו אונזער שולע, און מיר האָבען פאַרטראַכט איינצולאַדען אונזער נשיא פון הסתדרות המורים ראָזענבלאַט׳ן פון קיעוו צו קומען קיין האראשקי צו די עקזאַמענס. מיר זיינען אָבער געווען אין צווייפעל צו וועט ראָזענבלאַט אָננעמען אונזער איינלאַדונג, זייענדיג אַזוי פיעל פאַרנומען מיט פאַרשידענע אָרגאַניזאַציעס בכלל און הסתדרות המורים בפרט, חוץ לזה איז ער דאָך אליין אַ לעהרער און דאַרף זאָרגען אויך פאַר פרנסה. מיר האָבען אָבער באַשלאָסען דאָך צו פּרואווען, און צו אונזער באוואונדערונג האָט ראָזענבלאַט אָנגענומען אונזער איינלאַדונג, און איז געקומען קיין האראשקי.

צו באַשרייבען די יום טוב׳דיגע שטימונג אין שטעדטעל אין פאַרלויף פון אַ וואָך, וואָס ראָזענבלאַט איז געווען ביי אונז וועט פאַרנעמען פיעל פּלאַץ. מיר קאָנען זאָגען אַז דאָס איז געווען אַן אמת׳ער „שבוע עברי״, דער טאָג פון די עקזאַמענס איז געבליבען אין שטעדטעל היסטאָריש, די פראַגען פון דעם גאַסט און די ענטפער פון די קינדער אויף העברעאיש האָבען אריינגעבראַכט די עלטערען און די אנדערע פאַרזאַמעלטע אין עקסטאַז, די שירי ציון פון די קינדער, און דער עיקר די שמחה און די באַגייסטערונג פון די קינדער און זייער ליבשאַפט און צופרידענהייט פון דעם העברעאישען בית הספר האָט געמאַכט אַ גרויסען איינדרוק. היינט די רעדעס אין די שוהלען וואָס ראָזענבלאַט האָט געהאַלטען, וועלכע האָבען צונעצויגען דאָס גאַנצע שטעדטעל אידען, און די באַנקעטען און די אונטערהאַלטונגען מיט געזאַנג און טענץ. און מיר האָבען געוואָלט פאַראייביגען דעם וויזיט פון אונזער חשוב׳ן גאַסט האָבען מיר זיך לעהרער און עלטערען קאַמיטעט מיט איהם זיך צוזאַמען פאָטאָגראַפירט.

דער אנדיינק פון זיין וויזיט וועט שטענדיג לעבען אין די הערצער פון הונדערטע מענשען אין האראשקי און בפרט אין די הערצער פון די תלמידים און תלמידות, וועלכע זיינען שוין יעצט גרויס און דערוואַקסענע מענשען, זיי געדענקען דעם וויזיט מיט עהרנפורכט.

איך ווינש הרב משה ראָזענבלאַט אריכות ימים, בריאות הגוף והנפש, ער זאָל קאָנען נאָך צעהנדליגע יאָהרען אָנפיהרען זיין היילינע ארבייט פאַר אונזער פאָלק, שפּראַך, קולטור און לאַנד.

די 37 קדושים פון זעלבסטשוץ אין קיעוו

פון אברהם יעקב פאניטש, שו״ב

נכד הבעש״ט וחתן האדמו״ר רבי דוד'ל מאַקאַראָווער זצ״ל

איך האָב זיך דערוואוסט פון די צייטונגען, אַז מען געהט פייערען דעם 60 יאָהריגען יובילעאום פון הרב משה ראָזענבלאַט, געפין איך פאַר נויטיג, אַלס אַ דאַנקבאַרקייט פון מיר צו איהם פאַר דעם חסד של אמת, וואָס ער האָט געטאָהן צו מיין פלימעניק, מאיר ב״ר אהרן פאניטש, וועל־כער איז איינער פון די 37 קדושים, וואָס זיינען צושאָסען געוואָרען פון די פעטליוראַוועצעס, איבערצוגעבען אַ וויכטיגען פאַקט פון ראָזענבלאַט'ס טהעטיגקייט פאַר דער אידישער באפעלקערונג אין קיעוו, אין דער שטאָדט וואו איך האָב געוואוינט:

ווען פעטליורא האָט פארנומען קיעוו, אין ראש חדש אלול, תרע״ט, (1920), האָט זיך אָנגעהויבען אַ שחיטה אויף אידען, מען האָט געראַבירט מענשען אויף די גאַסען, מען האָט זיך אַריינגעריסען בייטאָג און ביינאַכט אין אידישע הייזער, מען האָט ניט געשאָנעוועט קיין פרויען, קיין מיידלאַך, קיין אַלטע לייט און קיין קינדער. מען איז געלעגען באַהאַלטען אין די קעל־לערס, אויף די בוידעמער, אין לעכער פון חורבות, אויך אין פעלדער און אין וועלדער. מען האָט מורא געהאַט צו ווייזען דאָס פּנים אויף דער גאַס, צו קויפען עסענוואַרג.

עס זיינען געוועז פאַלען, וואָס קליינע קינדער האָבען געוויינט, און דאַמיט האָבען זיי געקאָנט אויסגעבען פאַר די מערדער די באַהעלטענישען פון עטליכע פאַמיליעס, האָבען די מוטערס מיט זייערע אייגענע הענד דער־שטיקט זייערע קינדער.

אין יענער צייט האָבען זיך פארזאַמעלט אַרום 50 אידישע יונגע לייט, צווישען זיי סטודענטען און אַרבייטער, אין האָטעל „פראַנסוא״ אויף ז'יליאַנסקי גאַס, צו באַטראַכטען פּלענער ווענגען אַ זעלבסטשוץ.

עס האָבען ניט געפעלט קיין שפּיאָנען. אין גיכען איז אָנגעקומען אַ טרופּע פעטליוראַוועצעס מיט ביקסען, און האָבען פאַרנומען 37 יונגע לייט

פון דעם האָטעל (די איבריגע האָט זיך איינגעגעבען צו אַנטלויפען). מען האָט די 37 יונגע לייט אוועקגעפיהרט אויסער דער שטאָדט, אין אַ טאָל נעבען דעם פאָרשטאָדט דעמיעווקא, און מען האָט זיי צושאָסען.

די קדושים זיינען געלעגען אַ 3 טעג אין טאָל. די אידען האָבען מורא געהאַט צו געהן זיי ברייגנען צו קבר ישראל. עס זיינען געווען פאַלען, ווען שמשים פון חברה קדישא זיינען גע'הרג'עט געוואָרען, ווען זיי האָבען געפיהרט אַ נפטר צום בית עולם.

דער רוב פון די 37 קדושים זיינען געווען „צעירי ציון" פון ראָזענבלאַט'ס תלמידים פון די אָוועגד קורסען. ווען ראָזענבלאַט האָט זיך דערוואוסט פון די קערפערס, וועלכע וואַלגערען זיך אין טאָל, איז ער אוועק צום שטאָדטישען גאַלאָווא (מעיאָר) ה' ריאַבצאוו, און ער האָט ביי איהם געבעטען אַ גרויסען וואָגען מיט פערד און מיט אַ באוואָפענטען מיליציאָנער, און מיט אַן אָרדער אז מען זאָל ראָזענבלאַט'ן ניט אָנריהרען, און ניט שטערען אין זיין ארבייט. און דאַן האָט ראָזענבלאַט מיט אַ שמש אָנגעלאָדען דעם וואָגען מיט די טוידטע צוגריזשעטע קערפערס מיט צובראָכענע שארבענס. ראָזענבלאַט מיט דעם שמש זיינען געווען פאַרשמירט מיט בלוט ווי אין אַ בית השחיטה.

ווען ראָזענבלאַט איז אָנגעקומען אויף דעם בית עולם מיט די הרוגים, זיינען שוין געווען אָנגעגרייט 37 ברידערליכע קברים, וואָס מען האָט פריהער צוגעגרייט, לויט זיין באַפעל אַלס דער סעקרעטער פון דער קיעווער אידישער קהלה, און אויך אַלס דער סעקרעטער פון דער חברה קדישא. דער פּלאַץ פון די ברידערליכע קברים זיינען געווען טאַקע פון איהם אויסגעקליבען אויף אַן אָנגעזעהענעם אָרט.

פּלוצלונג זיינען אָנגעלאָפען 2 רייטערס אויף פלינקע פערד פון פעטליוראווצעס, זיי זיינען געקומען הרג'ענען דעם אידען פון דער קהלה, וועלכער האָט געוואַגט צונויפצונעמען די קערפערס „פון די שונאים פון אוקראַינער פאָלק". דערזעהענדיג די רייטערס פון ווייטענס האָט זיך ראָזענבלאַט אריינגעוואָרפען אין איינעם פון די אָפענע קברים, און האָט געבעטען דעם קריסטליכען שומר בית הקברות איהם איבערדעקען מיט קרשים, און ווען די רייטערס האָבען געפרעגט דעם שומר, וואו איז דער איד פון שפּרינגענדיג דעם גדר, ווען דער שומר האָט זיי באַמערקט, אַז דער איד דער קהלה? האָט דער שומר געענטפערט, אַז ער איז אַנטלאָפען אריבער־ האָט געהאַט אַן אָרדער פון דעם מעיאָר, אַז מען זאָל איהם ניט טשעפען, האָבען זיי געענטפערט: אַז דער אָרדער איז געווען אין קראַפט בלויז אין שטאָדט, נאָר ניט אין פעלד.

די רייטערס זיינען דאַן אוועקגעפאָהרען און ראָזענבלאַט האָט פאַר־זוכט דעם טעם, צו זיין באַגראָבען אַ שעה צייט לעבעדיגערהייט אין קבר.

ווען עס איז שטיל געוואָרען אין שטאָדט פון די פּאַגראָמען, האָט ראָ־זענבלאַט דורכגעפיהרט אין דער קהלה־ראַט אַ בעשלוס, אַז מען זאָל מאַכען ארום די ברידערליכע קברים אַ גדר, און אַז מען זאָל אויפשטעלען 37 שטיי־נערדיגע מצבות אין דער פאָרם פון יונגע בוימער מיט אָפּגעהאַקטע צווייַ־גען, און אין פראָנט זאָל אויפגעבויט ווערען אַ הויכע בימה ארויפצוגעהן אויף טרעפּ, און אַז אַלע יאָהר, ה׳ אלול, אין טאָג פון דער הריגה זאָל באַ־שטימט ווערען אַ טרויער טאָג פאַר דער אידישער קיעווער באַפעלקערונג, און אַז רבנים און פאָלק׳ס רעדנער זאָלען האַלטען הספדים.

דער שרייבער פון דיעזע צייַלען איז באַלד אַפּגעפאָהרען פון קיעוו, ווייל אַלס אַ סוחר פון דער ערשטער גילדיע פון די צארישע צייטען, בין איך געווען פּסול ביי אַלע רעגירונגען פון נאָך דער רעוואָלוציע, איבער־הויפט ביי די באָלשעוויקעס האָב איך געהאַט נאָך אַ פּסול, אַלס אַ מיט־גליעד פון דער משפחה פון די מאַקאַראָווער צדיקים האדמורי״ם ר׳ דוד׳ל און רבי ישעיה׳לע, אשר בחייהם ובמותם לא נפרדו (מנוחתם כבוד אין איין אוהל אין קיעוו) די קינדער פון גרויסען צדיק הר׳ יעקב יצחק זצ״ל. איך בין דערפאַר באַלד אַפּגעפאָהרען קיין אַמעריקאַ, נאָר מיין קרוב האָט מיר געשריבען פון דער געשיכטע, אַז דער באַשלוס איז דורכגעפיהרט גע־וואָרען און אָפּגעהיט פון דער אידישער באַפעלקערונג. אַז עס איז געקומען ה׳ אלול האָבען זיך געצויגען פון אַלע עקען שטאָדט הונדערטע און טויַ־זענדער אידען, מענער און פרויען, דער וועג איז געווען שוואַרץ פון מענ־שען, און רבנים און פאָלק׳ס רעדנער האָבען מספיד געווען פון דער בימה.

ביים אריינגאַנג צו די ברידערליכע קברים ביים שטיינערדיגען טויער אויבען, איז אויסגעקריצט אויף אַ גרויסען מאַרמאָרשטיין אַ מספד מר, וואָס ראָזענבלאַט האָט מחבר געווען, מיט נעמען פון די קדושים ווי פאָלגט:

עמדו עמודו,
השתחוו וקודו,
שלו נעליכם
מעל רגליכם,
על אדמת קדש,
תדרוכנה רגליכם.
—
פה טמורים
גבורים צעירים,
חבריה הגנה האבירים
נינים כבירים,
למכבים האדירים,
ל״ז בחורים יקירים,
המאירים ומזהירים
כשמשות בהירים,
הטהורים כספירים.
—
הם מסרו חיתם,
על כבוד אומתם,
ושפכו דמם ומררתם,
והפקירו את נשמתם,
בשביל אנשי קהלתם,
בה׳ אלול, תרע״ט.

ואלה הם מגנינו (עפ"י הא"ב):
אוליצקי, אליעזר בן שמואל,
ברענער, יעקב בן משה
בונימאוויטש, זאב בן יהושע
בליאשאוו, ברוך בן הרב ר' אהרן
גרויסמאן, אפרים בן חיים
גרעבין, יעקב בן אליהו
דוביצקי, שלמה בן זאב
האפפענהענדען, נחום בן אשר
הושאַנסקי, שמואל בן מענדעל
הירשקאָוויטש, יהושע בן יעקב
וועלעדניצקי, יעקב בן ליב
וועלעדניצקי, ישראל בן ליב
וואסער, אלחנן בן יעקב
כהן, זלמן בן טוביה
ליבענסאן, אברהם מרדכי
בן חיים מענדעל
לויפער, ישראל בן אלימלך

לעשצינסקי, אליהו בן מרדכי
מורמאן, ישעיהו בן ישראל
ספרא, דוב בן יעקב
עפּעל, מיכאל בן זאב
פאטיעווסקי, צבי בן חיים
קצב, אליעזר בן אברהם
קוראַנסקי, ישראל בן ישראל
קאַרטלין, אברהם בן יצחק
ראָזענפעלד, יעקב בן משה
שמוקלער, משה בן יהודה
שמוקלער, חיים בן יהודה
(שני אחים)
פאניטש, מאיר בן אהרן
(בן אחי) *)
הארטגלאס, י.
שני אחים ווערלינסקי
ועוד ששה ששמותיהם וכנויהם
בלתי נזכרים לגמרי.

*) ער ז"ל איז געווען א גרויסער מלומד און א בקי אין אידישע לימודים און אויך אין לימודי חוץ. ער האָט געענדיגט א קורס אויף אינזשינער. אין סערענסקי'ס צייטען, געווען אַן אָפיציר. ער איז אומגעקומען אויף קידוש השם אין עלטער פון 32 יאָהר איבערלאָזענדיג א פרוי מיט צוויי קינדער אין צאריצין.

אַ באַצאָהלטער נדר*)

אין פאַרלויף פון אַ דריי צעהנדליג יאָהר, אָנהויבענדיג פון 1901, ווען עס האָט זיך אָנגעהויבען די בלוטיגסטע תקופה פאַר אידען אין רוסלאַנד, זייט דעם ערשטען קישינעווער פּאָגראָם, דורכלעבענדיג שרעק אין אַלע שטעדט; דורכלעבענדיג 1905, ווען עס איז אַרויסגעגעבען געוואָרען דורך גראַף וויטע, (דאַן פּרעמיער־מיניסטער) די קאָנסטיטוציע, און דאָס עפענונג פון דער „גאַסודאַרסטווענע דומאַ" וואָס האָט אָפּגעקאָסט טויזענטער אידישע לעבענס און 700 רואינירטע אידישע שטעדט; דערנאָך דאָס דערשיסען פון סטאָליפּינען אין אָנוועזענהייט פון'ם „צאַר" און פאַמיליע אין קיעווער שטאָדט־טעאַטער, פון וואָס דאָס רוסישע יודענטהום האָט איבערגעלעבט מורא'דיגע טויט־שרעק, ווען מעסערס האָבען זיך געשאַרפט; דערנאָך דער ביילים פּראָצעס, די פינסטערע טעג, ווען אידען זיינען חדשים־לאַנג געשלאָפען אין זייערע מלבושים אויף די בוידעמער און אין די קעלערס און געפּיבערט פון שרעק און געציטערט צו ווייזען זיך אויף דער ליכטיגער שיין; נאָכדעם די בלוטיגע וועלט־מלחמה, ווען מען האָט אָנגעפילט קיעווער האָספּיטאַלס, קאַזאַרמעס, גימנאַזיעס, פאָלקס־שולען, וואָקזאַלען און סתם הייזער מיט צעהנדליגע טויזענטער פאַרוואונדעטע און גוסס'דיגע סאָלדאַטען, צווישען זיי, טויזענטער אידען, וועלכע זיינען אוועקגעריסען געוואָרען, קינדער פון זייערע עלטערען, חתנים פון זייערע כלות, מענער פון זייערע יונגע פרויען און פאָטערס פון זייערע קליינע קינדער; נאָכדעם די עשאַלאָנען פון צעהנדליגע טויזענטע פּליכטלינגע, וועלכע מען האָט עוואַקואירט פון די גרעניץ־שטעדט קיין טיעף רוסלאַנד, און אַלע האָבען געמוזט דורכגעהן קיעוו און אָפּשטעלען זיך פאַר אַ צייט ביז ס'וועט קומען אַן אָרדער פון דער רעגירונג פון אויבען; נאָכדעם די צעהנדליגע פאַר'משכנ'טע גאַליציאַנער אידען, צווישען זיי אדמורי"ם און רבנים, וועלכע זענען געפיהרט געוואָרען קיין סיביר דורך קיעוו; דערנאָך די רעוואָלוציע, ווען עס האָבען זיך געביטען רעגירונגען נאָך רעגירונגען דורך בלוטיגע פּאָגראָמען און שחיטות אויף אידען, ווי פעטליורא, דעניקין, קאָלטשאַק, באַלאַכאָוויטש און אַלערליי פּאַרטיזאַנישע און סתם באַנדעס, וואָס אידען זיינען אויסגעשטאַנען, די קרבנות וואָס זיינען געפאַלען אונטער דער פּוילישער און אפילו קאָמוניסטישער הערשאַפט.

---

*) אַ באַגריסונג פון קיעוו — רעד.

אַט אין דעם לאַנגען בלוטיגען פעריאָד, האָט הרב משה ראָזענבלאַט געדינט מיט מסירות נפש גאַנצע טעג און גאַנצע נעכט מיט איבערמענש־ליכע כחות צו ראַטעווען און העלפען אומגליקליכע אידען.

אויך ביי די באָלשעוויקעס האָט ער געוויזען מסירות נפש פאַר אי־דישקייט און נאַציאָנאַלע אידעאַלען. קיין „טשעקאַ" האָט איהם ניט אָפּ־געשראָקען, ער האָט געקעמפט מיט די יעווסעקען, ליגענדיג אין פינסטערען גרוב פון טשעקאַ.

צו באַשרייבען אַלע פּרטים, אַלע איינצעלהייטען פון משה ראָזענ־בלאַט'ס וואָהלטהאַטען און מסירות נפש צו רעטען מענשליכע לעבענס, וואָלט מען באַדאַרפט דרוקען אַ בוך פון טויזענטער און טויזענטער זייטען.

מיר ווייסען, אַז אין אַמעריקאַ געפינען זיך פיעל הונדערטער מענשען, וועלכע זיינען לעבעדיגע עדות פון זיינע וואונדערליכע טהאַטען.

אין נאָמען פון אַלע אונזערע ברידער און חברים, וועלכע זיינען אָפּגעשניטען פון דער לעבעדיגער וועלט, די פאַרשטויסענע און בארויבטע פון אַלע פרייהייטען, פאַרשלאָסענע אין אַן אָפּגעצוימטער „רויטער געטאָ", ניט וויסענדיג וואָס עס טהוט זיך אין דער נאַציאָנאַלער אידישער וועלט — זאָגען מיר ארויס די געפיהלען פון טויזענטער דאַנק־באַרע מענשען פאַר הרב משה ראָזענבלאַט'ס פאַרצווייגטער ארבייט אויף אַלע געביטען: פאַר אויפלעבונג פון העברעאיש, חנוך, קולטור, פאָלק און לאַנד; אויך אויף געזעלשאַפטליכע געביטען פאַר דעם כלל און פאַר יעדען פרט מיט גרויסע מענשליכע באַדייטענדע טהאַטען, וועלכע האָבען געראַטעט מענשליכע לעבענס אין צייט פון פּאָגראָמען, מלוכה־איבער־קעהרענישען, היסטאָרישע געשעהענישען, וועלכע אוקריינער אידען בכלל און קיעווער בפרט האָבען איבערגעלעבט אין דער בלוטיגסטער תקופה פון אונזער געשיכטע.

דאָס איז אַ באַצאָהלטער נדר וואָס מיר, אַ קליינע קיעווער גרופּע שריי־בען זיך אונטער אין נאָמען פון טויזענטער, און מיר בעטען ניט צו פאַר־עפענטליכען אונזערע נעמען איבער אַ פאַרשטענדליכער סיבה, דאָס איז אַ באַצאָהלטער נדר פון טויזענטער מענשען, וועלכע האָבען געשוואוירען צו געפינען אַ גינסטיגע געלעגענהייט אָפּצודאַנקען איהם פאַר זיין רעטונגס־ארבייט.

דאָ אין קיעוו געפינען זיך נאָך איינציגע פאַמיליעס וועלכע זיינען פאַר־בליבען פון די גאַליציאַנער פאַר'משכנ'טע, וועלכע דערצעהלען ספורי־נפלאות, ווי אַזוי הרב ראָזענבלאַט האָט געהאָלפען אָפּשטעלען טויזענטער פון זיי, אַז מען זאָל זיי ניט שיקען אין קאַלטען סיביר, וואָס דאָס וואָלט געווען פאַר זיי אַ זיכערער טויט. בלויז דורך זיין איינפלוס זיינען זיי

פארבליבען אין קיעוו אונטער זיין פארוואלטונג אין א ספעציעלען הויז פון 40 חדרים מיט אלע איינריכטונגען פון כשר'ע שפייז און געלעגערס, אויך מיט א שוהל און ספרים אין פארלויף פון 2 יאהר.

נאכ'ן ארויפזעצען פון צאר האט די ציטווייליגע רעגירונג זיי ערלויבט זיך אומצוקעהרען קיין גאליציע, אבער פיעל פון זיי זיינען פארבליבען אין קיעוו, ניט האבענדיג וואוהין זיך צוריקצוקעהרען, ווייל זייערע היימען זיינען רואינירט געווארען, איז זיי האט הרב ראזענבלאט איינגעארדענט מיט נייע היימען און מיט פרנסות.

מיר באגריסען אונזער ברודער הרב משה ראזענבלאט און מיר ווינשען איהם, אז אויך אין דעם נייעם לאנד, וואו ער איז נאך פרעמד, זאל ער אפגעשאצט ווערען ווי געהעריג איז, און עס זאל סוף כל סוף פארווירקליכט ווערען זיין טרוים, זיין לעבענס־אידעאל זיך צו באזעצען אין ארץ ישראל.

אש"ר, אבי שם, משולם, נתן, פרס



הרב משה ראָזענבלאַט, ווען ער איז
געקומען קיין אַמעריקא אין 1925.

משה ראָזענבלאַט נאָך דעם ערשטען
ציון קאָנגרעס אין באַזעל.

חיה שרה ראָזענבלאַט נ"ע — מוטער
פון יובילאַר.

צינה, אַ שוועסטער פון יובילאַר מיט
איהר מאַן מר יעקב וואָלף.

יעקב ראָזענבלאַט ז״ל —
אַ ברודער פון יובילאַר.

מר שלמה ראָזען — אַ ברודער
פון יובילאַר.

הרב יהודה אידל בארשצעווסקי פון
בריטשאן, מיט וועמען ראָזענבלאַט
האָט מיטגעאַרבייט.



אברהם חאלאדענקא, אַ חבר פון יובילאַר
די גרינדער פון העברעאיש שפּרעכענ־
דער אגודה „שפת ציון", אין קיעוו
אין 1902.

מאָטיל טשערניכאָווסקי, אַ חבר פון
יובילאַר, די גרינדער פון ביהכ"נ העברי
„יבנה", אין קיעוו אין 1903.

די „צעירי ציון" פון קארעץ, וואהלין, מיט זייער דעלעגאַט משה
ראָזענבלאַט פון דעם עלפטען ציון קאָנגרעס אין וויען, אין 1913.

הארא־שקער העברעער און לעהרער מיט הרב ראָזענבלאַט אַלס אינסטרוקטאָר.

„צעירי ציון" אַרעסטירט אויף אַ צוזאַמענפאָר אין קיעוו. זיי האָבען אָפּגע־
פּינסטערט 2 יאָהר אין סיביר און דערנאָך פאַרביטען
אויף א״י, יעצט דאָרטיגע חלוצים.

מר זאב הלוי בורשטיין, דער פּרעזידענט פון דער שוהל „בית יוסף" אין די בראָנקס,
וואו ראָזענבלאַט איז רב, און זיין פרוי חיה שרה.

דוד פוירלמאַן, פּרעזידענט פון סאטאנאָווער
בענעוואָלענט סאָסייעטי.

מר ומרת יעקב ראָזענבלאַט
ער איז סעקרעטאַר פון שוהל „בית יוסף" און זי
פּרעזידענטין פון ליידיס אָקזילערי.

ווichטיגע מאָמענטען אין דעם לעבען פון דעם יובילאַר

געשריבען פון זיין ברודער

סעם ראזען, פיטסבורג

אלס א ברודער פון דעם יובילאר, וועלכער האָט געלעבט מיט איהם צוזאמען פיל יאָהרען אין קיעוו, דערנאָך אין פיטסבורג, האָב איך זעהר פיעלעס צו דערצעהלען וועגען זיין פאָלקס ארבייט אויף אלע געזעלשאפט־ליכע און נאציאָנאלע געביטען. אונזער פארשטאָרבענער יונגער ברודער יעקב ראָזענבלאט (וועלכער איז געווען א באגאבטער שרייבער און דיכ־טער, און פון די ערשטע פיאָנערען פון דער העברעאישער באוועגונג אין אמעריקא) און איך — דער שרייבער פון דיזע ציילען — האָבען מיר זעהר פיל געלערענט פון אונזער עלטסטען ברודער משה ראָזענבלאט אין נאציאָנאלען און געזעלשאפטליכען זין.

עס וואָלט פארנומען זעהר פיל פלאץ, ווען איך זאָל וועלען באשריי־בען אלע פרטים און איבערלעבונגען און זכרונות, וואָס מיר זיינען געווען לעבעדיגע עדות. איך וועל זיך אָבער נאָר באנוגענען מיט קורצע שטריכען און שפּריצען.

1. ער איז געווען דער גרינדער פון יונגע ציוניסטישע אָרגאניזא־ציעס פון קיעוו. ער האָט צענטראליזירט די לערן־יוגענד אונטער דער פאָהן פון „תרבות". ער איז געווען דער וועגווייזער און דער לעהרער פון סטודענטישע גרופּען.

2. ביי אונז אין קיעוו איז ראָזענבלאט געווען א לעבעדיגער אדרעס פאר אלע אידישע ענינים. אז עס זיינען געקומען צו פאָהרען קיין קיעוו אידישע עסקנים, שתדלנים פאר כלל ישראל, זיי האָבען ניט געוואוסט וואו עס עפענט זיך א טהיר, האָט מען זיך געווענדעט צו ראָזענבלאט, און ער האָט שוין געוואוסט אלע וועגען און אלע מיטלען די זאַך אויסצופיהרען. אז עס זיינען געקומען מגידים, משולחים, רבנים, סופרים ומחברים קיין קיעוו, איז ער געווען דער לעבעדיגער אדרעס. סירקולארען פון אלע אידישע מרכזים, אָנהויבענדיג פון רבנו שמואל מוהיליבר זצ"ל און זיין סעקרעטאר הרב יצחק ניסנבוים ביז דער ראש המזרחי רבנו יצחק יעקב ריינעס זצ"ל, און איינצייט פון מרכזים פון אלגעמיינע ציוניסטען פון ברלין, פון קעלן, פון וויען, האָבען געפליסט צו ראָזענבלאט'ן.

ווען ביאליק מיט זיין פרוי מאניא פלעגען קומען קיין קיעוו, אָדער

דר. קלויזנער מיט זיין פרוי, פאניא, און אנדערע לעקטארס אויף העברע־איש, איז ראזענבלאט מיט זיינע תלמידים געווען דער הויפט מחותן. ווען בן אב"י מיט זיין פרוי לאה זיינען געקומען פון ירושלים קיין קיעוו, איז דאס געווען א חתונה וואך, ער מיט זיינע תלמידים, די סטודענטען און סטודענטקעס פון די שעורי ערב, האבען געשפאצירט אויף שיפלאך איבערן דניעפר אין סלאבאדקער וואלד, און דארט, נאך א סעודה אונטער דעם פרייען הימעל, געמאכט א קאראהאד פון טענץ און שירי ציון.

מיר האבען נאר וואס דערמאנט דעם נאמען פון ביאליק'ן. ח. נ. ביאליק מיט זיין פרוי מאניע פלעגען זיין אפטע געסט אין קיעוו, ווייל זיין שווער, א פראמינענטער בעל הבית, מר. שבח אויערבאך, האט גע־וואוינט אין קיעוו. זיין וואוינונג איז געווען אין שכנות פון ראזענבלאט'ן, אויף קוזניעטשנא גאס. ביאליק פלעגט זיין אן אפטער אריינגעהער צו ראזענבלאט'ן אין הויז, וואו ער האט שטענדיג געפונען העברעאישע צייטונגען און זשורנאלען. ראזענבלאט פלעגט אויסנוצען ביאליק'ן צו פאר־שיעדענע ציוניסטישע און קולטורעלע ארבייטען, צו ערמוטיגען די סטו־דענטישע יוגענד און די ארבייטער יוגענד אויף זיינע שעורי ערב — פלעגט ער איהם ברייננגען צו זיי רעדען וועגען די וויכטיגקייט פון דער העברעאי־שער שפראך און קולטור. ביאליק האט זיך זאגאר פאטאגראפירט מיט די סטודענטען תלמידים מיט ראזענבלאט'ן. כדי צו שטארקען די העברעאי־שע לעהרער אין דער הסתדרות המורים, פלעגט ביאליק צוזאמען מיט לע־ווינסקי'ן ע"ה און יבדל לחיים רבניצקי שיקען צו זייערע באראטונגען און צוזאמענפאהרען באגריסונגס בריעף און טעלעגראמעס, כדי צו טרייסטען די לעהרער פליכטלינגע וועלכע זיינען געהאלטען געווארען און געשפייזט געווארען אין א קאלאניע אין בויארקא — האט ראזענבלאט איהם גענו־מען אויף א רייזע פון קיעוו קיין בויארקא, און ער האט ווירקליך ערמו־טיגט די פליכטלינגע מיט זיין באזוך און מיט זיין רעדע, כדי צו שטאר־קען די עלטערען פון די קינדער, וועלכע האבען עקספעראמענטירט מיט זייערע קינדער, איבערגעבענדיג זיי אין די גני ילדים עברים, וועלכע זיי־נען געווען דאמאלס א נייע ערשיינונג אויף דער אידישער גאס, און מען האט זיך באצויגען דאצו מיט צווייפעל — האט ראזענבלאט געבראכט ביאליק'ן צו ערקלעהרען די וויכטיגקייט פון זיי. אזוי ארום האט ביאליק געשטארקט זיינע הענד אין די ארגאניזאציעס און אין אלע זיינע אונטער־נעהמונגען.

ווי אזוי מען האט געקוקט אויף ראזענבלאט'ן ווי אויף א געזעלשאפט־ליכען אידישען אדרעס אין קיעוו — קאן באווייזען דער פאלגענדער פאקט:

אין דער צייט פון די בלוטיגע געשעהענישען אין אוקראינא, ווען עס האבען זיך געביטען די רעגירונגען אלע חודש, און זאגאר מאנכע מאל

וואַכען, און יעדעס מאָל האָבען אויסגעבראָכען אידישע פּאָגראָמען, זיינען דאַמאָלס אידען געלאָפען צום דניעסטער, זיך אריבערצוכאַפּען קיין רו־מעניע, פיעלע אַנטלאָפענע, וועלכע האָבען באַצאָהלט די גוים פון די נאָ־הענטע דערפער, זיי אריבערצופיהרען ביינאַכט אין שיפלאַך — זיינען דורך די גוים בארויבט געוואָרען און אָפטמאָל אפילו אריינגעוואָרפען גע־וואָרען אין דניעסטער צו פאַרדעקען זייערע פאַרברעכענס.

פיעלע פון די אונגליקליכע, וועלכע עס איז געלונגען צו ראַטעווען זיך, האָבען זיך קאָנצענטרירט אין די קליינע שטעדטלאַך ביים דניעסטער, און עס האָט אויסגעפעהלט שפּייז און דירות פאַר אַלעמען. די שוהלען און תלמוד תורות זיינען געווען באַזעצט פון זיי. עס האָט ניט געסטאַיעט קיין ברויט און קיין שפּייז. עס האָט אויסגעבראָכען אַן עפּידעמיע, און גאַנצע פאַמיליעס זיינען אויסגעשטאָרבען. די אונגליקליכע עמיגראַנטען־פּליכטלינגע האָבען זיך גענויטיגט אין גיכע הילף. איבערהויפּט איז דאָס געשעהן אין די גרעניץ־שטעדטלאַך קאַמענקא און פעסטשאַנקא.

די ערשטע וועלכע האָבען זיך אָפּגערופען אויף דעם וועה־געשריי צו געבען הילף, זיינען געווען די אדעסער חברים, מיט חיים נחמן ביאַליק און משה קליינמאַן בראש. זיי ביידע זיינען אויך אריינגעפאָהרען קיין קיעוו צו אָרגאַניזירען הילף פאַר די פליכטלינגע ביים דניעסטער. זיי האָבען גערעכענט זיך אָפּצושטעלען אין קיעוו אויף עטליכע שטונדען, און פון דאָרט באַלד פאָהרען קיין מאָסקווא, איז צו וועמען ווענדעט מען זיך, אויף צו מאַכען שנעל, אויף גיך, אַ מיטינג פון דער קיעווער „פּני״? פאַרשטעהט זיך צו ראָזענבלאַט׳ן, זיי זיינען פונ׳ם וואָגזאַל פאַרפאָהרען גלייך צו ראָ־זענבלאַט׳ן, און ער איז ארומגעלאָפען, ווי אַ קוריער, איבער גאַנץ קיעוו און האָט „צונויפגעבראַכט״ די „פּני״ פון דער שטאָדט אין דער ציונים־טישער שוהל „כנסת ישראל״, וואָס ער האָט אויסגעבויעט און אָנגעפיהרט, און עס איז געגרינדעט געוואָרען אַ „דניעסטער קאָמיטעט״, אויף דער פער־זאַמלונג איז באַלד געזאַמעלט געוואָרען אַ היבשע סומע געלד און איבערגע־שיקט געוואָרען טעלעגראַפיש פאַר די פליכטלינגע. נאָך דעם זעלבען טאָג איז ביאַליק און קליינמאַן אָפּגעפאָהרען קיין מאָסקווא.

צו ערגענצען די געלד־זאַמלונגען איז געקומען אין אַ פאָר וואָכען ארום דער באַוואוסטער עסקן און העברעער מר. מירענבערג פון סאַראַטאָוו, און מיט ראָזענבלאַט׳ס ווירקונג איז די געלד־זאַמלונג געווען אַן ערפאָלג.

3. ווען דער חזן ליב גלאַנץ איז נאָך געווען אַ יונגער בחור, האָט ער געגרינדעט אַן אגודה אין קיעוו פון יונגע בחורים מיט דעם נאָמען „הצפירה״. געוויינטליך האָט מען גערופען צו דער ערעפענונג פון דער נייער אגודה משה ראָזענבלאַט׳ן, ער זאָל זיין דער מורה דרך, דער טאָן־געבער און וועגוויייזער, וועלכער האָט דאָס גלענצענד דורכגעפיהרט. שפּע־

טער איז געגרינדעט געוואָרען אַ צווייטע אגודה פון יונגע בחורים מיט דעם נאָמען „השחר". די רוב מעמבערס פון די אגודות זיינען געווען תלמידים פון די שעורי ערב, וואָס ראָזענבלאַט האָט געגרינדעט אין אַלע עקען שטאָדט קיעוו, פאַר וועלכע ער האָט אָפּגעגעבען טעג און נעכט און ריזען ענערגיע.

4. אַלס ארויסהעלפער האָט ער געהאַט צוויי סטודענטען, זיינע איי־בערגעגעבענע תלמידים און פריינד, זאב זעליקין און ישעיהו פיסארעווסקי. דער ערשטער זיינער אַ לאַנג יאָהריגער תלמיד, און דער צווייטער איז געווען זיינער אַ תלמיד אויף רעדען העברעאיש, צייט ווען ער איז געווען זיין געהילפס־סעקרעטאר אין הסתדרות לשפה ולתרבות העברית. די צוויי סטודענטען האָבען שטענדיג געלעקטשורט ציוניזם אין די יונגע אגודות, האָבען ענטוויקעלט דעם נאַציאָנאַלען געדאַנק צווישען דער יוגענד. אין יענער צייט זיינען געשטאַנען אין שפּיץ פון אַלגעמיינע ציוניסטען אין קיעווער גליל: אינזשינער מ. נ. סירקין, הלל זלאטאפאלסקי, דר. י. א. סלאָנים און אינזשענער גאנאפאלסקי און ראָזענבלאַט אַלס סעקרעטאר. זעליקין און פיסארעווסקי האָבען דאַמאָלס געצייגט צו די אַלגעמיינע ציוניסטען פיעל קריטיק און „רעוויזיאָניזם". נאָך זייערע רייד טהוען זיי ניט גענוג פאַר ציוניזם, און אַז זיי דאַרפען אָפּטרעטען דעם פּלאַץ פאַר די יונגע ציוניסטען, וועלכע האָבען מעהר צייט און ענערגיע און מעהרערע פרישע כחות. זיי האָבען געגרינדעט אַ ציוניסטישע אגודה פון יונגע מענשען מיט דעם נאָ־מען „עת לבנות", און האָבען אָנגעהויבען פיהרען אַ קאַמף מיט די אַלגע־מיינע ציוניסטען. זיי האָבען ארויסגעקראָגען פון דר. באַדאנהיימער, דאַן דער ראש פון קרן קימת אין קעלן, אַ באַפולמעכטיגונג אָנצופיהרען מיט דעם קיעווער מרכז פון קה"ק, און קאָנקורירט מיט די באַקסעס און מיט דער אר־בייט געגען דר. סלאָנים, וועלכער איז געווען דער ראש פון קיעווער מרכז פאַר קה"ק. אַזוי האָבען זיי אָנגעהויבען קאָנקורירען מיט דעם פאַרקויף פון שקלים און מיט פּראָפּאַגאַנדישע אספות און חגיגות. זיי האָבען אריינ־געצויגען אין דעם „עת לבנות" די צוויי אגודות „הצפירה" און „השחר", וועלכע זיינען במחשבה תחלה געגרינדעט געוואָרען אַלס קולטורעלע גרו־פּען אויף צו רעדען און לייענען העברעאיש און זיי האָבען זיי ציוניזירט און עס איז געוואָרען אַ שטאַרקע אָפּאָזיציע געגען די אַלגעמיינע ציוניס־טען, און די מלחמה האָט זיך צופלאַקערט.

און דאָ הויבט זיך אָן אַן אינטערעסאַנטער מאָמענט. זעליקין און פי־סארעווסקי האָבען געשיקט אַן אולטימאַטום צו ראָזענבלאַט'ן, אַז ער זאָל אויסקלייבען איינעם פון די צוויי וועגען: אָדער ער זאָל רעזיגנירען פון סעקרעטאריאט פון די אַלגעמיינע ציוניסטען, וועט ער דאַן קענען בלייבען אַלס לעהרער און גרינדער פון די יוגענד אָרגאַניזאַציעס, אָדער ער זאָל

רעזיגנירען פון די יוגענד אָרגאַניזאַציע ווען ער וויל בלייבען ביי די אַל־געמיינע ציוניסטען. ראָזענבלאַט האָט דאַן געענטפערט, אַז ער זעהט ניט איין קיין סתירה אין זיין ארבייט, ווען ער ארבייט ביי די אַלגעמיינע ציו־ניסטען און אייגציייטיג העלפט ער צוזאַמענצוקלייבען יונגע כחות און זיי אָרגאַניזירען ארום דעם נאַציאָנאַלען געדאַנק, און ער האָט געענטפערט, אַז ער וויל ניט רעזיגנירען פוןביידע קלאַסען, און ער בלייבט ארבייטען ביי ביידע אָרגאַניזאַציעס.

5. דאַן האָבען זעליקין און פיסארעווסקי באַשלאָסען — ווען ער וויל ניט רעזיגנירען — א ו י ס צ ו ש ל י ס ע ן ראָזענבלאַט'ן פון „עת לבנות" און אויסשליסען קאָן מען נאָר ביי אַן עפענטליכען משפט.

דער משפט אויף ראָזענבלאַט'ן

זיי האָבען גערופען א געגעראַלען גרויסען מיטינג פון אַלע יונגע אגודות פון: עת לבנות, צעירי ציון, הצפירה, השחר, א. א. וו. דער מי־טינג איז געווען גוט באַזוכט פון א 200 בחורים און מיידלאַך, און איז געווען זעהר שטורעמדיג. זעליקין און פיסארעווסקי זיינען געווען די פאָר־זיצער און שופטים זיינען געווען פאָרשטעהער פון יונגע אגודות, און ראָ־זענבלאַט איז געזעסען אויף דער ב אַ ש ו ל ד י ג ו נ ג ס באַנק. ער האָט זיך ענטזאָגט פון א פאַרטיידיגער, ער האָט געמאָלדען אַז ער וועט זיך אַליין פאַרטיידיגען.

די שולד וואָס איז איהם געוואָרפען געוואָרען, אַז מיט זיין אר־בייט פאַר די „פּוילענצער" טוידט ער אוועק דעם ציוניזם, ווייל זיי זיינען יוצא מיט זיין ארבייט ווען זיי אַליין טהוען גאָרניט, געפינען זיי אַז דאָס איז „פאַרברעכעריש" צו בלייבען אין זייער לאַגער.

ראָזענבלאַט האָט מיט שטאַרקע ארגומענטען איבערגעוויזען, אַז עס איז פאַרברעכעריש אוועקצומאַכען מיט דער האַנט א גאַנצען דור, נאָר דערפאַר ווייל זיי זיינען עלטער אין יאָהרען. געוויינטליך, יונגע בחורים און מיידלאַך האָבען מעהר צייט און מעהר ענערגיע, תבא עליהם ברכה, זאָלען זיי מעהר אַרבייטען, אָבער אחד המרבה ואחד הממעיט ובלבד שיכון את לבו לשמים. מיר דאַרפען האָבען א גאַנץ פאָלק, ניט קיין האַלב פאָלק, ווי משה רבנו האָט געצייגט: „בנערינו ובזקנינו נלך", ער האָט טאַקע פריהער דערמאָנט „בנערינו" ווייל ער האָט געשעצט זייערע כחות, אָבער ער האָט אָבער ניט ארויסגעלאָזט דעם „ובזקנינו".

מען האָט ראָזענבלאַט'ן געהייסען געהן א היים, מען וועט איהם מעלדען דעם באַשלוס פונ'ם משפט מאָרגען. א גאַנצע נאַכט ביז אין ווייַ־סען טאָג האָבען מיר זיך געאַמפּפערט און געראַנגעלט, קולות האָבען גע־שפּאַלטען די לופט, און דערנאָך האָט מען געצעהלט די שטימען דורך א

ראל קאל, און דער רעזולטאט איז געווען אז מעהרער פון 190 זיינען געווען אויף ראזענבלאט'ס זייט, און קארגע 10 מיט זעליקין און פיסארעווסקי זיינען געווען אויף אויסצושליסען.

אנטוישטע פון דעם רעזולטאט האט זעליקין און פיסארעווסקי רעזיג־נירט פון דער יוגענד ארגאניזאציע. סטודענט משה לוריע האט די 190 ארגאניזירט אונטער דעם פלאג פון „צעירי ציון". און זעליקין און פיסא־רעווסקי האבען געגרינדעט א נייע ארגאניזאציע מיט דעם נאמען „דרור". וואס שפעטער איז געווארען בין איך ניט אויסען צו דערצעהלען. מיין ציעל איז דא צו צייגען ווי ווייט ראזענבלאט איז געווען באליבט ביי דער קיעווער יוגענד אלס תלמידים און יונגע חברים.

דער טריאומף צוג צום און פון דעם ציוניסטישען קאנגרעס

6. איך וויל אונטערשטרייכען א וויכטיגען מאמענט וועגען דעם טריאומף צוג צום און פון דעם ציוניסטישען קאנגרעס. פאר דער מלחמה־צייט, ווען רוסלאנד איז נאך ניט געווען איינגעצוימט אין אייזערנעם שלאס, ווען מענשען האבען זיך באוואויגען פריי, געאטעמט פריי, גערעדט פריי. העברעאישע און אידישע צייטונגען און ביכער, אויסגאבען, האבען ערשינען טאג איין, טאג אויס, האט דאן דער ציוניסטישער גערדאנק ווי א שטראם פון לעבען ארייגעפליסט אין אלע אידישע שטעדט און שטעדטלאך אין רוסלאנד. עס האבען זיך גרופירט מענשען אין אגודות, צוזאמענגעקו־מען עטליכע אבענדען אין וואך, געלעזען בצבור ציוניסטישע אויסגאבען, סירקולארען פון די מרכזים, געגרינדעט לעזע זאלען, ביבליאטעקען, ציוניס־טישע שוהלען און מנינים, פון וואנען מען האט געהערט דרשות און רע־פעראטען, געגרינדעט חדרים מתוקנים, גני ילדים עברים און גימנסיות עבריות.

די רוסישע ציוניסטען, דעלעגאטען צום ציון קאנגרעס, וועלכע זיינען געווען דער בוימעל און זעמעל מעהל פון דער באוועגונג, האבען מיט זייער אוועקפאהרען צום קאנגרעס און מיט זייער צוריקקומען פונ'ם קאנ־גרעס ארייננעפיהרט א יום טוב'דיגע שטימונג אויף דער אידישער גאס. פיעל דעלעגאטען פלעגען זיך טרעפען ביי דער גרעניץ אין ווארשא ביים וויענער וואקזאל, אדער אין וואלאטשיסק אין קראקא־לעמבערגער ליניע, און מען האט אפגענומען איין וואגאן, און מען האט געלעבט א גאנצען וועג אין א ברודערליכער אטמאספערע, צוזאמען געגעסען און געטרונקען, געשמועסט וועגען די פראגען וועלכע שטעהען על הפרק, און געזונגען שירי ציון, און אויב עס זיינען געווען אויך יוגענד פון די צעירי ציון אדער פון די פועלי ציון, פלעגען זיי ארייכאפען א טענצעל. פון די גאליציאנער שטעדטלאך פלעגען יונגע בחורים ארויסקומען צום וואקזאל באגעגענען די דעלעגאטען מיט התקוה, דאס איז געווען א טריאומף צוג צום קאנגרעס

און פונ׳ם קאָנגרעס.

איך ציטיר אַ קאָרעספּאָנדענץ וואָס איז געדרוקט געוואָרען אין טאָג־בלאַט „טעלעגראַף״ וואָס איז אַרויסגעגאַנגען אין קיעוו, אונטער דער רעדאַקציע פון אינזשענער סירקין, וואו עס ווערט באַשריבען פון דעם שטעדטעל קאָרעץ, וואָלינער גובערניע, וועגען דעם טריאומף צוג פון זייער דעלעגאַט, משה ראָזענבלאַט, וועלכער איז געשיקט געוואָרען צו דעם ציוניסטישען קאָנגרעס, ווען ער איז צוריקגעקומען אָפּצוגעבען אַ באַריכט פונ׳ם קאָנגרעס:

„מיר האָבען געהאַט דעם כבוד צו שיקען אַלס דעלעגאַט צום ציון קאָנגרעס פון אונזער שטעדטעל קאָרעץ אונזער עלטערען חבר און פריינד משה ראָזענבלאַט פון קיעוו, כדי צו דעקען די הוצאות האָבען מיר זיך צונויפגערעדט מיט אונזער שכנות׳דיג שטעדטעל הורודניצא, מיט דעם יו״ר פון דער דאָרטיגער ציוניסטישער אגודה מר. גדליה חריף, מיר זיינען געווען אַן אגודה פון יונגע בחורים, וועלכע האָבען ערשט געוואָלט זיך באַקענען מיט דעם ציוניסטישען געדאַנק און ווען עס האָט דערגרייכט צו אונזערע אויערען דער נאָמען ראָזענבלאַט אַלס אַ לעהרער און אַן אָנפיהרער פון דער לעהר יוגענד אין קיעוו, האָבען מיר איהם אויסדערוועהלט אַלס אונזער דעלעגאַט. און ניט פאַרגעסען וועט זיין די גרויסע וואָך, ווען אונזער דעלעגאַט איז געקומען אין אונזער שטעדטעל אָפּגעבען אַ באַריכט, דאָס איז געווען אַ חתונה וואָך, אַ שבעת ימי המשתה. אונזער שטעדטעל איז ווייט פון אַ באַהן צוג, קומען צו אונזער שטעדטעל פון דער גרויסער וועלט דאַרף מען קומען פון ראוונא מיט אַן אויטובאַס, פאַהרענדיג עטליכע שטונדען ביז אונזער שטעדטעל. מיר האָבען געוואוסט אויף פאָראויס, ווען אונזער דעלעגאַט קומט אָן מיט דעם צוג קיין ראוונא, זיינען מיר אַרויסגעפאָהרען אַ צעהנדליג יונגע בחורים צו באַגעגענען אונזער דעלעגאַט. פון די עלטערע ציוניסטען איז געפאָהרען דער פּרעזידענט פון דער אגודה, דער באַוואוסטער אידישער משכיל און העברעאישער דיכטער משה שפּירא ע״ה, (אַ קוזין פון ד״ר חוה שפּירא — אם כל חי). מיר האָבען דעם גאַסט גע־בראַכט אין דעם האָטעל פון ה׳ ליטוואַק — אַליין אַן איבערגעגעבענער ציוניסט.

ביים באַריכט איז די גרויסע שוהל געווען געפּאַקט. קינד און קייט, אַלט און יונג פון דעם שטעדטעל זיינען געווען אַנוועזענד, אפילו דער 80 יאָהריגער אַלטער רב ר׳ נחמיה הירשענהאָרן איז געקומען. נאָר דאָס גאַנצע שטעדטעל האָט גע׳יובל׳ט אַלע אָוועגדען אין ליטוואַק׳ס האָטעל. מען האָט געבאַנקעטעוועט, געזונגען און געטאַנצט אין קאַראַהאָדען פון די האַרציגע שירי ציון און פאָלקס לידער. דערנאָך האָבען מיר געדונגען פוהר־לאָך, איהם אָפּגעפיהרט קיין האַראָדניצע, וואו עס האָט זיך דאָרט ווידער־

האַלט דער גרויסער יום טוב און שמחה. צוריקפאָהרענדיג האָבען מיר הן קאריצער און הן האראדניצער חברים איהם באַגלייט מיט דעם אויטאבוס ביז ראוונא, פון וואנען ער איז אָפּגעפאָהרען קיין קיעוו, און דער גאַנצער וועג איז געווען פול מיט געזאַנג און טריאומף.

מ. זילבערמאַן"

7. און דאָ דאַרף געזאָגט ווערען אז ראָזענבלאַט פלעגט יעדעס מאָל פאָהרען אַלס אַ דעלעגאַט פון אַנדערע שטעדט, וועלכע עס איז אין זיי נאָך קיין ציוניזם ניט געווען, וועלענדיג דערמיט שאַפען און פארשפּרייטען דעם ציון געדאַנק. פיעל וואָלטען געקאָנט דערצעהלען פון די טריאומף־צוגען פון זיין ערשיינען אַלס אַ דעלעגאַט פון די ציון קאָנגרעסען די שטעדט־לאַך פון בעסאַראביע: בריטשאַן, יעדיניץ און סאראקי, און באזונדער וואָלטען געקאָנט דערצעהלען די אידען פון דעם גרעניץ שטעדטעל קופּין פאָדאָליער גובערניע, ווי דער באוואוסטער ציוניסט און העברעער מר. אהרן וויינבוים ע"ה איז געווען דער פרעזידענט און פיהרער. דאָרט איז ער גע־ווען דעלעגאַט פון 2 קאָנגרעסען.

8. דעם זעלבען גייסט פון אויפלעבונג האָט ראָזענבלאַט אריינגע־בראַכט ווען ער איז געפאָהרען אַלס סעקרעטאר פון „מרכז התרבות" אין רוסלאנד, ווען ער האָט באזוכט שטעדט און שטעדטלאַך, און האָט געהאַל־טען העברעאישע רעדעס אין עפענטליכע פּלעצער ווי זשיטאָמיר, אומאַן, פאַסטאָוו, האראשקי, וואכנאָווקא, טעפליק א. א. וו.

זיין בעסטער פריינד און מיטארבייטער אין תרבות און אין הסתדרות המורים און אין ארויסגעבונג דעם „קול המורה", דער העברעאישער דיכ־טער יעקב קפלאַן פון זשיטאָמיר, האָט אין „הצפירה" באשריבען די יום־טוב'דיגע שטימונג אין דעם שבת פון תרבות, וואָס האָט געהערשט אין זשיטאָמיר ווען ראָזענבלאַט האָט דאָרט באזוכט.

זיין לעבען און די אַטמאָספערע פון זיין הויז, און אויסער די הויז, איז געווען ביבליש ווי אין חזקיה'ס צייטען. די ווענט פון זיין הויז זיינען געווען באהאנגען מיט ארץ ישראל בילדער, מיט די פּאָרטרעטען פון די גדולי ישראל פון מונטיפיורי ביז ר' שמואל מוהיליבר, פון דר. הרצל, דר. נורדוי ביז וואָלפסאָן און ווייצמאַן, פון שמואל יוסף פין, חז"ם, סמאָלענס־קין, מאפו, ביז סאָקאָלאָוו, ביאליק, טשערניחאָווסקי, פרישמאַן, פון די קאָנגרעסען פאָטאָגראַפיעס ביז די רוסישע צוזאַמענפאָהרען. חתונה גע־האַט האָט ער מיט אַ פרוי וואָס איז אַ ציוניסטין און העברעערין. קינדער האָט ער אַ נאָמען געגעבען נאָך די גדולי ישראל, נאָך הרצל, נאָך לעווינסקין נאָך מאַנדעלשטאַמען אויך עזרא ונחמיה.

אויפגעהענדער שטערן

9. אויף מיין זכרון קומט ארויף אַ זעהר אינטערעסאַנטע עראינע־

רונג, ממש אַן אידיליע פון דער גוטהאַרציגקייט פון דעם יובילאַר און זיין הכנסת־אורחים.

משה ראָזענבלאַט איז מיט זיין פאַמיליע צוריק מיט אַ 25 אָדער 30 יאָהר (גענוי דעם דאַטום געדענק איך ניט) איז אַרויסגעפאָהרען פון קיעוו זיך צו באַזעצען אין אַ זומער פּלאַץ קיין בויערקע, ווייל אַלע זיינע העברע־אישע שילער, קינדער פון גבירים, האָבען זיך באַזעצט אין די שעהנע דאַ־טשעס אין דעם וואונדערליכען סאָסנאָווע וואַלד פון בויערקע. ניט קע־נענדיג וואוינען, לויט זיינע לעהרערישע אומשטענדען, אין בויערקע, האָט ער געדונגען ביי אַ פויער אין נאָהענטען דאָרף באַדאַיאָווקע אַ צימערל מיט אַ קליינע קיך. די מעבעל זיינען געווען צונויפגעלייגטע בעטען, אַ טישעל און אַ פּאָר ביינקלאַך. אין קיך איז געווען אַריינגעקלאַפּט אין דעם ערדענעם פלאָר 4 דרוקעס, אויף זיי אַ ברעט פאַר אַ טיש, און 4 קליינע דריקלאַך, אויף זיי אַ ברעט פאַר אַ באַנק אויף צו זיצען. שפּענדלאַך האָט מען גע־קליבען אין וואַלד, און אין אויווען האָט זיך געקאָכט קאַרטאָפעל און גע־זאָטען טעה.

אַלע אָוונד ווען ראָזענבלאַט איז געקומען פון דער אַרבייט פלעגט זיין אין דעם קליינעם ערדענעם שטיבעלע מיט דעם שטרויענעם דעכעל הלולא וחנגא. אויף דעם טיש האָט זיך געוויכערט אַ לעמפּעל מיט קעראָסין, און די לעהרער פון תלמוד תורה, וואָס איז איינגעאָרדענט געוואָרען אין בויערקע זיינען געקומען פאַרברייננגען דעם אָוונד מיט איהם, מיט ליב דוקלער, דעם בויערקער שוחט׳ס זוהן אין שפּיץ, וועלכער איז געווען אַ פאַר־ברענטער ציוניסט און חובב שפ״ע, ער האָט דאָס טאַקע די ת״ת געגרינ־דעט. מען האָט געגעסען געבראָטענע קאַרטאָפעל, פאַרטרונקען מיט טיי, גע־זונגען שירי ציון און געטאַנצען אַ טענצעל אַרום דעם טיש. אַלע שקצים און שיקסעס פון דאָרף האָבען באַלאַגערט די פענסטער און מיטגעפּלעסקעט מיט די הענט.

ויהי היום, אַ הייסער זומער טאָג, איז ראָזענבלאַט גע־גאַנגען אויף דעם בויערקער וואָקזאַל. עס איז דאַמאָלס קיי־נער דאָרט ניט געווען. אַלע זיינען געווען אין טיפען וואַלד, האָט ער דערזעהן שטעהן אַ אידען, אַ יונגענמאַן מיט אַ שעהן אינגעלע פון אַ יאָהר 8 מיט אַ פידעל אין די הענט. די צוויי פרעמדע האָבען זיך דער־נעהנטערט צו ראָזענבלאַט׳ן און מיט אַמאָל אויסגעגאָסען זייער האַרץ. זיי קומען פון אַ קליין שטעדטעל, וואו מען באַוואונדערט דאָס קינד אַז ער קען זיין אַ געניאַלער פידעל שפּילער און אַלע האָבען איהם געראַטען פאָה־רען קיין קיעוו זיך דאָרטען צו זעהן מיט אידישע מעצענאַטען, מען וועט איהם געוויס אַריינגעבען אין קאָנסערוואַטאָריע אויף זייערע הוצאות. זיינען זיי געקומען קיין קיעוו, האָט מען זיי געמעלדעט אַז קיינער פון די

גבירים זיינען ניטאָ אין שטאָדט, אַז אַלע זיינען אין בויערקע, האָבען זיי זיך געוואָלט דערווייל אויסרוהען אין קיעוו, האָט מען מורא געהאַט זיי אריינלאָזען נעכטיגען אַלס וואוינרעכטלאָזע אידען, האָט מען זיי געראַטען אַז זיי זאָלען באַלד אָפּפאָהרען קיין בויערקע, וואו די מעצענאַטען געפינען זיך. זיינען זיי געקומען נאָך אין דער פריה אהער מידע, הונגעריקע, דורשטיגע און קיינער פון די דאַטשניקעס האָט ניט קיין פּלאַץ פאַר די פרעמדע „געסט". אלזאָ, דערזעהענדיג ראָזענבלאַט'ן פרעגען זיי זיך אָן ביי איהם, פיליכט ווייסט ער פון אַן האָטעל אָדער אַ פּריוואַטען חדר, וואו זיי זאָלען זיך קענען אָפּרוהען און אָפּעסען.

באַלד האָט זיי ראָזענבלאַט געבראַכט צו זיך אין דאָרף בודאיאווקאַ, אין דעם פּויערשען שטיבעלע, וואו עס איז באַלד אויסגעוואַקסען אויפ'ן טיש קעז, פּוטער, קאַרטאָפּעל און טיי און די צונויפגעלייגטע בעטען זיינען צונומען געוואָרען, וואו זיי זיינען זיך אויסגעשלאָפען, און אין דער זעלבער צייט וואָס זיי זיינען געשלאָפען, האָט משה ראָזענבלאַט זיך געזעהן מיט די גראַנד דאַמען פון קיעוו, וועלכע זיינען געווען אין בויערקע, מיט מאַדאַם ליסים, וועלכענס מאַן איז געווען דער מענעדזשער פון מיליאָנער בראָדסקי, אין שפּיץ. ער האָט געפיהרט דעם פּאַטער שאול עלמאַן מיט דעם קינד צו זיי זיך באַקאַנען, זיי באַוויזען זיין קענטעניש אין שפּילען.

די דאַמען האָבען באַלד איינגעאָרדענט אין גרויסען זומער טעאַטער פון בויערקע אַ קאָנצערט מיט דעם נאָמען פון אַ וואונדער קינד מ י ש אַ ע ל מ אַ ן . דעם קאָנצערט האָבען באַזוכט אַלע מיליאָנערען. דער אָוונד האָט אריינגעטראָגען אַ גרויסע סומע געלד, אָבער דער הויפּט איז אַז מען האָט פאַר איהם איינגעצאָהלט אין קאָנסערוואַטאָריע און עס איז אויסגעוואַקסען דער א ו י פ ג ע ה ע נ ד ע ר ש ט ע ר ן דער וועלט באַריהמטער מ י ש אַ ע ל מ אַ ן .

10. יעצט וויל איך איבערגעהן צו דער צייט ווען משה ראָזענבלאַט איז געווען געצוואונגען צו פאַרלאָזען קיעוו דורך די רדיפות פון די באָלשעוויקעס און אוועקצופאָהרען קיין אַמעריקאַ. עס האָבען זיך פאַרזאַמעלט אונטערערדישע פאָרשטעהער פון 22 אָרגאַניזאַציעס און האָבען איהם באַגריסט אין אַן אָפּשייד אָוונד, און האָבען איהם דערלאַנגט אַ טעסטימאָניאַל אונטערגעשריבען פון זיי. (זעה די ארץ ישראל צייטונגען, אויך דעם אַמעריקאַנער „װאָרהייט" פון 1925).

11. ארום זעכציג לעהרער פון העבראַאיש האָבען זיך פאַרזאַמעלט אויף אַ ספּעציעלען אָוונד, צווישען זיי צוויי פּראָפעסאָרען פון וולאַדימירסקי אוניווערזיטעט פון קיעוו, און האָבען איהם באַגריסט און דערלאַנגט אַ מתנה — אַ גאָלדענעם זייגער. אויפ'ן וועג, זיך אָפּשטעלענדיג אין מאָס-

קווע, האָבען די העברעאישע לעהרער, די אנוסים, איינגעאָרדענט א קבלת פנים, צוזאמען מיט די ציוניסטען, פאר ראָזענבלאט און פאמיליע.

12. אין ריגע איז ער אויפגענומען געוואָרען פון די ציוניסטען און העברעער, וועלכע האָבען איינגעאָרדענט אַן אָוונד, וואו ער האָט אָפּגע־געבען א באריכט וועגען דעם מצב פון די אידען אין סאָוועטען לאנד. (זעה דעם „פרימאָרגען" און דעם רוסישען טעגליכען בלאט).

13. אין לאָנדאָן האָט ער געקראָגען א שעהנע אויפנאַמע פון די גדולי ישראל, ווי: דער חכם דר. משה גאסטער, סער גאלאנץ, דר. ראבינער דאכעס, דר. יאכעלמאן, דר. מ. בראמסאן, משה קליינמאן, רע־דאקטאר פון „העולם" און רעדאקטאר פון „צייט" הער מייער און אנדערע. זיי האָבען איינגעאָרדענט פאר איהם אין פאָלקס טע־אטער אין ווייטשעפעל, א גרויסע פארזאמלונג פון ארום 3,000 מאַן, וואו ראָזענבלאט האָט באריכטעט וועגען דער לאגע פון די אידען אין רוסלאנד און אוקראינע. (זעה אין דעם „דזשואיש קראָניקל" אין די טעגליכע צייטונגען „עקספרעס" און „צייט", 1925). אויך איז אָפּגעדרוקט אַן אינ־טערוויו אין „דזשואיש קראָניקל".

14. אראָפּגעהענדיג פון דער שיף אין ניו יאָרק איז ער באלד איינ־געלאדען געוואָרען צו א קאָנווענשאָן פון אמעריקאנער אידישען קאָנגרעס אין פילאדעלפיע, וואו ער האָט באריכטעט וועגען דער לאגע פון די אידען אין סאָוועט רוסלאנד, אויספיהרליך וועגען זיין באריכט איז אָפּגעדרוקט אין אלע ניו יאָרקער און פילאדעלפיער אידישע צייטונגען. אויך אין אנדערע אידישע צייטונגען.

15. דאָס ערשטע יאָהר פון זיין אָנקומען קיין אמעריקא אין 1925, וואו ער האָט זיך באזעצט אין פיטסבורג האָט ער אָפּגעדרוקט אריבער 200 ארטיקלען אין דעם העברעאישען פיידזש „היום" אין „טאגעבלאט", אונ־טער דער רעדאקציע פון גדליה בובליק, אויך עטליכע ארטיקלען אין אידיש אין דער זעלבער צייטונג, אין „אידישען פאָלק" און אין העברעאישען „הדאר".

16. ער איז געווען א יאָהר צייט דער רעדאקטאָר פון דעם העברע־אישען פיידזש אין „וועגווייזער" און דער עדיטאָריעל שרייבער אין אידיש אין דעם זעלבען „וועגווייזער", וועלכע האָבען ארויסגערופען איינזע־העניש ביי באוואוסטזיניגע לייענער.

17. ער איז אויסגעקליבען געוואָרען אלס פרעזידענט פון דער „מזרחי" פון פיטסבורג און אומגעגענד, און געטראָגען דעם אמט אין פארלויף פון 5 יאָהר, ווען הרב אשינסקי איז געווען אין דעטראיט. אין דיזען 5 יאָהריגען טערמין האָבען באזוכט פיטסבורג עטליכע מאָל די פרעזידענטען פון אל־אמעריקאנער מזרחי און אנדערע וויכטיגע פערזאָנען: ווי גדליה בובליק,

הרב זאב גאָלד, הרב אהרן טייטעלבוים א. א. וו. אויך דער מזרחי וועלט פּרעזידענט הרב מאיר ברלין, צוזאמען מיט דעם ספּרדישען חכם ראבּיי פון תל אביב, הרב עוזיאל, עס פלעגט געזאמעלט ווערען גרויסע סומען געלד הן פון מעמבערשיפּ און הן פון קרן א"י של המזרחי, די פּרעזידענטען פלעגען שטעלען פּיטסבורג אלס א ביישפּיל געגען אנדערע שטעדט. ער פלעגט באזוכען די מיטינגען פון פרויען מזרחי, און זיי אגיטירען צו ארבייט, און האָט פיעל געווירקט.

18. ער האָט געגרינדעט אין פּיטסבורג נאָך צוריק מיט 8 יאָהר אָן אגודה פון מזרחי הצעיר, און ער האָט 2 יאָהר דוראנאנד געלעקטשורט ביי זיי, איינמאָל אין וואָך געגעבען אַן אָבענד קורס אין תנ"ך אין העברעאיש און ער איז געווען זייער עהרן פּרעזידענט. איך וויל ציהען אויף דעם פאַקט די אויפמערקזאמקייט פון די פיהרער פון „הפועל המזרחי".

19. אין זיין 5 יאָהריגען טערמין אלס פּרעזידענט פון פּיטסבורגער מזרחי, האָט ראָזענבלאַט איינגעאָרדענט א מזרחי קאָנווענשאָן אין פּיטסבורג, וועלכע האָט זיך אויסגעצייכענט מיט כמות ואיכות. ראָזענבלאַט'ס באגריסונגס רעדעס האָבען געשאפען א געהויבענע שטימונג. ער האָט ארויסגעלאָזט לכבוד דעם קאָנווענשאָן אַן אינטערעסאַנטען בולעטין מיט שעהנע מאמרים פון וויכטיגע פּערזאָנען, וועלכער האָט אריינגעבראכט א סומע געלט צו דעקען די הוצאות פון קאָנווענשאָן.

20. מיין ברודער משה ראָזענבלאַט איז געווען 2 יאָהר צייט דער יושב ראש פון אגודות המורים און אומגעגענד. אין זיין טערמין, אלס מנהל פון ועד המכין, איז פאָרגעקומען די ערשטע קאָנווענשאָן פון הסתדרות דמורים והמנהלים באמעריקא, אין פּיטסבורג.

21. ער איז געווען איינער פון די פיהרער פון דער קבוצה עברית און פון החוג העברי אין פּיטסבורג וואו ער האָט געלעקטשורט, און געגעבען אינטערעסאַנטע סקירות וועגען ספרים, בראָשורען און שריפט־צייטונגען אין העברעאיש פון ארץ ישראל און חוץ לארץ.

22. זעהר פיעל האָט ער אויפגעטאָהן פאר דער „הסתדרות עברית" און „הדאר". ער האָט געשאפען פאר זיי סאָלידע סומען געלד דורך באַנקעטען, מיטינגען, וועלכע זיינען געווען איינגעאָרדענט לכבוד דעם רעדאקטאר פון „הדאר" און לכבוד זיינע פאָרשטעהער, וועלכע זיינען געשיקט געוואָרען קיין פּיטסבורג. ער האָט ערוואָרבען פיעל סובסקרייבערס פאר'ן „הדאר" און געאָרבייט ענערגיש פאר דער שבוע עברי. ער האָט ארויסגערופען פונ'ם טיפען תהום פון דעם פאָלק'ס באהעלטעניש פּערילדיגע נשמות, וועלכע האָבען זיך פריהער ניט געלאָזט הערען, און ער האָט פון זיי געשאפען עסקני התרבות ווי מר. פלעסעט און מר. האָרן א. א. וו.

23. אין יאָהר 1931 איז אין פּיטסבורג געפייערט געוואָרען זיין 30 יאָהריגער יובילעאום פון ליטעראַרישע און געזעלשאַפטליכע אַרבייט, וואו אַרום 500 מענשען פון פאַרשידענע אָרגאַניזאַציעס האָבען אָנגעפילט דעם גרויסען האָל פון יאָנג מענס היברו אַסאָסיאיישאָן. באַגריסונגען זיינען אָנגעקומען פון אַלע אידישע פיהרער אין ארץ ישראל און אַמעריקא, פאַרשטעהער פון די גרעסטע וועלט נאַציאָנאַלע אָרגאַניזאַציעס, זיין לאַנג־יאָהריגער פריינד ציון פיהרער און שריפטשטעלער אב. גאָלדבערג איז ספּעשעל געקומען צום אָבענד באַגריסען. (זעה „מאָרגען זשורנאַל״, „טאָג״, „הדאר״, „דזשואיש קריטיריום״).

24. ווען ראָזענבלאַט איז אַפּגעפאָהרען פון פּיטסבורג זיך צו באַזעצען אין ניו יאָרק, האָט מען איינגעאָרדענט אַן אָבשיידס אָווענד אין דעם גרויסען סאָשעל האָל פון „עדת ישורון שוהל״, וואו עס זיינען געווען פאַרזאַמעלט העכער 400 מענשען, צווישען זיי אַלע רבנים פון דער שטאָדט און אין דער סביבה וועלכע האָבען איהם זעהר האַרציג באַגריסט, אַרויסזאָגענדיג זייער באַדויערונג וואָס ער פאַרלאָזט פּיטסבורג. אינטערעסאַנט, אַז פיעל ליידים אָקזילערים פון בתי זקנים, בתי יתומים, לחם עניים, עזרת נשים, בקור חולים האָבען אַלע אונטערגעשטראָכען, אַז ראָזענבלאַט איז שטענדיג זיי צו־הילף געקומען מיט זיינע רעדעס ווען נאָר מען האָט איהם גערופען.

דאָס איז אַ קליינער איבערבליק, און אַ קליינער טייל פון די הונדערטער זכרונות און וויכטיגע מאָמענטען וואָס איך געדענק, לעבענדיג צוזאַמען מיט מיין עלטערען ברודער, אין פאַרלויף פון די אַלע יאָהרען.

איך ווינש מיין משה'ן צו זיין 60 יאָהריגען יובילעאום מיט באַנייטע קרעפטען זאָל ער קאָנען נאָך פיעל יאָהרען שאַפען פּאָזיטיווע אַרבייט פאַר זיין פאָלק, לאַנד, שפּראַך און קולטור.

ליכט און שאָטען

(אין נאָמען פון מיינע ברידער און שוועסטער)

פון אלחנן ליב ראָזענבלאַט

(פון רעדאַקציע: — אלחנן ליב ראָזענבלאַט, א זוהן פון יובילאַר, באַגריסענדיג זיין פּאָטער צום 60 יאָהריגען יובילעאום, אין נאָמען פון זיינע ברידער און שוועסטער, אויף וועלכען זיי האָבען אפשר מעהרער רעכט פון אַנדערע, זאָגט דאָ אַרוים שאַרפע קריטיק, צוזאַמען מיט ליכט אויך שאָטען, און מיר דרוקען דאָס דערפאַר, ווייל פון די שאָטענס איז די ליכט מעהר בולט).

„אז די ענדע איז גוט איז אַלעס גוט" — זאָגט די וועלט א ווערטעל — יעצט זענען מיר קינדער צופרידען פון אַלעס וואָס אונזער פּאָטער האָט אָפּגעטאָהן, אָבער בשעת מעשה, ביילעבענדיג זיינע טהאַטען זיינען מיר געווען אומצופרידען. שטעלט אייך פאָר, א מאַן פון א פאַמיליע לאָזט זיך אין פייער אריין רעטען מענשען פון פּאָגראָמען. מיר האָבען וויינענדיג פּראָטעסטירט, אז ער האָט אויף זיך א חוב פון א פאַמיליע אויסהאַלטען, און ער טאָהר ניט איינשטעלען זיין לעבען. מיר זיינען דאַן געווען אַלע קליינע קינדער און אונזער מוטער איז געווען א שוואַכע. ער האָט אונז ניט געפאָלגט.

ביים פּאָטער אין שטוב איז געווען א בית ועד פון משכילים און פון לעהרן־יוגענד, סטודענטען פון ביידע געשלעכטען, פון אַלע האָכשולען אין קיעוו. דאָס האָט אונז זעהר געפרעהט, אָבער דאָס וואָס די וואוין־רעכט־לאָזע אידען וועלכע האָבען זיך געצויגען פון אַלע עקען רוסלאַנד קיין קיעוו צו פּראָפעסאָרען און צו די דאָקטוירים, האָבען גענעכטיגט ביי אונז אויף טיש און אויף בענק, האָט ביי אונז צוגערויבט דעם שלאָף, מיר זיינען גע־ווען אין געפאַהר פון די גרויזאַמע פּאָליצייאישע זשאַנדארמישע אָבלאַוועס, אונז האָט ניט געאַרט וואָס ער האָט א פּירגעשלעפּט פון אונזערע צוקאָפּענס, פריהער פון זיין צוקאָפּענס, די קישען פאַר אורחים. אונז האָט ניט געאַרט וואָס ער האָט אָפּגעגעבען אונזער אָוועגט־ברויט צו די געסט. אונז האָט געאַרט די געפאַהר פאַר שטרענגע רעגירונג שטראָף פאַר האַלטען וואוינ־רעכטלאָזע אידען.

וויפיעל געזונד האָט אונז געקאָסט ווען ער האָט אויסבעהאַלטען אין צייט פון מלחמה געפאַנגענע עסטרייכישע סאָלדאַטען ביי אונז אין הויז, דאָס האָט געשמעקט ממש מיט פולווער פאַר דער גאַנצער פאַמיליע.

וויפיעל געזונד האָט געקאָסט דער פאַמיליע ווען ביי אונז אין הויז זיינען פאָרגעקומען ציוניסטישע, העברעאישע און לעהרערישע מיטינגען, ווען דאָס איז געווען פאַרבאָטען פון דער צאַרישער מאַכט און דערנאָך ביי דער סאָוועטישער מאַכט און עס האָבען געדראָהעט שטרענגע שטראָפען.

* * *

א מענש פון א פאַמיליע האָט ניט געטאָרט אין צייט פון פיעלערליי פאַרשידענע פאָגראָמען, שטעהן אויף דער וואך, אין שטאָדט דומע בייגאַכט איינער אַליין צו ערוואַרטען הילפרופס פון אַלע געגענדען פון שטאָדט, און אַרויסצושיקען מיליציאָנערען וועלכע האָבען זיך געפונען אין רשות פון דער אידישער קהלה א דאַנק דער שטאָדט פאַרוואַלטונג. דאָס שטעהן אויף דער וואך איז געווען פאַרבונדען מיט געפאַהר, ווייל עס האָבען זיך אַרומגע־דרעהט פאַרדעכטיגע פערזאָנען, און פון די בעאַמטע איז קיינער ביינאַכט ניט געווען אין דומע האַלל.

ווי האָט דער פאָטער געמענט איינער אַליין מיט א מיליציאָנער, וואָס דער גאַראַדסקאַי גאַלאַווא ריאַבצאָוו האָט איהם געגעבען, צונויפנעהמען 37 אידישע קערפערם צושאָסענע פון די פעטליוראַצעס, און זיי ברייננען צו קבר ישראל. די פעטליוראַצעס האָבען איהם נאָכגעיאָגט אויף דעם בית־עולם און ער האָט זיך געמוזט אַריינוואַרפען אין איינעם פון די 37 קברים און זיך צודעקען מיט קרשים, און ליגען לעבעדיג באַגראָבען עד יעבור זעם.

* * *

וויפיעל כחות און צייט האָט דער פאָטער פאַרלוירען אַרומצוגעהן טאָג איין און טאָג אויס אין אַלע מיליטערישע שפיטאַלען, אויסצוגעפינען די אידישע פאַרשטאָרבענע סאָלדאַטען, האָבענדיג דערביי צוויי הייליגע ציעלען: 1) ברייננען זיי צו קבר ישראל. 2) געוואָהר צו ווערען זייערע נעמען און אַדרעסען, כדי אָוועקצושיקען צו די פאַמיליעס. אַזוי אַרום זיינען פאַררעגיסטרירט 350 נעמען פון פאַרשטאָרבענע אידישע סאָלדאַטען און אַלע זיינען נומערירט אויף א באַזונדערען פלאַץ, די קרובים זאָלען זיי קאָנען אָפזוכען, און דורך דעם אויפגעבונדען פיעל אידישע טעכטער פון צו בלייבען עגונות. און אפשר נאָכאַמאָל אַזוי פיעל אידישע סאָלדאַטען גע־האָלפען זיי זיך צו ערהאַלען און א היים פאָהרען מיט א „זיי געזונד". דאָס איז גוט, אָבער וויפיעל קרבנות פונ'ם איינענעם לעבען און איבעריגע מסירות נפש איז אין דעם פאַרהאַנדען.

צו די באָלשעוויקעס האָט ער אַרויסגעוויזען מעהר עקשנות. ווי וואָגט א מענש פון א פאַמיליע צו געהן געגען שטראָם, איינצואָרדענען בתי תפלה,

העברעאישע שולען, ציוניסטישע מיטינגען און קעמפען מיט דער יעווסעק־ציע און מיט באָלשעוויסטישע פיהרער. און ווען מען האָט פארנומען פיעלע ציוניסטען אין טשעקא, האָט מען כמעט אלע אפּגעלאָזט, ווייל זיי האָבען זיך אונטערגעשריבען, אז זיי וועלען מעהרער ניט עוסק זיין אין ציוניזם, און דער פאָטער האָט בשום אופן זיך ניט געוואָלט אונטערגעבען. וועגען זיין קעמפפען מיט דער יעווסעקציע און מיט די באָלשעוויקעס וואָלטען געקאנט אָנשרייבען א בוך. זיי אויף צו להכעיס געגרינדעט שוהלען, און איינגעפיהרט אין זיי ציוניסטישע פּראָפּאגאנדע, זיי אויף צו להכעיס איינ־געאָרדענט בתי ספר עברים, זיי אויף צו להכעיס אָרגאניזירט די אידישע יוגענד און גערופען מיטינגען, אפילו אין טשעקא האָט ער געמאכט דעם עולם זינגען שירי ציון, אפילו די אוקראינער שקצים וועלכע זיינען געזעסען מיט איהם האָבען געזונגען די התקוה. ראש השנה און יום כפור האָט ער אויסגעפיהרט און געמאכט א מנין אין טשעקא אפילו מיט תקיעת שופר, גענומען ערלויבעניש ביי די גויאישע קאָמוניסטען, און דערמיט נאָך מעהר־רער דער׳רגזנ׳ט די יעווסעקען (זעה „הארץ״, תל אביב, י״א תרצ״א אין ארטיקעל „בבית האסורים״, געשריבען פון ד׳ לוצינסקי). די יעווסעקען האָבען שוין עטליכע מאָל געוואָלט מאכען איהם מיט א קאָפּ קירצער און ווען ניט באוואוסטע אריינמישונגג וואָלטען מיר געבליבען יונגע יתומים.

* * *

דורך זיין עסקנות צבורית און נאציאָנאַלע ארבייט, האָט ער פאַרנאכ־לעסיגט זיין פרנסה. ער האָט ניט געקאנט אָפּגעבען גענוג זיך מיט זיין פּראָפעסיע.

אלס א חובב שפת עבר, האָט ער פארגעסען אין זיינע אייגענע אינטערעסען ווייל, ווי אזוי קאָן מען רוהען, ווען עס קומען אזעלכע העברעאישע ריעזען קיין קיעוו ווי: ביאליק, סאָקאָלאָוו, פרישמאַן, ויבדלו לחיים שאול טשערניחאָבסקי, שניאור, דר. קלויזנער, משה קליינמאַן, גרינבאום, מוסינזון, בן אב״י און פיעל פיעל אַנדערע? מען האָט באדארפט איינאָרדענען פאר זיי לעקציעס און פאַרטראגען און באנקעטען. און ווי אזוי קען מען רוהען, אז עס קומען אָן עשאַלאָנען פליכטלינגע פון פוילען און פון אנדערע גרעניצען, אָדער ווען מען פיהרט גאליצישע אידען אלס משכבות קיין סיביר? אָבער דאָס איז אַלץ געווען אויף דעם חשבון פון אונזער פאַמיליע.

* * *

אין דער יוגענד איז אונזער פאָטער געווען פאר׳שמ׳ט אלס א עילוי אין זיין געבורטס־שטעדטעל בריטשאַן. ער האָט געקאָנט זיין א גדול בישראל צווישען רבנים. ער האָט געקאָנט זיין א באַגאבטער העברעאישער שריפטשטעלער אָדער א באגאבטער העברעאישער דיכטער. די געזעלשאפט־

ליכע און נאציאָנאַלע אַרבייט האָט אויפגעגעסן זיינע פעהיגקייטען און גאָט־בעשאַנקטע טאַלאַנטען.

ווען ער איז געקומען זיך באַזעצען אין קיעוו, האָבען זיך די באַ־וואוסטע סטודענטען: מאַרקוס גראַדזענסקי און ל. קאַמען זיך אונטערגע־נומען לויט זיינע פעהיגקייטען צוגרייטען איהם אין אַ קורצער צייט אין אוניווערזיטעט, האָט ער זיך אָבער דאָן אריינגעוואָרפען אין ציוניסטישע אַר־בייט. עס איז ניט קיין קלייניגקייט צו זיין פּראָפעסאָר מאַנדעלשטאַם'ס ארויסהעלפער אין מרכז ציוני, אָדער צו זיין דער סעקרעטער פון מרכז הסתדרות לשפה ולתרבות העברית, אָדער צו זיין דער סעקרעטאַר פון דער צענטראַלער דעמאָקראַטישער קהלה? אָבער דער דזשעניוס אין איהם איז פאַרשלונגען געוואָרען!

* * *

יעצט לאָמיר זעהן די דאַנקבאַרקייטען וואָס ער קריגט פאַר זיין אַר־בייט. מיר זיינען געקומען קיין אַמעריקא ניט פון וואוילטאָג. מיר זיינען געווען געיאָגט, דורך דעם פאָטער'ס נאַציאָנאַליזם, פון די באָלשעוויקעס, אויף לעבען און אויף טוידט. דאָ זיינען פאַראַן אַ גרויסע צאָהל מענשען, וועלכע ער האָט פיעל טובות געטאָהן. דאָ זיינען דאָ לעהרער, וועלכע ער האָט זיי אָפּגעגעבען זיינע לעסאָנס, דאָס ברויט פון'ם מויל. דאָ זיינען דאָ די געשטיצטע דורך איהם פליכטלינגע און פאַר'משכנ'טע אידען פון גאַ־ליציע, וועלכע האָבען זיך איינגעאָרדענט אין אַמעריקא. דאָ זיינען דאָ ציוניסטען און העברעאיסטען, מיט וועלכע ער האָט זיך באַגעגענט אויף קאָנפערענצען און קאָנגרעסען. אויך דאָ וואוינען געוועזענע פּרעזידענטען פון דער אַלטער היים פון הסתדרות לתרבות העברית, אין וועמענס שטעדט אונזער פאָטער האָט וואָלונטירט און געגרינדעט אגודות.

און אָט איז זייער דאַנקבאַרקייט. זיי האָבען איהם פאַרגעסען, זיי דערקאָנען איהם ניט, זיי אינטערעסירען זיך ניט צו וויסען ווי אַזוי ער לעבט. איך מיין אַז אַן אַלטער פּראַקטיצירטער לעהרער פון פיעל צעהנדליגע יאָה־רען איז באַרעכטיגט צו אַן העברעאישע לעהרער שטעלע. און ער האָט דאָס ניט.

* * *

פינף יאָהר איז אונזער פאָטער געווען פּרעזידענט פון „מזרחי" אין פּיטסבורג. מישט אויף די ביכער פון „מזרחי" וועט איהר געפינען, אַז אין די יאָהרען פון אונזער פאָטער'ס טשערמאַנשיפּ איז געזאַמעלט געוואָרען טויזענדער דאָלאַרס, ביי די באַזוכען פון די ווערטהע פּרעזידענטען מר. גדליה בובליק, הרב זאב גאָלד, הרב אהרן טייטעלבוים און די געסט הרב מאיר ברלין והרב עוזיאל. מישט אויף די ביכער פון הסתדרות עברית, וועט איהר געפינען וויפיעל הונדערטע דאָלאַרס זיינען געזאַמעלט געוואָרען

מיט זיין מיטהילף פאַר דער הסתדרות און „הדאר", חוץ איינגעאָרדענטע עפענטליכע באַנקעטען און נשפים לכבוד די געסט, וועלכע האָבען דער־מאָנסטרירט די אויפלעבונג פון שפּראַך און ליטעראַטור.

דאָס איז געווען אין די ערשטע ניין יאָהר פון אונזער קומען קיין אַמעריקא, ווען אונזער פאָטער איז געווען איינגעאָרדענט אַלס אַ לעהרער פון היברו אינסטיטוט, אָבער די לעצטע 2 יאָהר ווען מיר האָבען זיך באַ־זעצט אין גרויס ניו יאָרק, איז אויס אַנערקענונג, אויס באַקאַנטשאַפט.

דאָס זיינען די ליכט און שאָטען, וואָס מיר, קינדער האָבען בייגע־וואָהנט אין צוזאַמענלעבען פון אונזער פאָטער. אָבער ווי געזאָגט: ווען די ענדע איז גוט איז אַלעס גוט. יעצט זיינען מיר צופרידען פון די טהאַטען וואָס ער האָט דורכגעמאַכט.

מיר ווינשען אונזער פאָטער אריכות ימים, געזונד און אַנערקענונג.

אַ וואונש צו מיין ברודער צו זיין 60 יאָהריגען יובילעאום

פון זיין שוועסטער צינה וואלף

טייערער ברודער:

שווער איז געווען דער וועג פון דיין לעבען! נאָך אין די קינדער יאָהרען, פון פרייד און שפּיעלען, האָסטו שוין ניט באַלאַנגט צו זיך. ביזט שטענדיג געווען אריינגעלאָזט אין לערנען און לעזען און שרייבען. אַזוי האָט מיר די זעליגע מאַמע דערצעהלט. ווען די עלטערען פלעגען זיך אויפ־כאַפּען אַ פּאָר שטונדען נאָך האַלבע נאַכט האָבען זיי דיך נאָך געטראָפען לעזען, זיי האָבען פאַרלאָשען דעם לאָמפּ האָבענדיג רחמנות אויף דיין געזונד, און דו האָסט איהם ווידער אָנגעצונדען. ווען דו האָסט דער־גרייכט די בחור'שע יאָהרען האָסטו זיך ענטזאָגט אין גאַנצען פון דיין אייגענעם „איך", און דו ביזט פאַרכאַפּט געוואָרען אין שטראָם פון אי־דעאַלען און געפיהלען, האָסט זיך אריינגעוואָרפען אין געזעלשאַפטליכע ארבייט פון אונזער שטעדטעל, צו פאַרזאָרגען אָרימע לייט מיט הייץ מאַ־טעריאַל, מיט ברויט און מיט מצות, קראַנקע מיט מעדיצין, אָרימע קינדער מיט לערנען. האָסט אָרגאַניזירט די בריטשאַנער יוגענד, אַלע בחורים און מיידלאַך צו העלפען דיר אין קולטורעלע און אין פילאַנטראָפּישע ארבייט, צוזאַמען מיט זיי געעפענט אַ העברעאישע ביבליאָטעק (לייברערי), גע־

גרינדעט א „שפה ברורה״ צו רעדען העברעאיש, געזאמעלט געלד פאר די חובבי ציון, און שפעטער זיך אריינגעווארפען אין דער ציוניסטישער באוועגונג מיט זעלבסט־אפפערונגען ביז היינטיגען טאג, ארומפאהרענדיג מיט דיינע לעצטע מיטלען צו פארשפרייטען דעם נאציאנאל געדאנק. האסט אין די נעכט פון שלאף און מענשליכען אפרוה געהאלטען אין איין שרייבען הונדערטע פייערפלאמענדיגע בריעף צו פריוואטע מענשען, זיך דורכגעשריבען מיט צענטראלע קאמיטעטען און מיט אידישע מנהיגים, אויך פערפאסט ארטיקלען פאר דער העברעאישער פרעסע. האסט אלע יאהרען געלעבט נאר אין דער אידעאליסטישער אטמאספערע, און ניט געניסט פון עולם הזה לעבען קיין איין טאג. האסט אפגעגעבען דעם ביסען פון דיין מויל, דאס קישען פון דיין צוקאפענס און בוכשטעבליך דאס העמד פון דיין לייב.

ווען דו האסט א פאר יאהר נאך דער חתונה זיך באזעצט אין קיעוו, ווייל דיר איז געווען ענג דאס קליינע שטעדטעל, און מיט דיין שוואונג און ענערגיע האסטו געזוכט א ברייט פעלד, האסטו אין גאנצען אויפגעהערט לעבען פאר זיך, דיין הויז איז פארוואנדעלט געווארען אין א פאלקס הויז (א סיטי האלל), הן פון אלט און יונג, הן פאר לעהרן יוגענד און הן פאר מגידים און משולחים און הן פאר קראנקע וועלכע זיינען געקומען קיין קיעוו צו פראפעסארען און דאקטוירים זיך היילען.

און אז עס זיינען געקומען ארבייטלאזע לעהרער און געמאכט א קרום פנים — האסטו זיי אפגעגעבען דיינע לעצאנס.

דו האסט אנגעפיהרט אין קיעוו א קאמף מיט אידישע פאררעטער, מיט אסימילאטארען, מיט אנטי נאציאנאליסטישע ארגאניזאציעס, ארגאניזירט זעלבסטשוץ געגען פאגראמשציקעס. שפעטער ביזטו געווארען דער קעמפער פון די יעווסעקען און באלשעוויקעס, און דערפאר האסטו אפגעפינסטערט אין „טשעקא״, און פון אזא ארט לעבען ווי דו האסט געלעבט האט דיין פאמיליע אויך מיטגעליטען און ניט פארזוכט דעם טעם פון א רוהיגער וועלט.

דערוויסענדיג זיך אז דו ביזט רואינירט געווארען ביי דער סאוועטען־מאכט פאר דיינע אידעאלען, האב איך מיט מיין זעליגען מאן מר. אהרן סייקאוו ע״ה און מיט אונזער טייערען ברודער געטרייעט דיך אריבערצובריינגען דערוויל קיין אמעריקא, ביז דו וועסט האבען א מעגליכקייט צו פארווירקליכען דיין הייליגען טרוים צו לעבען אין ארץ ישראל. מיר האבען געמיינט אז כאטש אין די לעצטע יאהרען פון א מענשליכען לעבען, וועסטו שוין אפרוהען, און וועסט שוין אין זינען האבען זיך און דיין פאמיליע, און צום סוף האסטו אין די 10 יאהר פון דיין וואוינען אין אמעריקא זיך אריינגעווארפען אין נאציאנאלע, ציוניסטישע און העברעאישע באוועגונגען.

און אלע דיינע מיט־מענשען און מיט־מעמבערס פון ארגאניזאציעס קלעהרען גאר ניט וועגען דיר, און זיי טראכטען ניט ווי אזוי דיך צו פאר־זארגען מיט ארבייט אויף צו מאכען א לעבען. זו תורה וזו שכרה?

דאך מוז איך זאגען אז איך בין צופרידען, וואס עס האט זיך ארגא־ניזירט א ועד היובל צו דיין 60טען געבורטסטאג, דאס איז אמוויינינגסטען א שטיקעל קאמפענסאציע פאר דיין לאנג יאהריגע ארבייט, און איך בין שטאלץ מיט דיר, ברודער, וואס די בעסטע זיהן פון אונזער פאלק בא־עהרען דיך.

עס טהוט מיר וועה דאס הארץ, וואס אונזערע ליבע עלטערען האבען ניט זוכה געווען צו שניידען מיט פרייד וואס האבען פארזעעט מיט טרערען. אויך אונזער טאלאנטפולער ברודער, שריפטשטעלער, נאציאנאלער טרוימער און דיכטער יעקב ראזענבלאט ע"ה איז יונג אוועק פון דער וועלט, ניט נעהמענדיג אן אנטייל אין זיין ליבען ברודערס יובילעאום, וועלכען ער האט ביז זיין לעצטען אטעם־צוג ניט ארויסגעלאזט פון מויל.

איך ווינש דיר, טייערער ברודער, אז פון היינט אן זאל זיך ביי דיר אנהויבען א גליקליך לעבען מיט דיין פאמיליע צוזאמען.

דיין שוועסטער,

צינה וואלף

דער רב פון אונזער שול

פון זאב הלוי בורשטיין, בראנקס

פיעל פרעגען מיך, ווי קומט דאס וואס איך בין אזוי נאהענט פערבונ־דען מיט הרב משה ראזענבלאט? — איך בין ניט פון זיין געבורטסשטאדט בריטשאן און אויך ניט פון קיעוו, וואו ער האט פארבראכט זיינע בעסטע יאהרען, און דאך בין איך פון דעם ערשטען טאג פון זיין אנקומען מיט זיין פאמיליע קיין ניו יארק פארבונדען געווארען מיט איהם. און אויך מיין זוהן, דער באריהמטער דאקטאר־מעדיצין שלמה בורשטיין און מיין גאנצע פאמיליע גלייך ווי ער וואלט געווען אן איינגענער ברודער אין אונזער משפחה. איך, אלס פרעזידענט און גרינדער פון דער שוהל „בית יוסף" האב איהם אויפגענומען פאר א רב אין אונזער קאנגרעגיישאן אויף לעבענס־לענגליך און האב איהם פארזארגט מיט א שטעלע. און עס דארף אויך געזאגט ווערען, אז די מתפללים זענען פון איהם ענטציקט און אכטען

איהם. פון וואנען נעהמט זיך אזא פארבונדענקייט און אזא אויסערגע־וועהנליכע פריינדשאפט?

די געשיכטע וואס איך גער אייך דערצעהלען איז זעהר א מערקוויר־דיגע. זי הויבט זיך אן פון צוריק מיט 52 יאהר.

דער שרייבער פון דיזע צייל[ע]ן איז געבוירען געוואָרען און געוואַקסען אין שטעדטעל סטארע־אושיצא, פּאָדאָליער גובערניע, רוסלאנד. מיין פאָטער איז געווען ר' יחזקאל בורשטיין ז"ל, א איד א למדן, אן העברעער, א שעהנער טיפּ פון די אלטע תלמידי חכמים משכילים. זייענדיג א תלמוד'יסט און באהאוונט אין דער אלטער ליטעראטור, און איינצייטיג אויך קלאָהר אין דער נייער העברעאישער ליטעראטור. ער איז געווען א חכם מדיני. פון פילע שטעדט אין ווייטע גובערניעס פלעגען זיך ציהען צו איהם מענשען צו אויפנעהמען איהם פאר א בורר, אויסצוגלייכען פארשידענע ביזנעס־סכסוכים. ער איז געווען דער קאסירער פון די בעוואוסטע גבירים בערשטיין פאר וועלכען ער האט געקראָגען הויכע שכירות.

מיין פאטער ז"ל האט זעהר ליעב געהאט לומדות און השכלה, און אין דעם זינען האט ער מיך און מיינע ברידער ערצויגען. ער האט מיך דער־פיהרט אין מיין לערנען ביז סמיכות. אין יענער צייט, צוריק מיט 52 יאהר, האט גע'שמ'ט אין בעסאראביער גובערניע א אינגעל פון 8 יאהר אלט אן עילוי — משה'לע האט מען איהם גערופען. דאס שטעדטעל וואו דער אוי־סערגעוועהנליכער אינגעל האט זיך געפונען איז געווען בריטשאן, בעסאראביע. מען האט נאכדערצעהלט פון איהם וואונדער, אז אויסער זיין טיעף וויסען תנ"ך און גמרא, שרייבט ער העברעאישע שירים מיט די ראשי החרוזים פון זיין נאמען אין פאטער'ס נאמען, און פאר אלע ימים טובים און ימים נוראים פארפאסט ער א שיר, וועלכער קאנקורירט מיט די טראדיציאנעלע פייטנים און אז ער ווייסט דעם דקדוק הלשון מיט דעם נקוד א. א. וו.

זיין נאמען איז דערגאנגען צו אונזער שטעדטעל. מען האט דער־צעהלט אז דער באוואוסטער שריפטשטעלער יהודה שטיינבערג, וועלכער איז געבוירען געוואָרען און געוואוינט דאמאלס אין דעם שכנ'ישען שטעדטעל ליפקאן, איז ספּעציעל צוגעפאהרען קיין בריטשאן זעהן דעם וואונדער־קינד, און אז דער באוואוסטער רב וגאון און געלערענטער, ר' איציקעל ביק זצ"ל, דאמאלס רב אין מעזשביז, דורכפאהרענדיג בריטשאן צו זיין פאטער ר' שמחה ביק זצ"ל קיין מאהליב, פּאָדאָלסק, האט זיך אפּגעשטעלט אין שטאָדט און געזעהן משה'לען און פארהערט איהם. ער האט זיך מיט איהם א לאנגע צייט דורכגעשריבען.

ווען מיין פאטער ז"ל האט זיך דערפון דערוואוסט, איז ער געווען א בעלן זיך נעהמען עטליכע טעג צייט און אריינפאהרען קיין בריטשאן און האט מיט דעם משה'לען פארבראכט א היבש ביסעל צייט, געווען דער גאסט

פון זיינע עלטערען און איז צוגעקניפּט געוואָרען צו דעם קינד ממש ווי אין פּסוק שטעהט: ונפשו קשורה בנפשו. ער איז אַ היים געקומען בע־גייסטערט און האָט געשטעלט איהם פאַר מיר און די ברידער פאַר אַן ביי־שפּיעל.

מיין פאָטער ע"ה וועלכער האָט זעהר ליעב געהאַט די העברעאישע שפּראַך, האָט זיך מיט איהם דורכגעשריבען ווי מיט אַ חבר, און ווען ער האָט געקראָגען פון משה'לען אַ בריעף מיט תנ"ך־לשון, מיט פּרל'דיגע מליצה און חרוזים איז דאָס ביי איהם געווען אַ יום טוב. ער האָט זיך ממש משתעשע געווען מיט זיינע בריעף.

און עטליכע יאָהר שפּעטער פלעג איך לעזען אין „המליץ" און אין „הצפירה" זיינע אַרטיקלען, און פלעגט זיך לאָזען הערען אַלס אַן עסקן פון די חובבי ציון און נאָך שפּעטער אַלס עסקן פון ציוניזם. ער איז געווען פון די נאָך דעם ערשטען ציון קאָנגרעס אין באַזעל צו גרינדען און צו פאַר־שפּרייטען דעם נאַציאָנאַלען און ציוניסטישען געדאַנק אין זיין שטעדטעל און אין די אַרומיגע שטעדטלאַך, אַקטיוו געאַרבייט אין דער באַוועגונג פון שפה ברורה און דוברי עברית און אין חנוך הילדים. און איך האָב געהאַט אַ געלעגענהייט צו קומען קיין בריטשאַן זיך מיט איהם באַקענען און איך האָב געזעהן ווי אַזוי אַלע בריטשאַנער אידען שפּיגלען זיך און שטאָלצירען מיט איהם. אַז ער פלעגט געהן אין גאַס פלעגען איהם נאָכקוקען און טייטלען אויף איהם מיט די פינגער אַלס אַ ליבלינג פון שטעדטעל. ער איז געווען אַ טרוימער, שטענדיג גע'חלומ'ט און געלעבט אין אַ אידעאַליסטישער וועלט און פיעל געהאָלפען נויטבאַדערפטיגע און פאַרנאַכלעסיגט זיין אייגנע לעבען.

עטליכע צעהנדליגע יאָהרען זענען פון דאַמאָלס אָן אַוועקגעגאַנגען. דאָס לעבען האָט פיעל ענדערונגען אריינגעבראַכט אין אונזער וועלט. פיעל פון אונז זענען געוואָרען צושפּרייט און צוזעעט אויף דעם ערד־קוגעל. שוין 38 יאָהר זינט איך בין אין אַמעריקא און איך האָב מעהר פון משה'לען ניט געהערט.

צוריק מיט עטליכע יאָהר, אין יום טוב שבועות האָט דער מרכז הציונים געמאַכט אין די שוהלען אַן אַפּיעל וועגען קרן היסוד. צווישען די וואָלאַנטירען וועלכע זענען געגאַנגען רעדען אין די שוהלען איז געווען מיין פיעל געאַכטעטער זוהן, בעוואוסטער ציוניסט און העברעער דר. ש. בורשטיין. אויף זיין חלק איז אויסגעפאַלען די בעסאַראַביער שוהל „תפארת ישראל", אויף וואַשינגטאָן עוו. דאַמאָלס איז געווען אַ גאַסט אין שוהל אַ פּ י ט ס ב ו ר ג ע ר ר ב. ווען מיין זוהן האָט געענ־דיגט רעדען האָט דער ר ב גענומען דאָס וואָרט און האָט גערעדט מיט אַזאַ טעמפּעראַמענט וועגען ציוניזם און וועגען קרן היסוד, אַז ניט נאָר

די מתפללים זענען ענטציקט געוואָרען נאָר אויך מיין זוהן דער דאָקטאָר. ער איז ניט געוואוינט געווען צו הערען א רב רעדען וועגען ציוניזם מיט אזא פייער. און ווען ער האָט זיך בעקאַנט מיט איהם און אָנגערופען דעם נאָמען ראָזענבלאַט און ער דעם נאָמען בורשטיין איז צו זייער פרייד ניט געווען קיין גרעניץ ווי אַלטע בעקאַנטע זאָלען זיך האָבען דערזעהן. כאָטש זיי האָבען זיך אויף זייער לעבען ניט געקענט פערזענליך. און ווען הרב ראָזענבלאַט איז מיט א פּאָר יאָהר שפּעטער געקומען פון פּיטסבורג זיך באַזעצען אין ניו יאָרק, האָב איך געפיהלט דעם גרעסטען פאַרגעניגען צו פאַרבינדען זיך מיט איהם און צוזאַמען לעבען מיט איהם. איך, אַלס פרע־זידענט און ער אַלס רב פון אונזער קאָנגרעגיישאָן. און גרויס איז מיין הנאה, אויך די הנאה פון די מתפללים ווען מיר הערען זיינע פּערלדיגע דרשות, וועלכע זענען לפי רוח הזמן, צייט־פראַגען וואָס פּאַסען זיך אריין אין די פרשיות פון דער וואָך און די ימים טובים, צוזאַמענגעפלאָכטען הלכה און אגדה. ער איז א פאָלקס רעדנער. עס איז נאָר א שאַדע וואָס דער ברייטער עולם פון אידישען פאָלק, וועלכער געפינט זיך אין די גרויסע שוהלען הערען איהם ניט — נאָר מיר גלויבען אַז עס וועט קומען זיין טאָג.

דער דרך הדרש פון הרב ראָזענבלאַט

(צום 60 יאָהריגען יובילעאום פון הרב משה ראָזענבלאַט, דער ווירדיגער רב פון אונזער קאָנג. „בית יוסף“, 1206 ברייענט עוו., בראָנקס, נ. י.)

פון אהרן עלפענביין, בראָנקס

א.

דער כח פון יודענטהום, וואָס האָט איבערגעלעבט פיעל רעליגיעס, און וואָס וועט בלייבען אייביג שטאַרק, באַשטעהט אין דעם, וואָס די גדולי ישראל פון אַלע דורות, האָבען פאַרשטאַנען אַנטקעגען־צו־שטעהן די „וויכ־טען“ פון יעדער צייט; און צו צופּאַסען דאָס יודענטהום צו די עקסיס־טירענדע באַדינגונגען פון דעם לעבען.

און דאָ מוז ערקלעהרט ווערען, אַז דיעזע רייד געהען אויף די אָרטאָ־דאָקסישע פיהרער, ניט חלילה אויף די רעפאָרמער. מיר רעדען דאָ פון גאונים צדיקים, וואָס ביי זיי איז „אפילו על ערקתא דמסאני יהרג ואל יעבור“, און דוקא זיי האָבען תמיד געזוכט צו צופּאַסען דאָס אידישקייט צו דער צייט און צו באַדינגונגען פונ׳ם לעבען.

טאקע ווייל דאָס אידישקייט איז ביי זיי זעהר טייער, האָבען זיי געוואָלט, אַז עס זאָל זיך אין איהם אָפּהיטען דער געטליכער צויבער קראַפט, וואָס זאָל האַלטען פעסט דעם יונגען דור צוגעבונדען צו די מורשת אבות.

א ביישפּיעל איז געבראַכט געוואָרען מאַנכע מאָל פון דענקער, למשל, די תורה האָט ארויסגעגעבען א שטראָף „עין תחת עין", זיינען געקומען די חכמים פון די שפּעטערדיגע דורות, און האָבען דעם שטרענגען געזעץ פאַרמילדערט, און אויסגעטייטשט „געלד פאַר אַן אויג". די חכמים האָבען דאָס געזעץ צוגעפּאַסט צו דער צייט.

מיר געפינען אויך אין תלמוד, אַז די הלכה בלייבט ווי די בית הלל, וואָס זיינען מקילים, ניט ווי די בית שמאי, וואָס זיינען מחמירים. און אומעטום, וואו עס קריגען צוויי תנאים בלייבט אלעמאָל די הלכה ווי דער וואָס איז מקיל, ווייל די גמרא שפּרעכט זיך אויס, אַז מען וואַרפט ניט ארויף קיין גזירה שאין רוב הצבור יכולים לעמוד בו. אָדער ווי עס איז געזאָגט געוואָרען אין אַנאַנדער אָרט: „כשם שמצוה לומר דבר הנשמע כך מצוה שלא לומר דבר שלא נשמע". אָדער נאָך א מאמר: „כשם שמקבלים שכר על הדרישה, כך מקבלים שכר על הפרישה" אָדער: „מוטב שיהיו שוגגין ואל יהיו מזידין".

די הייליגע ווערטער, וועלכע זיינען געקומען צו פאַרלייכטערען דאָס לעבען פונ'ם פאָלק, זיינען א פּועל יוצא פון דעם וואָס די חכמים האָבען פאַרשטאַנען, אַז דער שטראָם פונ'ם לעבען פאָדערט נאָכצוגעבען, און אויסטייטשען דעם געזעץ לויט דעם גייסט פון דער צייט.

מיר לעבען יעצט אין א דור, וואָס דער שטראָם פון דער וועלטליכער ציוויליזאציע פאַרשלעפּט אונזער יוגענט מיט זיך און פאַרשווינדט פון זיי אַלע סימנים פון אידישקייט, זיי ווערען פאַרפרעמדעט פון זייער פאָלק, פון זייער רעליגיע און פון זייער פאמיליע. און כדי זיי זאָלען אָנהאַלטען זיך ביי די אידישע טראַדיציעס, דאַרפען די רבנים און די גייסטיגע פיהרער אריינלייגען אין יודענטהום אַן אנטערעסאַנטען אינהאַלט, אויסטייטשען די אידישע געבאָטען אויף א וויסענשאַפטליכען אופן, אריינצופיהרען אין די קאָנגרעגיישאָנס בשעת דעם דאַווענען שעהנע רעדעס, די רבנים זאָלען פון די בימות ערקלעהרען פאַר די מתפללים דאָס שעהנקייט פון דער פרשה פון יעדער וואָך, די חוקים צדיקים ומשפּטים ישרים פון אונזער תורה הקדושה, די פּעריל און בריליאַנטען פון יעדער וואָרט און יעדען זאַץ פון אונזערע נביאים, און די קלוגע מאמרים פון אונזערע חכז"ל.

די רבנים דאַרפען תמיד רעדען פון דעם אידישען לעבען, פון די עקזיסטירענדע צייט־פראַגען, וועלכע זאָלען פאַראינטערעסירען אַלט און יונג. דאָס פּנים פון די רבנים דאַרף זיין געווענדעט צו דער גאַס ניט צו דער וואַנט. זיי דאַרפען פאַרוואַנדלען דאָס יודענטהום אין א לעבעדיגען אָר־

גאָן, זיי דאַרפֿען אויסמיידען פּלפּול, ניט צו ברעכען פּסוקים מיט קשיות, און צונויפּנייען זיי מיט זאַמדיגע תירוצים.

דר. י. ל. כצנלסון (בוקי בן יגלי) האָט אויסגעטייטשט אַלע מצוות מיט לאָגישע אַרגומענטען פֿון דער נאַטור. אין זיין ספר „חכמת הרפואה עפ"י התלמוד" ווייזט ער איבער, אַז טרפות און אַלע מאכלות אסורות זייי־נען שעדליך, אַז די עופות טמאים זיינען על פּי דאָקטאָריי שעדליך, כלאים און שעטנז איז אַ לאָגישער אַרגומענט צו פֿאַרהיטען דאָס געזונד, כשרות און טהרת המשפחה איז אַ סם חיים פֿאַר געזונדהייט.

דר. יצחק דעמבא האָט ערקלעהרט עפ"י תורת הרפואה, אַז די אידישע שחיטה ובדיקה און ניקור זיינען די בעסטע מיטלען צו שמירת הבריאות. אַזוינע ערקלעהרונגען ציהען צו אונזער יוגענד צו ליעבען אונזער תורה, אונזערע מצוות און אונזערע טראַדיציעס, און דורך זיי ליעבען זיי און אַכ־טען אונזער פֿאָלק, אונזער לאַנד, אונזער שפּראַך און אַלע הייליגטהימער.

די רבנים דאַרפֿען עפֿענען די אויגען פֿון דער אומוויסענדער יוגענד, אַז אונזער תורה איז אַ תורת חיים, וחי בהם ולא שימות בהם, אַז אונזער תורה ברענגט נוצען דער געזעלשאַפֿט, אַז דער יודישער גאָט איז מוותר אויף זיינע געטליכע געבאָטען צוליעב מענשליכע געבאָטען, ווי עס ווערט געזאָגט: „עבירות שבין אדם למקום יום הכפורים מכפר, ועבירות שבין אדם לחברו אין יום הכפורים מכפר עד שילך וירצה את חברו". זאָלען אונזערע קינדער וויסען, אַז די בעסטע סאָציאַלע, הומאַניטאַרישע געבאָ־טען שטראַלען אַרויס פֿון אונזער תורה שבכתב ושבעל פּה.

ב.

אַ מוסטער פֿון אַזאַ גייסטיגען פֿיהרער, וועלכער טייטשט אויס, אין זיינע שבת און יום־טוב דרשות, אויך אין לערנען אין די טעג פֿון דער וואָך, די אַלע אידישע געבאָטען און אידישע לעהרע צום ליכט פֿון דעם לעבען און עקזיסטירענדער צייט — איז דאָ ביי אונז אין קאָנגרעגיישאָן „בית יוסף", דאָס איז הרב משה ראָזענבלאַט פֿון קיעוו (לעצטענס אין פּיטסבורג).

געקומען צו אונז איז ער ערשט צוריק מיט קנאַפּע צוויי יאָהר, און ניט אַלע וויסען, אויסער אַ קליינע גרופּע, וואָס דער רבי משה ראָזענבלאַט שטעלט מיט זיך פֿאַר.

מיר, אידישע משכילים, האָבען מיר אַלע יאָהרען געבעטען אויף אַזאַ רב, וועלכער פֿאַראייניגט „הדת והחיים" צוזאַמען, וועלכער זאָל באַפֿרי־דיגען מיט זיינע דרשות אונזער באַוואוסטזיניגקייט, און יעצט האָבען מיר איהם געקריגען. עס איז נאָר אַ שאָדע וואָס בלויז אַ קליינע געמיינדע פֿון אַ קליינער שוהל הערען איהם, און די גרויסע מאַסע אידען הערען איהם ניט. „הכל תלוי במזל אפילו ספר תורה שבהיכל". ווען הרב ראָזענבלאַט

זאָל געווען אָנקומען קיין ניו יאָרק צוריק מיט אַ פּאָר צעהנדליג יאָהר, וואָלט ער געווען דער אידישער טריבון, און ער וואָלט זיך געהערט איבעראַל. ער איז אָבער אַ פּאַרשפּעטיגטער, אַלע בימות זיינען פאַרנומען געוואָרען פון די פריהער אָנגעקומענע.

הרב ראָזענבלאַט רעדט שטענדיג פון לעבעדיגע צייט־פראַגען: פון מזרחי, קרן קימת, קרן היסוד, פון תחית העם, תחית השפה, פון אויפלעבען אידישע קולטור, פון אַ ריכטיגען חנוך, אויפציהען אַ דור פון יודישקייט, צו פאַרשפּרייטען ידיעות היהדות און פאַרשטענדעניש פון אידישע טראַדיציעס.

הרב ראָזענבלאַט געהט אין דרך פון הרב יצחק ניסענבוים, און ווי יענער בלאָזט ער אריין אַ לאָגישען גייסט און אַ נאַציאָנאַלען געפיהל אין די פּרשיות פון יעדער וואָך. ווי יענער אַגיטירט ער פאַר שיבת ציון, פאַר תחית האומה און פאַר אידישע אידעאַלען ברוח התורה והמצוה.

דער פּלאַץ פון דיעזען אַרטיקעל איז באַשרענקט. עס וואָלט זיך מיר וועלען שרייבען עטליכע ביישפּילען פון זיינע דרשות, וואָס הרב משה ראָזענבלאַט רעדט אַלע שבת אין אונזער שוהל, וועלכע פאַרשאַפען די באַוואוסטזיניגע צוהערער פיעל פערגעניגען. די מאַטעריעלע לאַגע ערלויבט איהם ניט אַרויסצוגעבען זיינע דרשות אין דרוק, וועלכע וואָלטען אריינגעבראַכט אַ נייעם שטראָם פון ליכט אין דער דרוש ליטעראַטור.

ג.

איך וויל דאָך ברייגגען כאָטש איין ביישפּיעל פון זיינע גייסטרייכע דרשות וועלכער קאָן דינען פאַר אַ מוסטער, ווי אַזוי מ'דאַרף היינטיגע צייטען רעדען צו דער ציוויליזירטער יוגענד, אויך צו די עלטערע אידען, וועלכע זיינען פּראָגרעסירט.

אין איינעם פון די פּסח'דיגע דרשות האָט זיך הרב ראָזענבלאַט אָפּגעשטעלט אויף דעם בעל הגדה, וואָס ער זאָגט: „צא ולמד מה בקש לבן הארמי לעשות ליעקב אבינו, שפרעה לא גזר אלא על הזכרים, ולבן בקש לעקור את הכל", און פרעגט ווי אַזוי קאָן מען שטעלען לבנ'ן פיעל ערגער פון פרעה? זאָלען מיר זעהן, ווי יעדער פון זיי איז זיך באַגאַנגען מיט די אידען? פרעה האָט פאַרשקלאַפט דאָס גאַנצע אידישע פאָלק אין פאַרלויף פון 210 יאָהר „רדו שנים", שוין ניט רעכענדיג 430 יאָהר פון יצחק אבינו'ס צייטען; פרעה האָט געאַרבייט מיט די אידען שווער און ביטער, ניט געגעבען זיי קיין ציגעל און מאַטעריאַל; ניט געלאָזט זיי אָטעמען, ניט אָפּעסען, ניט שלאָפען גענוג; האָט אַרויסגעגעבען אַ גזרה צו די מילדות צו טויטען די זכרים ביי דעם געבורט; ער האָט אַרויסגעגעבען אַ באַפעהל אריינצוואַרפען אין טייך אריין אַלע געבוירענע זכרים; און לויט די אגדה פון גמרא האָט פרעה געשאָכטען אידישע קליינע קינדער, און זיך געבאָדען אין זייער בלוט.

יעצט זאָלען מיר זעהן וואָס לבן האָט געטאָן? ער האָט געוואָלט פאַרזאָרגען זיין עלטערע טאָכטער, א בתולה שהגיעה לפרקה, אז זי זאָל ניט פאַרזעסען, האָט ער גענעבען יעקב׳ן ביידע טעכטער. אמת, דאָס איז רמאות, און לבן האָט פאַרדינט כשר דעם נאָמען רמאי, אָבער דאָמיט הייסט ער ניט קיין גזלן. ביי די שאָף האָט ער אַלעמאָל גערדרעהט און געביטען די תנאים, דאָס איז רשעות און בלאָף, אָבער קיין הורג נפשות און רוצח איז ער ניט געווען. אז יעקב אבינו איז אַנטלאָפען פון לבנ׳ן, איז איהם טאַקע לבן נאָכגעלאָפען, אָבער חלילה ניט צו הרגנ׳ן, ער האָט נאָר געהאַט א טענה: וואָס האָסטו מיך ניט געלאָזט קושען מיט מיינע טעכטער און מיט מיינע קינדער, איך וואָלט דאָך דיך געווען אוועקגעשיקט מיט געזאַנג און מיט פרייד, און ווי לויט די תורה דערצעהלט, האָט ער זיך מיט יעקב׳ן און מיט זיינע קינדער זיך פיין אָפגעזעגענט, זיך געקושט מיט זיי, און האָט מיט איהם כורת ברית געווען.

פרעגט זיך: ווי אַזוי קען מען זשע לבנ׳ן שטעלען נידריגער פון פרעה׳ן?

דער ענטפער איז זעהר א לאָגישער, און דער בעל הגדה איז דאָך גע־רעכט.

די אידישע געשיכטע פון פיעל טויזענדער יאָהרען באַווייזט אונז, אז אידען קומען ניט אום פון שווערד און פון געפערליכע פיינונגען. די שונאים פונ׳ם אידישען פאָלק זיינען ניט געווען אין שטאַנד אומצוברייג־גען אידען מיט כל־ערליי כלי זיין, מיט פייער און בלוט, ווייל דער נביא האָט פאַרשפּראָכען: „כל כלי יוצר עליך לא יצלח", און גאָט האָט אונז באַשטימט פאַר אַן עם עולם, ברית מלח. פאַרקעהרט, וואָס מעהרער מען פייניגט אידען — מעהרער מעהרען זיי זיך „וכאשר יענו אותם כן ירבה וכן יפרוץ". הויבט אָן פון פרעה, עמלק, נבוכדנאצר, אספינוס, אדרינוס, טיטוס, אנטיוכוס, מסעי הצלב ביז די אינקוויזיציעס און אַלע בלוטיגע מלחמות און פּאָגראָמען, זיינען די אידען געבליבען לעבען, און די פייניגער און מערדערישע פעלקער זיינען ניט געבליבען אויף דער וועלט ארענע.

וועלכער געפאַהר איז יאָ פאַראַן, וואָס קאָן אומברייינגען, חלילה, דאָס אידישע פאָלק? דאָס איז די אסימילאַציע „ויתערבו בגוים וילמדו ממעשיהם". דעם סוד האָט געוואוסט בלעם הרשע, און ער האָט גע׳עצה׳ט בלק׳ן, מען זאָל מפקיר זיין די בנות מדין, כדי אידען זאָלען זיך אסימילירען מיט זיי, וועלען זיי ווערען אומגעבראַכט. דעם סוד האָבען געוואוסט די גריכען בימי אנטיוכוס, וועלכע האָבען געמאַכט פיעל אידען פאַר העלענים־טען, נאָר די חשמונאים האָבען געראַטעוועט דאָס פאָלק מיט זייערע שטרענגע קאַמפּען פאַר אידישקייט. דאָס זעלבע איז געווען בימי עזרא ונחמיה,

וועלכע האָבען געריינינגט די עולי הגולה פון אסימיליאַציע, און האָבען גע־הייסען אוועקשיקען זייערע גויעשע פרויען.

יעצט וועלען מיר פאַרשטעהן, פאַר וואָס לבן איז געווען ערגער פון פּרעה'ן. פּרעה האָט געוואָלט פאַרטיליגען אידען קערפּערליך מיט פייַן און שווערד, און דאָס האָט זיך איהם ניט איינגעגעבען, ווייל „כל כלי יוצר עליך לא יצלח" און פאַרקעהרט „וכאשר יענו אותו כן ירבה ויפרוץ"; אָבער לבן הארמי — ווי די תורה שטריכט אונטער דעם טיטול „הארמי" אַן „אַראַמייער" אַ פיעל בלוטיגער אַראַמייער, האָט געוואָלט אסימילירען זיינע קינדער, די אייניקלאַך, און ער האָט זיי אַראַמיזירט מיט דער אַראַמייע־שער קולטור, און זיי האָבען געהאַט ביי זיך די „אלהי הנכר", די אַראַמיי־אישע געטער, ווי עס שטעהט אין דער תורה, ווי יעקב האָט געזאָגט צו די קינדער, ווען זיי זיינען אוועק פון לבנ'ן: „הסירו את אלהי הנכר והחליפו את שמלותיכם והטהרו". אויך דערצעהלט אונז די תורה ווי לבן האָט גע־טענה'ט: „הבנים בני והבנות בנותי", איז דאָך קשה וואָס הייסט „הבנים בני והבנות בנותי", יעקב איז דאָך זייער פאָטער, נאָר דאָס מיינט, אַז די קינדער געהען נאָך דער אַראַמייאישער קולטור, און זיי זיינען לבנ'ס גייס־טיגע קינדער. ביי דעם כריתת הברית האָט לבן הארמי גערופען דעם פּלאַץ: „יגר שהדותא" אויף אַראַמייאיש, און יעקב, וועלכער האָט געקעמפט גע־גען דער פרעמדער קולטור, און געקעמפט פאַר העברעאיש, האָט גערופען אויף העברעאיש ג ל ע ד. די תורה, וואָס קאַרגט שטענדיג אין ווערטער האָט איבערגעגעבען די פּרטים דעם קאַמף פון צוויי קולטורעס. און יעקב האָט זיך טאַקע געקאָנט דערנאָך באַריהמען פאַר זיין ברודער עשו: עם לבן גרתי ואחר עד אתה, ווי די גמרא ערקלעהרט „ותרי"ג מצוות שמרתי", יעקב האָט ערקלעהרט עשו'ן, אַז מיט דעם כח פון גייסט קאָנען אידען בייי־שטעהן אַלע שטראָמען פון פרעמדע פעלקער.

יעצט איז פאַרשטענדליך דער מאמר פון דעם בעל הגדה: צא ולמד מה בקש לבן הארמי לעשות ליעקב אבינו, שפרעה לא גזר אלא על הזכרים — אומצובריינגען קערפּערליך די זכרים — כדי אידען זאָלען זיך ניט קאָנען מעהרען אויף דער וועלט, און דאָס האָט זיך איהם ניט איינ־גענעבען, פאַרקעהרט: „וכאשר יענו אותם כן ירבה וכן יפרוץ" — ולבן בקש לעקור את הכל, ער האָט געוואָלט אויסרייסען אַלעם מיט דעם וואָר־צעל, צו אסימילירען יעקב'ס קינדער.

דער פּלאַץ ערלויבט מיר ניט צו בריינגען מעהרער, און פיליכט נאָך בעסערע לאָגישע נאַציאָנאַלע פאָלק רעדעס. מיר האָפען, אַז עס וועט קו־מען אַ צייט ווען רבי ראָזענבלאַט'ס דרשות וועלען ערשיינען אין אַ ספר.

אין נאָמען פון זיינע צוהערער, די מתפללים פון קאָנגרעגיישאָן „בית יוסף" ווינשען מיר איהם צום 60טען יאָהריגען יובילעאום דיעזע ברכה: „מצהרים יקום לו חלד".

צווייטער טהייל

אין העברעאיש

רשימה פון אידישע סאָלדאַטען, וואָס זיינען געקומען צו
קבר ישראל אויף דעם קיעווער בית עולם

ברכה לידידי הרב משה רוזנבלט

ב"ה, שלישי בחשון התרצ"ז.
אל ועד היובל לכבודו של ידידי הנכבד
רב פעלים הר"מ רוזנבלט הי"ו.
אדונים נכבדים מאד:

נתתם שמחה בלבי על ידי מכתבכם הנכבד שהודעתוני כי אתם עומדים לחוג את שנת הששים של האדם הנעלה, הסופר החשוב, העסקן החרוץ והאיש המסור לכלל ישראל ולכל פרט שבו רבי משה רוזנבלט.

כדאי הוא האיש הדגול הזה, כי יהא שכר לפעולתו הגדולה והקשה בתנאים שונים ובצורות שונות, תמיד לטובת עמנו ולתחיתו. ויפה הדבר כי מכבדיו מתאגדים ומתאחדים לשם החגיגה הזאת ולשם התועלת העומדת לצאת מחגיגה לטובתו של חתן החגיגה.

התחזקו והתאמצו בדבר היפה והנכון הזה להראות ולהוכיח כי יש רעים וידידים, מרגישים ומעריצים למי שראוי לידידות ולהרגשה, וה' יהא עמכם להצליח בעבודתכם להכשיר את האפשרות לידידנו בעל היובל למלא עריגת נפשו לבוא לאה"ק ולהתישב שם מתוך הרחבה.

בכבוד ובב"צ,

מאיר ברלין

ליובל עסקן מזרחי

ב"ה. כ"ז תשרי, תרצ"ז.
כבוד האדון הנכבד והמשכיל
מר אברהם גולדגייל, שלום.
אדון נכבד:

בתשובה על מכתבו מחוהמ"ס העבר, הנני שמח לשמוע מפי מכתבו שעדיין נמצאים במדינה זו אנשים נכבדים המכירים ויודעים להעריך ערך אדם נכבד ועסקן צבורי ומזרחי נלהב כידידי הרב הגדול ר' משה ראָזענ־בלאַט. זה שנים שמעתי על דבר מסירותו הגדולה לכל דבר טוב ומועיל הנוגע ליהדות, מסירות שהגיעה ממש למסירת נפש וסכנת נפשות. ועתה

מיום בואו לניו־יארק היה לי העונג להכירו פנים־אל־פנים ולהוכח שכל מה שספרו אודות פעולותיו הגדולות לעמנו ולארצנו לא היו רק ספורי בדים אלא ממש דברים כהויתם ואישיותו היא אישיות נמרצה של נשמה עדינה ולב מרגיש בענות עמנו האומלל. ואין כל ספק אצלי שהכבוד אשר ידידיו ואוהביו מרגישים לכבדו ולחוג חג יובלו הששים הנהו רק שכר מצער בעד עבודתו הקשה אשר עבד.

והנני מצטרף אל אלפי מכיריו ומעריציו, חוגגי החג לברכו שימשיך עוד שנים רבות עבודתו הגדולה והקדושה בעד ארץ הקדושה, עם קודש והתורה הקדושה.

יהי רצון שיתברך ברוב נחת יחד עם משפחתו לאורך ימים ושנים, חיים של הרחבה ושלות גוף ונפש ויתברכו כל תומכיו ומחזיקיו כהבטחת חכמינו ז"ל תיכף לת"ח ברכה.

אחד ממוקיריו ומעריציו של בעל היובל,

יעקב לעווינזאָן

רב דחובבי תורה, ברוקלין, נ. י.

והאיש משה...

מאת א. ל. גלמן

נשיא הסתדרות המזרחי באמריקה

באיזה דברים ה א י ש ניכר?

— בתמימותו, באמתותו ובפשטותו.

אלה הן הסגולות הנפשיות שכל בני־עליה מצטיינים בהן.

התמימות הוא אופי־מיוחד של האיש המרומם. ישנם אנשי־רוח הנושאים על כנפי־דמיונם השקפת־עולם מסוימה ולוחמים בעדה בחרוף־נפש להתפיסה בחיים־המציאותיים, ודרכם אי־צלחה. גרעיני הרעיון אינם נקלטים בלבות בני־האדם לא מפני קוצר־הנשוא, אלא מפני שנושא הרעיון לקוי בחסרון התכונות הללו המביאות לידי זעזועי־הנפש והשפעת־הרוח.

המשפיע והמושפע — שנים שהם אחד. כשם שהמשפיע רוצה להשפיע כך המושפע רוצה להושפע, ואם שלהבת־רוחו אינו מתלהב ואינו מזוקק בזיקה־רוחנית, באשמת המשפיע הוא. גדולה היא ת מ י מ ו ת ו של מחולל־הרעיון יותר מכל הכחות־הנפשיים שבו. העם מרגיש בחושו הדק

ובהכרת־נשמתו את רצינותו של יוצר־התנועה, איכותה ומהותה. אם חסרה לו אותה ההרמוניה הפנימית הנובעת ממקור התמימות והשלמות, תמשך השפעתו רק לזמן מה או תחסר לגמרי.

האמת שותפו של ה א י ש הנעלה. קו־יסודי זה נטוי בהליכות־עולמו ובמעשיו היום־יומיים. דרכי־עקלתון של הפוליטיקה המגוהצת המכונת תמיד את פניה כלפי הרוחות וניזונת את עצמה מצביעות ודו־פרצופיות — סמויים לפניו. רחוק הוא בכל ארחי־חייו מותורים ופשרות כי טבעו ותכונתו אינם סובלים אותם. האיש הבטוח באמתו דורך בשבילים מסוימים וקבועים, גודר לו גדרים חזקים ומצוקים ואינו זז מהם, כי בנפשו הוא — נפש האמת בת לויתו.

ובשלשלת־איכותית זו טבועה עוד חוליה אחרת המוספת הוד והדר אל אישיותו המקסימה של בן העליה: פ ש ט ו ת, י ש ר נ ו ת ו ע נ ו ת נ ו ת. תום וענוה ממקור אחד יהלכון ובלתי נפרדים הם לעולם. דרכו של האיש — בהא הידיעה — לא בקשקושים ולא בקולי־קולות, כי אם חשאי, צנוע, דממה־דקה. מרגיש הוא בפנימיות־נפשו צרך־הכרחי למלא תפקיד־אנושי בשביל הפרט או הצבור, האומה או החברה וממלא את שליחותו זו בהצנע־לכת, בטוהר־לב ובמחשבה בהירה, וכשגמר את משלחתו פורש הוא לו לקרן־זוית, מתבודד בפנתו ונהנה מזיו־עבודתו...

* * *

וכשאני מהרהר ביותר במשה רוזנבלט ה א י ש — בעבודתו התרבותית הכבירה ובמעשיו הלאומיים המסתעפים; וכשאני מתבונן עמוק בקלסתר־פניו של הבונה העברי הצנוע, לוחם־התורה הענותן, והעסקן הלאומי התדירי בתקופה ממושכת של ארבעים שנה; וכשאני סוקר בסקירה מקפת את מלחמותיו והתקפותיו, יסוריו ומכאוביו, תלאותיו ולבטיו, הפנימיים והחיצוניים, החומריים והרוחניים במשך של שני דורות רצופים — צצה בי המחשבה: במה כחו גדול?

והתשובה כמו עולה מאליה:

— בתמימות דרכו, באמתת־מפעלו ובענות־רוחו.

וברכתי שלוחה לו לחג־הששים:

— יפרח, ישגה, ינוב ב ש י ב ה, ויגיע ל ג ב ו ר ו ת ־ ע ד כי יבא שילה.

המנהיג והחיל

ב"ה.

כבוד המכובדים־המכבדים
חברי ועד היובל
שלום וברכה!
אדונים נכבדים:

לכבוד ולמקור שמחה תחשב לי ההזדמנות לברך, בשם הנהלת המזרחי, את חתן היובל שלכם־שלנו, האי גברא רבא, רב המעשים והפעלים, אחד מחלוצי תנועתנו הראשונים, הרב החכם והסופר הנעלה, ר' משה רוזנבלט, יחי', ליום מלאות לו ששים שנה.

אישיותו של הרב רוזנבלט קשורה בקשר עם התנועה הציונית כולה. הרבה סבל בשבילה והקריב על מזבחה. אך אם עולם הציוניות הכללי רואה ברב רוזנבלט רק ציוני נלהב ונואם לאומי, מוצאים אנו בו נוסף לזה גם מנהיג וגם חבר, שר וצבא וחיל פשוט, כשהשעה דורשת לכך.

אם תרצו הריהו המנהיג המזרחי המנוסה המלהיב נפשות ומראה את הדרך הישרה אשר נלך בה. ואם תרצו הריהו „חיל" פשוט במחנה, המארגן מן המסד עד הטפחות. אין תכנית שהרב רוזנבלט ירא להוציאה לפועל ואין שום עבודה שאין הרב הגדול הזה מוכן ומזומן לקבל על עצמו ולהכתירה בהצלחה. אין המזרחי משמש לו מוצא למרצו הציוני, אלא מתאר את מעשה ידיו המפוארים שכל חלק ממנו נודע לו בחיבה יתרה.

אין לתמוה, משום זה, שבכל מקום שנמצא הרב רוזנבלט, אם זה בקיוב או בבסרביא או בפיטסבורג וניו־יורק, שם מתחיל המזרחי לצעוד צעדי ענק ושלהבת המזרחי עולה מאליה. המימות אישיותו הענקית ותכונת נפשו העדינה והמקסימה מדליקה בחשאי אש של קדושה בלבות כל אלה הבאים אתו במגע ומשא.

אשריך, הרב רוזנבלט, שזכית למעשים ופעולות גדולים. נקוה שעולם זה שהשפעת עליו ברוחך במשך עשרות בשנים יתעלה ויתקדש בקדושה של מעלה ובין יבין את אשר לפניו ויראה שתוכל להמשיך בעבודתך הקדושה בלי שום דאגה ומחסור אמצעים. יזכה ה' אותך שתבנה את ביתך בארצנו הקדושה ותאריך ימים עם רעיתך שהיא עזר לך בעבודתך הרוחנית ותראו בהרמת קרן עמנו, ארצנו ותורתנו.

המברך בשם המזרחי,

מרדכי קירשבליום, מזכיר־ראשי.

על משה ראזענבלאט

כ"ז תשרי, תרצ"ז.

א. נ. חברי ועד היובל:

ברוכים אתם יקרים וחביבים על מפעלכם החשוב אשר הכינותם חג היובל למלאת ששים שנה לאחד הציונים הראשונים והעסקנים הנפלאים הרב רבי משה רוזנבלט יחי'.

נפלא הוא האיש הדגול מרבבה הזה בכחות נפשו, בזריזותו ובחריצותו על שדה הציונות והלאומיות. זה עשרות בשנים, אשר רק לשמע אזן שמעתיו ועתה זכיתי לראותו בבקרו אותי לפני שנתים במעוני, ואמצא בו הרבה יותר מאשר שמעתי.

הואילו נא אחים להכניסני בחברתכם ונחוג כלנו באהבה ואחדה את חג הששים שלו ונזכה עוד לחוג את חג השבעים ואור חדש יאיר אלהי ציון על ציון ומקראיה ונסו יגון ואנחה.

שחרוהו וברכוהו בשמי, אוהבו הנאמן,

צבי הירש מאסליאנסקי

לעדין הנפש ונקי הדעת

בעזה"י.

כאשר נודעתי, כי ידידי הרב משה ראזענבלאט נ"י מוציאים לאור ספר־יובל לחג שנת הששים לחייו, אבוא גם אני בזה להביע לבעל היובל דנן את ברכתי הנובעת מעומק הלב, שהשם יאריך ימיו ושנותיו בטוב ובנעימים ויזכה לרב אושר ועושר, ותחזינה עינינו בגאולת ישראל במהרה בימינו.

למותר לי להגיד כי חבה יתרה נודעת להרב הנכבד הזה ממני כל ימי שבתו אתנו. מוקיר אני את כשרונותיו הטובים, הוא עדין הנפש ונקי הדעת. אהבתו בלי מצרים לכל איש יהודי חובב עמו והארץ, וטוב לבו־רכשו לו אוהבים מכל החוגים בלי הבדל מפלגה ומפלגה.

לפני שנים מספר בקרתי את ארץ מולדתי פולין וגליציא, ונפגשתי

בווארשא עם אנשי קיוב עיר מגורו של הרב ראזענבלאט, ונסבה שיחתי עם האנשים ההם על אודותיו, והם מלאו את פיהם תהלתו, ויספרו לי עליו ממש ספורי נפלאות, איך השליך פעמים רבות את נפשו מנגד בימי המלחמה וגם בימי הפרעות לעזור לאומללים, לנודדים ופליטים אשר ברחו מן המהפכה של המלחמה לקיוב ומצאו ברבי ראזענבלאט אחיעזר ואחיסמך בעת צרה.

ובמקרה נתגלגל לידי מכתב עתי „היינט" בהיותי בווארשא, וקראתי איך סופר אחד מספר ע"ד תקופת הדמים באוקראינה, וע"ד עזרת הועד בקיוב לאלפי נודדים, ושמו של משה ראזענבלאט הורם על נס לשם ולתהלה. ויודע אנכי כי בגליציא נמצאים הרבה מאחינו שהגלו בשעת המלחמה לרוסיא ונושעו ע"י בעל היובל עד אשר שבו למקום מושבותיהם.

בדרישת שלום ואהבה ואחוה אני מברך בכל טוב ליד"נ לאוי"ט,

זאב וואלף לייטער, אבד"ק פיטסבורג והגליל

העברי והציוני

מאת דר. שמעון ברנשטיין, נויארק

ר' משה ראזענבלאט, שאת יובל הששים שלו אנו חוגגים עכשיו, הוא אחד הטפוסים הנהדרים שהופיעו בחיי עמנו בתקופת הבקר של רעיון תחיתנו הלאומית. זה היה הזמן שהביטוי „חבת ציון" היה לו תוכן חי ופועל וכיוון של אמת ואמונה. חיה היתה ופועלת, חיבה אמתית בין כל הציונים ונאמני התחיה, אחוזים היו וקשורים זה בזה ברגשי אהבה וידידות, ריעות ואחוה, ובשרש נשמתם היתה הוממת אותה ה א ה ב ה ה ע מ מ י ת, החיבה הלאומית הקדושה שעשתה את חיי הכלל לרגש של אושר בחיי הפרט. חברים היו ואחים, ואיש את רעהו היו תומכים ועוזרים באותה העזרה ההדדית המוסרית הגדולה, שכל טועמיה חיים זכו.

ר' משה ראזענבלאט מקיוב היה ה ס מ ל ה ח י לאהבה ולאחוה זו. ציוניות ולאומיות היו בשבילו עזרה ומסירות לכלל ולפרט. ותמיד היה מוכן לעזרה אנושית ולבבית זו במדה מפליאה. על אדות האידיאליזם שלו ומסירותו לתחית השפה והתרבות העברית בקהילות ישראל באוקריינה היו מתהלכות אגדות ממש.

בימי נעורי, כשהייתי עובד פעיל באגודת „שפה ברורה" בברלין

שעמדה אז — זה היה בשנת 1902-05 — תחת הנהגתו והשפעתו של ראובן בריינין, ויחד עם טובי הצעירים של התקופה ההיא יוסף לין, א. מ. גונצר, יהושע רדלר־פלדמן (ר' בנימין), דר. ב. סולד, יעקב ביימל ועוד חלמנו אז חלום התחיה העברית במזרח אירופה — תמיד היה מגיע לאזנינו שמו של הפועל הנמרץ והמסור לרעיוננו ברוסיה משה ראָזענבלאַט מקיוב. ידענו שבכל מה שנוגע לעבודת עם זו צריכים רק לפנות אליו, והוא היה נשמע לקריאתנו. הוא היה בשבילנו בארץ גלותנו סמל התחיה העברית ברוסיה.

ושוב הגיעו לאזנינו שמועות אגדתיות אדות אהבתו, ידידותו ומסירותו לכל אחד מבני עמנו, לכל אלה הסובלים, הגולים והנרדפים בימי המלחמה העולמית ושלטון הרשע ברוסיה. קיוב היתה עיר מחוץ לתחום המושב, וכל יהודי שבא לגבולותיה עלול היה להפגע באיזה פגיעה בקשר עם השלטונות. לא היה יום שלא היו אוסרים יהודים, והיו משליכים אותם אל הצינוק והמהפכת בשביל כל מיני חשדים וגזירות רעות, וכל יהודי ידע שיש עוזר בצרה. צריך רק לפנות לר' משה ראָזענבלאַט ותבא הישועה כהרף עין. הוא לא היה חושך כל עמל מגופו ונפשו, היה חוזר לכל מיני „החלונות הגבוהים" בכל לשון של בקשה ותחנה ודורון, והיה מציל את אחיו מצרה. וככה נמשכה פעולתו הנפלאה הזאת במשך כל ימי המלחמה, דרך שלטון הצאריזם ואפילו עם ראשית שלטונם של הבולשביקים, עד שכשל כחו הכישופי, והוא בעצמו נהיה לקרבן הרדיפה והתלאות בעד עבודתו הבלתי פוסקת בעד תרבות ישראל ודת ישראל.

וליום יובלו של ר' משה ראָזענבלאַט כדאי לגלות איזה „סוד" מחייו ופעולתו של האיש המצוין והיקר הזה. זה היה בזמן מאסרו ורדיפתו של ר' הלל זלטופולסקי ז"ל מקיוב, כשנפל אז בין צפרניהם של הפוליציה הבולשיביקית בתור „בורגני" ובעל הון, החרב החדה היתה כבר מונחת על צוארו, ורק על ידי שוחד הצליח להציל את נפשו ממות ולהמלט מבית האסורים לאויסטריה. זלוטופולסקי המיליונר היה אז בידוע תומך כביר של כל מיני המוסדות העבריים והדתיים, וביחוד היה מסור בחיבה רבה לבתי הספר העבריים. הוא ידע שבעזיבתו את קיוב כל המוסדות החינוכיים העבריים האלה נדונים לכליון מחוסר אמצעים וכסף תמיכה, מפני שבחדשים הראשונים של השלטון הבולשיביקי, עדיין לא הספיקו הייבסקים לבצר את „שלטונם", והשלטונות הרוסיים לא היו מפריעים את בתי הספר האלה. גם בשעה של סכנת מות לא שכח הלל זלוטופולסקי את המוסדות האלה, ובשעת המלטו לעבר הגבול הספיק להמציא להקהלה סכום כסף גדול בשבילם על ידי שליח נסתר ובלתי ידוע.

ויהודי קיוב והסביבה היו מתפלאים ומשתוממים: מהיכן לוקחים בתי ספר האלה את הכספים הדרושים לקיומם ולעבודתם? הלא הלל זלוטופולסקי נאלץ היה לעזוב אותם, וכלום נמצא נדיב ידוע חדש שבא

לעזר המורים והתלמידים, למען שלא תשתכח תורה מישראל? עד שנתגלה „מקיוב עד ברוד" מה שעשה זלוטופולסקי ברגע האחרון לפני עזבו את רוסיא — והתפלאו על „השליח" המפליא שהיה לו אומץ הלב לקחת עליו „שליחות מסוכנה" כזו בשעת חירום ואכזריות המונית — מבלי שידעו מי הוא זה ואיזה הוא אשר מלאו לבו לעשות כן.

השליח הנפלא הזה היה ר' משה ראָזענבלאַט. ותעמוד לו זכות זו של אהבת עמו ושפתו ותורתו היום בשעת יובלו הששים.

ברכות מאליפות לראש ר' משה החביב והיקר, ויהי ד' עמו ויעלֵ כה לחי.

ט"ו באב, תרצ"ו.

ברכות יעטה מורה

עשרה באב, תרצ"ו.

רבי רפאל שוחט ידידי:

צר לי מאד שלא ניתנה לי היכולת להשתתף בשמחת ידידי, אלופי ומיודעי הרב ר' משה רוזנבלט, שאת יובלו אנו חוגגים עתה. מה מאד הייתי שמח אלמלי יכולתי לכל הפחות לכתוב מאמר ארוך על בעל היובל ועבודתו לטובת עמנו וארצנו, עבודה המצטיינת במסירת נפש, בשקידה ובהתמדה בלי מצרים. זכיתי להכיר את בעל היובל בעירי הקטנה, בעודני נער ועדיין לא הגעתי לגיל בר־מצוה. הוא נזדמן לעירי בתור סוחר שבא להשתתף ביריד הגדול שנפל בחלקה של עיירתי, והוא כבר משכיל וחובב־ציון וסופר בישראל. הוא פרסם כבר שירים באותיות מנוקדות שקראתי בקושי, וגם מאמרים בעתונים. והסופר והמשכיל הזה קרבני, ואני אז חובש בית המדרש וממלא את כרסי בגפ"ת ומתעתד להיות רב ומורה הוראה בישראל. והנה בא האיש הזה, שנתארח בביתנו, וקרבני לספרות, תהה על קנקני ונבא לי גדולות, לטפני בדברים ובקשני להציץ ב„ספרים חיצונים" והזהירני להיות זהיר שלא אפגע ואכשל. וגם מסר לידי איזה ירחונים, שאת שמם אינני זוכר, ונסיתי לקרוא בהם ורצתי בהם „כיהודי באשרי". הקריאה משכה את הלב, היתה קלה ונעימה, ולא הייתי זקוק לקמט את מצחי ולהמית את עצמי באהלה. והדברים נכנסו כשמן בעצמותי וגירו את תאבוני לתוספת קריאה ב„ספרים החיצונים", ואת הזהרתו שמרתי בלבי. ומאותו יום נפתחה תקופה חדשה בחיי ילדותי. ואחרי זה — ימי הציונות בכל תקפם והדרם לא אחרו לבוא, ואני כבר הייתי מוכן ומזומן לקבל את

מרותה ולהספח לכהונותיה. אולם ידידי הרב רוזנבלאט היה מן הראשונים, אם לא הראשון, שעוררני לצאת מגדרי ולנסות את כחי בפה ובעט בתור דברן ציוני וסופר יהודי בשתי הלשונות.

מה מאד הייתי שש לקראת שעת כושר זו לתאר בשרד נאמן כל מעלותיו ויתרונותיו של חתן היובל, אחד מנאמני תנועת התחיה בכל גווניה. אבל אני עוזב, מפליג למדינות הים על מנת להשתתף בכנסיה היהודית העולמית ובישיבת הועד הפועל הציוני, והשעה אינה מספקת, והעורך דוחק, ואמרתי, מי יתן ומנחתי הדלה — המכתב הזה, שהוא מעין בטוי לרחשי תודתי לידידי הרב — תרצה לפניו ותערב עליו עתירתי כי יאריך ימים ושנים אתנו וימשיך את עבודתו הקדושה לטובת עמנו וארצנו ושפתנו, ומשאת נפשו, שלה הקדיש רוב ימי חייו, תקוים במהרה בימינו ועיניו רואות בגאולת עמנו.

בידידות נאמנה,

אב. גולדברג

הפודה ומציל

מאת הרב נ. שפירא

„אמר רבי שמעון בן יוחאי: ראיתי בני עליה והם מועטים". (סוכה, מה.) על מימרה זו יש להוסיף — ואף גם אלה המועטים והמצומצמים במספרם בכל דור, גם הם אינם זוכים כולם להכרה והוקרה מצד הקהל הרחב. רגילים הם בני אדם להעריך בן־עליה לפי רוב חכמתו, רחב בינתו ומידת כשרונותיו. אבל קנה־מידה זה להערכת האדם הוא מוטעה מעיקרא. צריכים אנו בכגון דא לשאול ראשית כל, מה פעל ועשה זה האיש בימי חלדו לטובת הסובלים והמעונים? ואפילו אם זכה זה להתרומם למדרגת גאון בדורו, אולם אם אין בגאונותו משום תועלת הכלל ואין בה השאיפה להיטיב ולשפר מצבם של הבריות, שוב אין בכחה של גאונות זו לעורר בנו כלום מלבד התפלאות או התפעלות על עצם הווייתה ואין בה אלא חידושה ותו לא מידי.

ולעומת זאת יש לציין, שלפעמים אנו רואים לפנינו איש בלתי מורם מעם לכאורה, אחד מאתנו, נתיבות חדשות לא פילס, אופקים נעלמים לא גילה ואעפ"כ יקר וחביב הוא לנו במידה שאנו מרגישים חובה מוסרית להביע לו רגשי חובה והערצה ולפרסם ברבים על צדקת פעולותיו וסגולותיו הנפשיות ולחרות את שמו בין אנשי השם ובחירי האומה.

טיפוס כעין זה האמור הוא בלי ספק הרב הסופר משה רוזנבלט שאנו באים היום לחוג את חג יובל הששים שלו. רבות פעל ועשה זה האיש משה בימי חייו על שדה עסקנותו הצבורית בעולם הישן, שם מעבר לים. כחות ענקיים ומרץ רב השקיע במפעלים צבוריים שונים, חנוכיים, לאומיים ותרבותיים והכל בחשאי ובצניעות יתירה, כי לא רדף אחרי כבוד ולא ביקש גדולה ופרסום לעצמו ולפיכך לא הפלה בין הצבור והיחיד. לדידיה הכל שווה ואין לו נפקותא בדבר אם צבור או יחיד הוא הזקוק לעזרה. העיקר הוא — לעזור ולהושיע, זוהי תעודתו בחייו וזהו סוד קיומו ותכלית הווייתו. ורבים מאד היו אמנם היחידים מכל הסוגים והחוגים שבאו אליו לבקש עזרה בצר והוא לא סרב ולא התנצל, אבל התחיל מיד בעבודה מזרזת בהתלהבות ובמסירות נפש ועזר והושיע יותר משהיה בחוג אפשרותו. וגם זאת לדעת, כי מידת האפשרות שלו היתה מוגבלת ומצומצמת מאד כל פעולה לטובת אחרים גרמה לו הריסת מצבו הפרטי ודלדול פרנסתו, פשוטו כמשמעו

מהמון הספורים, ספורי־פלא ממש, שאנו שומעים מפי מיודעיו ומקורביו, אפשר היה לחבר ספרים שלמים, אבל רוצה אני לספר בזה על אפיזודים אחדים שכותב הטורים היה להם עד ראיה.

זה היה לפני כעשרים ואחת שנה, בתחילת ימי המלחמה העולמית. אז יצאה גזירתו הידועה של צורר היהודים ניקולאי ניקולייביטש ע״ד הגרוש של היהודים החונים על יד גבולות אוסטריה וגרמניה. המונים מאחינו הנדחים והמגורשים מנחלותיהם, התחילו נעים ונדים מכל צד ועבר, דחופים ומבוהלים, מבלי דעת מה לעשות ואנה לפנות וגם אני ומשפחתי אז בין נדחי ישראל, משוטט אני בארץ לתור לי מקום מנוחה לי ולמשפחתי. והנה נזכרתי, שלפני זמן קבלתי מכתב מאת הרב משה רוזנבלט, שבו הוא מודיעני ע״ד הקולוניה למורים, נגועי המלחמה, הנערכת בבוירקה במרחק של עשרים מילים מקיוב העיר והוא מציע לפני להשתתף גם אני בקולוניה. בתחילה התיחסתי להצעתו בשלילה. לא ידעתי את הרב רוזנבלט פנים אל פנים ומידת הקבצנות בכלל היתה אז עוד, זרה לרוח האדם, אולם מכיון שעלי היה לעבור דרך קיוב בכל אופן ולהתעכב בה שעות אחדות, אמרתי. הבה אתבונן בקולוניה זו ואדעתי מה טיבה ומהותה. הפגישה הראשונה עם הרב רוזנבלט פעלה עלי באופן מקסים, שניתי את דעתי ונשארתי עם משפחתי בקולוניה. שמונה עשרה משפחות מצאתי בה, המורים הם מהידועים ומפורסמים והכל מסודר באופן מצוין. החברה מענינת, החיים עליזים, המזון ניתן בשפע רב, המקום מקסים ומצודד, מבלים את הזמן בין עצי אורן ופרחי חמד ואתה מוקף מרחב, יופי וזיו, אבל הרב רוזנבלט הוא היחידי שאינו מסתפק בזה, הוא משתדל אמנם בכל מיני האמצעים להנעים את חיינו עוד יותר, הוא מביא לנו אורחים מטובי העיר, ביניהם

גם את משוררנו ח. נ. ביאליק ז"ל ששהה בחברתנו ושבת אתנו יחד, אבל כל זה אינו שוה לו, הוא נזכר שאחרי ימי המנוחה בקולוניה יתפזרו המורים הנהרסים ממצבם איש לעברו וישובו לימי ענים ומרודים, ומוחו שקוע במחשבות כיצד לסדר ולבסס את האומללים האלה שלאחרי צאתם מכאן, יוכלו להמשיך את חייהם ללא סבל כבימים מקדם. יגע ומצא דרכים ואמצעים לסידורם וביסוסם.

כדאי לציין בזה עוד קו אחד המעיד עד כמה לא הסיח את דעתו מכל דבר קל־ערך לכאורה, אם רק יש בו משום המתקת חיינו ובידוח דעתנו. הנה נודע לו במקרה שכותב הטורים והרב אברהם יעקב העברי מנובוסליץ העיירה, משחקים אנו בשחמט, ועד מהרה הובא אלינו על ידו ועל הטבלא ערוך שיר קצר ויפה ומלא ענין, ספר עברי מענין אם נזדמן לידו, מיד הביאו אלינו. בימי שבתות שבת אתנו יחד והשתדל לבדח אותנו בזמירותיו ושיריו, רקד בעצמו — ודוקא על גבי השלחן, והרקיד גם אותנו והכל בכדי לגרש את העצבת ולפזר את המרה שחורה שהיינו שקועים בה מאי־הבטחון בדבר העתיד הקרוב.

והנה הכל טוב ויפה לכאורה ויכול היה משה שלנו לשבת מעט בשלוה, הקולוניה מתנהלת על צד היותר טוב, העתיד של המורים כבר בטוח פחות או יותר. המציא כמעט לכולם משרות־הוראה בבתי אולפנא שבעיר וסביבתה. כדאי להעיר, שבענין זה עזר לו הרבה מר חיים פיאלקאוו המנוח הפדגוג המצוין, הציר של חברת מפיצי השכלה ברוסיה. המורה מר רוקח מחעלעם שפקדו עליו הרופאים שלא יוסיף לעסק בהוראה מפני מחלת לבו, מצא ר' משה עבורו איזו חנות־מכלת ברחוב וואסילקובסקי. להרב אברהם יעקב העברי מצא לו משרת רבנות באחת הקהילות שבעיר, שכר לו דירה נאה מרוהטת יפה. וע"כ יכל היה הרב רוזנבלט להרגע, כאמור ולראות פרי ברכה בעמלו, עמל לא־אנוש, אבל לא כן היה עמדו, קפץ עליו פתאם רוגזם של שני מורים חולים מסוכנים והללו מררו את חייו וגזלו מנוחת נפשו וסבל מהם יסורי־תופת ממש.

זוהי פרשה מיוחדת לעצמה, מחוץ לקולוניה, הקובעת ענין לעצמה.

האחד — מורה צעיר מר ירושלימסקי חולה במחלת שחפת מסוכנת, להכניסו אל הקולוניה אי אפשר, שלא לסכן את האחרים, ואין מי שיסכים להשכיר לו דירה מטעם האמור, פרוטת נחושת אין בידו והוצאותיו מרובות, זקוק הוא למזון מבריא, לטיפול נמרץ ואויר טוב. אבל הרב רוזנבלט לא נבהל, ידיו לא נרפו, לא נח ולא שקט עד שמצא בשבילו דירה בביתם של אכר ואכרה זקנים לימים בכפר בודובקה הסמוכה לבוירקה הקייטנה, ובעד תשלום שכר הגון הסכימו לטפל בו, האכילוהו ושרתוהו ובמשך של ששה ירחים הבריא ושב לאיתנו.

השני — המורה מר יצחק ווילנסקי מורשה. הוא בא לביתו של מר רוזנבלט בלווית אשתו ושני בניו ובידו מכתב המלצה מהמורים הוורשאים: מר שמואל ליב גורדן, פונאטשוב, ליבושיצקי ואחרים. הם מציגים את המכ"ז לפני מר רוזנבלט בתור מורה מצוין עפ"י השיט ההטבעית, בעל ידיעות עמוקות ומקיפות ומבקשים ממנו לקחת אותו תחת חסותו ולהמציא לו את היכלת להתקיים בקיוב ולהתרפא אצל הפרופיסורים הקיוביים, הוא חולה במחלת גרון מסוכנת, קולו נדם והדבור אין בפיו. ושוב אותו הענין, אין שום אפשרות לסדרו. לפי שעה נשארו מתאכסנים בביתו של מ. רוזנבלט, הוא, אשתו ושני בניו, כולם סמוכים הם על שלחנו ומתפרנסים מסעודותיו של מר רוזנבלט שאינן מספיקות ביותר לבני ביתו כשהם לעצמם. מר רוזנבלט התפנה מעבודת ההוראה שלו, שעליה פרנסתו והוא עסוק יומם ולילה בריצה, דחיפה וחיפוש עד שהצליח סוף סוף למצוא עבורם איזו דירה בעמק היער, עזובה מבעליה. הוא שכרה והושיב בה את מר י. ווילנסקי ומשפחתו, אבל לא יכול להשיג מזון, בחנויות הסמוכות לא נתנו דריסת־רגל לבני המשפחה, דבר מחלתו נתפשט בסביבה, והוכרח מר רוזנבלט לספק לה צרכי כלכלה פעם בפעם. ושוב צרה, החולה סובל מאד מבדידותו הנוראה, אין איש מבקר אותו, כי מחלתו מדבקת ומסכנת, לא היתה למר רוזנבלט עצה אחרת, כי אם לבקרו שלש פעמים בשבוע ולשהות שעות רצופות בחברתו למען המתיק את מרירות הבדידות שהוא סובל ממנה כ"כ.

לא הועילו כל השתדלויותיו והחולה שבק חיים, דבר מותו נודע לרוזנבלט באישון לילה ועד הבקר כבר הכין עגלות בשביל בני הקולוניה וחברים מחוצה לה וכולם יחד הלכו ללוות את המת לעיירת איננטובקה הסמוכה לקיוב. קהל המלוים החריד את בני העירה, מחזה בלתי רגיל בעירה וכל בני העירה למזקן ועד נער נאספו לראות במחזה ולהשתתף בהלוית המת, גם הרב דמתא, הרה"ג והחכם השלם מר דוד'ל קאמינקער גם הוא בין הבאים — (הרב הזה שליט"א משמש עכשיו בתור רב באחת הקהילות החשובות בשיקאגא) — המנוח הוספד על ידי הרב רוזנבלט כהלכה. בדברים חמים צייר לפני הקהל את ערכו הרם של המנוח בתור פדגוג מצוין, אישיות מזהרת, חובב תורה ומענין לענין בא לדבר על בלהותיה של המלחמה ועל חלליה הרבים והעצומים ועל התלאות והצרות שבאונו לרגלה. דבריו פעלו והרעידו את הקהל המגוון ועוררו אותו לבכיה ויללה, הם בכו על האבדה הגדולה, על צרת משפחתו של המנוח שנשארה ללא מחסה ומגן ועל גורלו המר של העם כולו.

אשתו של המנוח ושני בניה נסתדרו גם הם על ידי מר רוזנבלט כמובן.

וכל זה האמור הוא כמובן רק ממה שראו עיני במשך שלשת הירחים

בערך אשר שהיתי בקולוניה, אבל מה ערך לכל אלה האפיזודים לגבי מה שידוע לנו מפי השמועה על אודות פעולותיו הכבירות שפעל ועשה לטובתם של קשי־יום ומרי־נפש.

וברכתנו נתונה לו, להרב משה רוזנבלט לחג יובל הששים שלו, כי יוסיף ללכת בדרכו זה, דרך הטוב והישר ויזכה לחוג את יובל השמונים שלו על הרי יהודה וירושלים. יהי ברוך ומבורך.

רבם של הצעירים המתלמדים

מאת שמואל פיטליק, פילאדלפיה

רשימות מיומני

יום ד׳, כ״ח בתשרי, שנת עת״ר, קיוב.

היום דרכו רגלי בפעם הראשונה על אדמת העיר קיוב. כמה זר לי הכל פה, זר הכל מסביבי. אין לי פה אח ורע...

הריני מתאכסן באכסניא פרטית. אומרים כי באכסניא זו אין מדקדקים בעניני „זכות ישיבה״... השוער והשוטר מקבלים „מתנת יד״ ומעלימים עין ממחוסרי „זכות ישיבה״.

